STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07757

MAYNE IBERLEBUNGEN

Israel Tabakman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל טאבאקמאן

מיינע איבערלעבונגען

(אונטער נאצישער אקופאציע אין בעלגיע)

פארלאג
י.ל.פרץ
ביבליאטעק
תל-אביב, ישראל

1957

ישראל טאַבאַקמאַן / מיינע איבערלעבונגען
פאַרלאַג פּרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב.
Allenby 59
Allenby 31

ISRAEL TABAKMAN / MEINE IBERLEBUNGEN

נדפס בישראל
Printed In Israel, 1957

דרוקעריי „אורלי", רח' יסוד המעלה, תל־אביב

אַ מצבה פֿאַר די אומגעבראַכטע —

אַ דערמאָנונג פֿאַר די לעבנגעבליבענע.



ישראל טאַבאַקמאַן

*

וועגן דער היטלער־תקופה אין אונדזער יידישן לעבן איז געשריבן געוואָרן אַ היפּש ביסל. ווייזט זיך אַרויס, אַז ס'איז נאָך אַלץ ווינציק. עס פעלן נאָך אַ סך פּרטים, וואָס זענען וויכטיק כדי צו האָבן אַ פול בילד.

כדי די געשיכטע זאָל זיין פול, מוזן אויפגעשנירלט ווערן אַלע רינגעלעך, דאַרפן צונויפגענומען ווערן אַלע פּרקים פון דעם, וואָס איז געשען און וועגן אַלץ, וואָס איז געשען אומעטום.

פאַר דער געשיכטלעכער פאָרשונג איז קודם כל נויטיק אַן אויספירלעכע, פּינקטלעכע כראָניק פון די געשעענישן, טרוקענע פאַקטן — נישט צוגעפּוצט און נישט אויסגעסאָרטירט לויט אַ באַשטימטן פּלאַן און לכתחילה אָנגעצייכנטער כוונה. ערשט אויפן יסוד פון אַט דער אמתער נישט צוגעפאַרבטער און נישט אויסגעקינצלטער כראָניק וועט מעגלעך זיין די געהעריקע געשיכטלעכע פאָרשונג און אירע מסקנות.

אַזאַ לעבנס־טרייע כראָניק ברענגט אונדז אין די ווייטערדיקע בלעטער חבר ישראל טאַבאַקמאַן. עס זענען דאָ אויפגעצייכנט פאַקטן וועגן אַ יידישער פאַמיליע אין בעלגיע, גראָד אַ שטאַרק געטראָפענער און פיל געפּרוווטער פאַמיליע מיט שווערע קרבנות, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיטן גורל, נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן און נישט געבליבן אָפּהענטיק אין די באַדינגונגען פון נאַצישער אָקופּאַציע און פליטים־וואָגלעניש.

די געשיכטע פון אַט דער פאַמיליע איז ענג פאַרוועבט מיטן גורל פון כלל און זי איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַנדערע יידישע פאַמיליעס אין יענער שלעכטער צייט.

דערין באַשטייט דער באַזונדערער ווערט פון אַט די בלעטער, וועלכע פּרעטענדירן נישט אויף ליטעראַרישקייט און קינסטלערישער

געטאָקטקייט. גריילעך אָט די אומטיטלבאַרקייט און אָן־פּניותדיקייט איז מוסף צו זייער חשיבות.

די כראָניק איז פול פּרטים. ס׳איז ממש צו באַוווּנדערן דעם זיכרון פונעם באַשרייבער, וואָס נאָך אַלע זיינע איבערלעבונגען און גורלדיקע נסיונות, האָט ער פאַרמאָגט כוח צו פאַרגעדענקען און איצט אַרויסצוגעבן עס מיט אַזאַ פּשטות און אמתדיקייט אויפן פּאַפּיר — למען ידעו.

געשיכטע פאָדערט אמתדיקייט און פּשטות. מיט די דאָזיקע מידות צייכענען זיך אויס טאַבאַקמאַנס בלעטער.

— מען דאַרף זיי געדענקען. — זיי דאַרפן געלייענט ווערן.

י. זרבבל

★

אין חודש סעפטעמבער 1939 האָט היטלער — אויפן מזרח־פראָנט — אויף אַן אכזריותדיקן אופן באַזיגט און דעראָבערט פוילן; דאַקעגן אויפן מערב־פראָנט קעגן פראַנקרייך האָט לאַנגע חדשים געהערשט אַ מאָדנער צושטאַנד: ספק אַ שפּיל אין מלחמה, ספק אָפּגערעדטער וואָפן־שטילשטאַנד. די סאָלדאַטן פון ביידע זייטן פראָנט האָבן זיך פריינטלעך אַדורכגעשמועסט — אָן צו געבן קעגן זיך אַ שאָס; און ווען ס׳איז זיי נמאס געוואָרן דאָס ליגן אין די אָקאָפּעס, זענען זיי רויִק אַרויסגעקראָכן וואַרעמען זיך אויף דער זון... „די לעכערלעכע מלחמה" האָבן די פראַנצויזן אָנגערופן דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

און פּלוצים, דעם 10־טן מאַי 1940, האָט היטלער אָנגעהויבן זיין געוואַלדיקע אָפענסיווע נישט נאָר קעגן פראַנקרייך, נייערט אויך קעגן אַ ריי אַנדערע נייטראַלע מלוכות — צווישן זיי בעלגיע, — מלוכות, וועלכע היטלער גופא האָט מיט אַ שטיקל צייט צוריק געוואַראַנטירט פון זייער נייטראַליטעט.

און שוין דעם ערשטן טאָג פון דער אָפענסיווע האָט, — ווי ס׳באַשרייבט דאָס אונדזער בעל הזכרונות, ישראל טאַבאַקמאַן — אַ וויסטע בהלה אַרומגעכאַפּט די ציווילע באַפעלקערונג און פאַרשטענדלעך, אין דער ערשטער ריי, די יידישע מאַסן אין בעלגיע. דאָס זעלבע, איבעריקנס, איז אויך פאָרגעקומען אין פראַנקרייך.

וואָס טון: בלייבן און אַריינפאַלן אין די הענט פון די נאַצי־דייטשע האָרדעס, צי אַנטלויפן און זוכן אַ מקום־מקלט אין דער פרייער אייראָפּע?.

ווער קאָן ענטפערן און באַשיידן די טראַגיש־גורלדיקע פראַגע? —

און די אויגן פון פאָלקסמענטש און אוודאי פון לאַנגיעריקן פאַרטיי־אָנהענגער — אומאָפּהענגיק אין וואָספאַראַ פאַרטיי עס גייט דאָ —

האָבן זיך געוואָנדן צו די יידישע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טוער, פון וועלכע זיי זענען געוווּנט געווען צו באַקומען אָנווייזונגען אין יעדן ערנסטן צי קריטישן מאָמענט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע פראַגן.

און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן — ווי אונדזער מחבר זאָגט — אַז אויך זיי, די פירער, „זענען אַריין אין ווירבל פון אַנטלויפן".

און דערמיט באַרירט דער מחבר איינע פון די וויכטיקסטע פראַגן פון דער דאָזיקער, טראַגישער פּאַר אונדז יידן, צייט.

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט געטראָפן דאָס יידישע פּאָלק — סיי דעם טייל, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון די היטלער־רדיפות, סיי דעם יעניקן טייל, וואָס איז געבליבן מחוץ די גרענעצן פון דער דייטשער אָקופּאַציע, נישט צוגעגרייט.

און בשעת דער שונא האָט שטופנוויז און גרינטלעך זיך געגרייט — נאָך מיט יאָרן פאַר דער מלחמה — צו „לעזן די יידנפראַגע", האָבן די יידן ערשט ביסלעכווייז זיך דערפון דערוווּסט, ווען די יידן־אויסראָטונג איז שוין אָנגעגאַנגען אין פולן טעמפּאָ, און דעם ביטערן נסיון באַצאָלט מיט בלוטיקע קרבנות.

ביז מ'איז דערגאַנגען צו דער פולער דערקענטעניש פון דער דייטשער אויסראָטונג־פּאָליטיק לגבי דעם יידישן פאָלק; און ביז ס'האָט זיך געשאַפן אַ נייער שיכט פון וועגווייזער און פאָלקס־פירער, זענען שוין גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק געווען חרוב ומחרב... און דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס מיט אים גרויסן מיר זיך, ווי מיטן הויך־פּונקט פון אונדזער ווידערשטאַנד — איז אויסגעבראָכן, ווען אין געטאָ איז איבערגעבליבן נישט מער ווי 10% [צען פּראָצענט] פון דער צאָל יידן, וואָס האָט אין אָנהויב דאָ געלעבט. 90% פון די יידן האָט צו דער צייט שוין געהאָט דורכגעגאַנגען דעם טויטנוועג פון טרעבלינקע...

אגב, אויף דער זעלבער דערשיינונג וואָס טאַבאַקמאַן, ווייזן אָן — אומאָפּהענגיק איינער פון צווייטן — דר. עמנואל רינגעלבלום אין זיינע נאָטיצן, געשריבענע אין וואַרשעווער געטאָ, און מרדכי טענענבוים־תּמרוף, אין זיינע פאַרצייכענונגען פון ביאַליסטאָקער געטאָ.

און ווי ווייט די יידישע אומקענטעניש פון דער סיטואַציע — סיי אויף מזרח סיי אויף מערב — איז דערגאַנגען, איז צו זען פון די פאַקטן, וואָס די בעלגישע יידן, אַנטלאָפענע פון זייערע היימשטעט, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן קיין דרום־פראַנקרייך, אינעם נישט באַזעצטן צו יענער צייט דורך די דייטשן געביט, פון וואַנען עס זענען געווען — אמת נישט קיין לייכטע, אָבער פאָרט געווען, מעגלעכקייטן פון בלייבן אויפן אָרט לעבן, צי אַריבערשמוגלען זיך אין אַן אַנדערער נייטראַלער מדינה — קערן זיך ס׳רוב אום נאָך אַ געוויסער צייט [סוף 1940, אָנהויב 1941] קיין בעלגיע אין דער איבערצייגונג, אַז מצד דעם אָקופּאַנט דראָט זיי נישט קיין טויט־סכנה...

דאָס זעלבע זעען מיר אויפן מזרח, ווו יידן, וואָס געפינען זיך אויף די פּוילישע געביטן, וואָס זענען באַזעצט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי סעפּטעמבער 1939, קערן זיך אום מאַסנווייז אויף די שטחים, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער דייטשער ממשלה.

און אין אין לאַנדסמאַנשאַפט־בוך ווערט אפילו די דאָזיקע דערשיינונג אָנגערופן — און מיט רעכט! — „עפּידעמיע פון צוריקפאָרן צום דייטש״.

און צוריקגעקומען צו זיך אַהיים, מ׳שטיינס געזאָגט, האָט מען תיכף אויף זיך דערפילט דעם גרויל פון דער צייט; איין גזירה יאָגט די צווייטע: די יידישע לאַטע, אַרבעט־צוואַנג, דאָ מעגסטו יאָ וווינען, דאָ נישט. — אין מערב הרגעט מען נאָך נישט אַן אַ פּאַרוואָס אַ יידן פראַנק און פריי אויף די גאַסן. איבריקנס, אויך אויפן מזרח איז נאָך פאַר־העלטנישמעסיק רויק — אָבער עס טראָגט זיך שוין אין דער לופטן: עס דראָט אַ סכנה דעם לעבן פון יעדן איינעם יידן... און ווידער די פראַגע, וואָס טוט מען אין דער־אַ ניי־געשאַפענער סיטואַציע: זוכן אַרבעט, נוצ־לעכע פאַרן דייטש און דערמיט זיין „געדעקט״ פאַר יעדער צרה שלא תבוא [אַז אויך דאָס איז נישט געווען קיין רעטונג — האָט מען זיך ערשט שפּעטער דערוווּסט, שוין צו שפּעט!], צי ווידער נישט אַרבעטן פאַרן פאַרשאָלטענעם שונא, אויסבאַהאַלטן זיך, גיין אין אונטערגרונד...

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן די יידן גופא: פון

איין זייט אַקטיוויסטן, וואָס שטרעבן אַנטקעגנשטעלן זיך דעם אָקופּאַנט, סאַבאָטירן זיינע פאַראָרדענונגען, און אָרגאַניזירן זיך, באַוואָפנען און מיט דער צייט אויפשטיין קעגן אים, אויב קיין אַנדערע ברירה וועט נישט זיין... און פון דער צווייטער זייט די פּאַסיוויסטן, וואָס פּרעדיקן אונטערטעניקייט צום צורר היהודים; וואָס מיינען, אַז מיטן אויספירן אַלע זיינע באַפעלן, מיטן טון „נוציקע" אַרבעט, וועט מען ראַטעווען — אויב נישט אַלע יידן, איז דעם „בעסערן טייל", די אַנגעזעענערע, די פּני, די אַרבעטפּעאיקע... בשעת איין אָן אָפענעם ווידערשטאַנד קעגן דייטש זעען זיי, די פּאַסיוויסטן, דעם פולקומען אונטערגאַנג פון אַלע יידן...

מיר ווייסן היינט, אַז רעכט האָבן געהאַט די אַקטיוויסטן מכל הבחינות, מיר ווייסן אָבער אויך צו אונדזער גרעסטן באַדויערן און ווייטיק, אַז די מערהייט פון פאָלק — באַוווסטזיניק צי נישט באַוווסטזיניק — איז נאָכגעגאַנגען די פּאַסיוויסטן, וואָס — ווי אַ יידישער שרייבער פון יענער צייט כאַראַקטעריזירט זיי: „אַלע זענען גרייט צו דער שחיטה און וואַרטן נאָר אויף אַ נס".

און אַזוי איז געשען, אַז אַ גרופּע פון 4 — 5 דייטשן פירן אַרויס הונדערטער יידן צום דורכגאַנג-לאַגער מאלין [בעלגיען, פון וואַנען עס פירט דער וועג צום טויטנלאַגער אין אוישוויץ] אָן שום ווידערשטאַנד פון זייער זייט... — און אויב ס'געפינען זיך אפילו צווישן זיי אַ פּאָר אַקטיוויסטן, זענען זיי לחלוטין אומבאַהאָלפן. איינע אַזאַ סצענע שטעלט אונדז פאָר טאַבאַקמאַן.

און דאָס זעלבע זעען מיר אויפן וויטן מזרח. אין ביאַליסטאָק וואַרפן זיך אויפן דייטש בשעתן אויפשטאַנד, אויגוסט 1943, צענדליקער צי הונדערטער שלעכט באַוואָפנטע אַקטיוויסטן, און צענדליקער טויזנטער יידן ליגן פּאַסיוו אויף די אַנגעוויזענע דורכן דייטש פּלעצער און וואַרטן... מ'זאָל זיי אָפּפירן צום אומקום...

און אין אַנדערע ערטער וואַרפט מען זיך אויפן דייטש מיט גאָלע הענט, וויל אויס מורא פאַר אייגענע ברידער האָט מען זיך נישט געקאָנט צוגרייטן קיין הייס געווער, צי אַנדערע כלים אויף צו פאַרטיידיקן זיך.

„דו וועסט ברענגען אַן אומגליק אויף אונדז אַלעמען״ — איז געווען די טענה פון די שטערער, אַ טענה וואָס קלינגט היינט אין אונדזערע אויערן ווי אַ טראַגיש־קאָמישער וויץ.

און נאָך איין פּראָבלעם ווידמעט אונדזער מחבר פיל אויפמערקזאַמ־קייט: נעמלעך די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די פּוילישע יזדן אין בעלגיע פון איין זייט און די נאַטוראַליזירטע בעלגישע יידן ווי אויך יידן עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד. די צווייטע קאַטעגאָריע באַצייכנט ער מיט איין וואָרט: „יאַהודים״. צווישן די צוויי גרופּן יידן זענען פאָרגעקומען טראַגי־שע רייבונגען. אָנפירן מיטן יידישן לעבן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע פירן אַן די „יאַהודים״, זיי זענען ליבער דעם דייטש, מיט זיי ווערן באַזעצט אַלע „געדעקטע״ פּאָזיציעס, זיי שטעלן צונויף די ליסטעס פון די יעניקע, וואָס דאַרפן „דעפּאָרטירט ווערן״ א. א. וו. — איז טאַקע נישט קיין חידוש, וואָס עס ווערן אין ערשטער ריי אַרויסגעשיקט די פּוילישע יידן. דער מחבר גיט אונדז אַן אַ ריי זייער בולטע און איבערצייגנדיקע בילדער פון אָט די נגישות, וואָס איין טייל יידן האָט אויסצושטיין פון צווייטן טייל...

אויך דאָס פּראָבלעם קענען מיר פון די מזרח־לענדער; די פּראָפּאָרץ אָבער פון דיביידע טיילן איז דאָ אַן אַנדערע. די געבראַכטע „יאַהודים״ זענען דאָ אַ מינדערהייט. אָנגעפירט מיטן לעבן האָבן די היימישע „עכטע״ יידן. אָבער רייבונגען זענען אויך דאָ פאָרגעקומען. און אַ דייטש־יידישער זשורנאַליסט, וואָס איז אויסגעזידלט געוואָרן פון דייטשלאַנד אין לאָדזשער געטאָ, האָט אפילו דאָ אָנגעשריבן אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג געווידמעט דער פראַגע, אונטער דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען: „Ost-West״, די מערבדיקע יידן האַלטן זיך פאַר עפּעס בעסערס און געניסן אויך פון זכות — מ׳שטיינס געזאָגט — פון אָקופּאַנט. אויב די לאָדזשער יידן טראָגן צוויי לאַטעס, איינע אויף דער ברוסט, די צווייטע אויף דער פּלייצע, טראָגט דער דייטשער ייד אין לאָדזשער געטאָ נאָר איין לאַטע: אויף דער ברוסט... און שוין דער אויסערלעכער צייכן — לויט דער נאַצישער פּראַקטיק — דאַרף אָנווייזן אויף דער פאַרשידנקייט פון די צוויי גרופּן יידן, וואָס מ׳קען — ביז צו אַ געוויסער צייט — העצן איינע קעגן די צווייטע...

אין ריגע ווערט אפילו געשאַפן אַ ספּעציעל געטאָ פאַר די דייטשע

„פריווילעגירט״ פונקטן איז אין געוויסע וואָס Reichsjudengetto" יידן כלפּי דעם געטאָ, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר די לעטישע יידן.

און דער גענעראַל־קאָמיסאַר פון ווייסרוסלאַנד האָט אַפילו אין זיינע ווענדונגען צו דער העכערער מאַכט, זיך איינגעשטעלט פאַרן לעבן פון די דייטשע יידן, שרייבנדיק אין אַן אַמטלעכן באַריכט: מילא מיטן אומברענגען די רוסישע יידן איז ער פולשטענדיק מסכים, דאָס זענען אונטערמענטשן, אָבער די דייטשע יידן, וואָס געהערן „צו אונדזער קולטור־קרייז״...

סוף־כל־סוף האָט איין גורל געטראָפן ביידע גרופן יידן. אָבער אין געוויסע מאָמענטן האָבן די רייבונגען פאַרשאַפט פיל בייז בלוט ביידע צדדים און די פרשה אין אונדזער טרויעריקער און פינצטערער געשיכטע פון י ע נ ע ר צ ײ ט גיט אויך נישט צו קיין ליכט דעם אַלגעמיינעם בילד.

פון די פאַר געבראַכטע, דורך אונדז, ביישפּילן זעען מיר, ווי ריכ־טיק עס זענען די אָבסערוואַציעס פון אונדזער מחבר אויף די געביטן, וואָס מיר קענען פון אַן אַנדערער סביבה און אַנדערע טיילווייז באַדינגונגען. דאָס נייע און דער פאַרדינסט פון מחבר איז דאָס, וואָס ער ברענגט אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור — אַ שטיק יידישע געשיכטע פון בעלגיע, אַ געביט, וואָס איז ביז איצט בפירוש דורך אונדז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן.

אין צוויי טיילן לאָזן זיך זיינע זכרונות איינטיילן:

דאָס איז דאָס וואַנדערן פון מחבר מיט זיין משפחה פון בריסעל, דורך גאַנץ פראַנקרייך, ביז צו די פּירענעען — אין די עצם־טעג פון דער דייטשער אָפענסיווע. די טעמע, ווי אויך דער אופן פון באַשרייבן איז אַ נאָווום אין דער יידישער ליטעראַטור. מיר האָבן אַ גענוג רייכע נע־ונד־ליטעראַטור פון דער צווייטער מלחמה; זייער אויסגאַנג־פונקט איז אָבער צומייסט מזרח־אייראָפּע; און דאָס איז פאַרשטענדלעך. דאָ האָבן דאָך גע־לעבט די גרויסע יידישע מאַסן; קומט אָבער אונדזער מחבר און דערמאָנט אונדז, אַז אויך אין בעלגיע האָבן געלעבט ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה יידן — אמתע פאָלקסמענטשן, וואָס זענען מיט זייער אַרט דענקען, מיט זייער שפּראַך (יידיש) גאָר און גאָר נישט אָפּגעשטאַנען פון זייער מקור, דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידן.

דער צווייטער טייל פון בוך גיט אונדז עפּעס אַנדערש; נעמלעך

עפּיזאָדן פון לעבן פון די יידן אין בעלגיע אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. מיר זעען פאַר זיך די ראָל און אַרבעט־טעטיקייט פון דאָרטיקן יודן־ראַט — גערופן מיט די ראשי תיבות אי. זש. ב. [פון Association Juif in Belgique — פאַריייניקונג פון די יידן אין בעלגיע], פון דער צווייטער זייט די ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון די יידן אין בעלגיע און אָנטייל אין איר פון מחבר. מיר געפינען דאָ נייע — נישט באַקאַנטע ביז־איצט פאַקטן, וואָס וואַרפן אַ ליכט אויף דער פּילזייטיקייט פון דער אַרבעט [דאָס אַרויסגעבן און קאָלפּאָרטירן אויפרופן און אַן אומלעגאַלע פּרעסע; דערונטער די צייטשריפט פון די פּוע״צ „אונדזער וואָרט״; דאָס אויסאַרבעטן אומלעגאַלע דאָקומענטן פאַר מענטשן, וואָס זענען טעטיק אין אונטערגרונד, דאָס אָרגאַניזירן געהיימע באַהעלטענישן פאַר די יעניקע יידן, וואָס זענען „איינגעלאַדן״ געוואָרן צו דער דעפּאָרטאַציע און זיך נישט צוגעשטעלט, ווי אויך פאַר די יעניקע, וואָס זענען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ און פון צוג אַנטלאָפן [געשפּרונגען], דאָס אָרגאַניזירן שטיצע פאַר זיי א. א. וו.] דער מחבר גיט אויך איבער וועגן די פילאַנטראָפּישע יידישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן ביז אַ געוויסער צייט עקזיסטירט לעגאַל: אַלגעמיינע קיך, שפּיטאָל, מושב זקנים א. א. וו. ווי אַ ווייטערדיקער עכאָ דערטראָגט זיך אויך צו אונדז דער אַקטיווער קאַמף פון די יידן [9 בריגאַדע] קעגן אָקופּאַנט און זיינע היימישע משרתים.

אַ פילפאַרביקע און אינטערעסאַנטע באַשרייבונג; און אין תוך פון די געשעענישן — געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע — קומט אויך צום אויסדרוק דעם מחברס פּערזענלעכע משפחה־טראַגעדיע, די טראַגעדיע פון אַ יידישער משפחה פון יענער צייט. ער אַליין מיט זיין ווייב ווערן צום סוף אויך פאַרשפּאַרט אין לאַגער מאַלין פון וואַנען עס פירט פאַר אַ יידן נאָר איין וועג: צום אומקום.

נישט אויף קיין דאָקומענטן שטיצט זיך דאָס בוך, נייערט אויף די פּערזענלעכע איבערלעבונגען פון מחבר; ער גיט פּינקטלעך און געטריי דאָס, וואָס ער האָט אַליין געזען און געהערט. און דערפון איז נאָך גרעסער דער ווערט פון בוך ווי אַ מקור צו געשיכטע, און אויב מיר ווילן צוגעבן, אַז דער מחבר פאַרמאָגט אַן אויג, וואָס זעט און כאַפּט אויף דאָס כאַראַקטע־

ריסטישע פון לעבן, אַ מיטפּילנדיק האַרץ, און האָט אויף זיך — ווי מ׳זאָגט אויף פּראָסט־יידיש אַ „געזונטן קאָפּ״, זעט און שאַצט אָפּ די געשעענישן מיט זיין געזונטן פאַרשטאַנד און שרייבט דערצו מיט אַ זאַפטיקן ריינעם יידיש — וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט נאָך צוריק מיט יאָרן פון זיין שטעדלעך [פוילן] און געוווּסט עס צו היטן אין משך פון די יאָרן, וואָס ער האָט געלעבט אין בעלגיע. — וועלן מיר קאָנען זאָגן, אַז פון בוך וועט געניסן און הנאה האָבן נישט נאָר דער היסטאָריקער, וואָס זוכט „געשיכטע״, נאָר אויך דער פּשוטער לייענער, וואָס זוכט אינטערעסאַנטן לייענשטאָף.

ד״ר נחמן בלומענטאַל

— היטלערס באַפֿאַלן בעלגיע איז פֿאָרגעקומען פֿרייטיק, דעם 10־טן מאַי, 1940. באַלד ביי דער ערשטער ידיעה וועגן איבערפֿאַל איז דער גאַנצער יידישער יישוב געוואָרן דעזאָרגאַניזירט. פּאַניק און שרעק האָבן באַהערשט די יידישע הייזער. יעדער ייד האָט געוווּסט, וואָס עס הייסט דאָס אַריינדרינגען פֿון די היטלער־באַנדעס און וואָס זיי טוען מיט די יידן אין די אָקופּירטע לענדער. יעדער איינער האָט גוט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס דערוואַרט אונדז. יידן אין בעלגיע זענען געוואָרן פֿולשטענדיק צעטומלט. מ׳איז אַרומגעלאָפֿן אין די גאַסן, ווי משוגע; געזוכט זיך צו ראַטעווען און נישט געוווּסט וויאַזוי.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפֿעניש. פֿון די פּראָווינץ־שטעט איז מען געלאָפֿן קיין בריסעל, פֿון בריסעל — קיין אויסלאַנד. רייכע יידן, באַזיצער פֿון אויטאָס, האָבן איינגעפּאַקט זייער פֿאַרמעגן און די ערשטע געלאָזט זיך צום גרענעץ. אָרעמע — אָנגעלאָדן דאָס נייטיקסטע אויף די פּלייצעס און גענומען שטראָמען מאַסנווייז צו די וואָקזאַלן.

נאָך מער איז די בהלה געשטיגן, בעת מ׳האָט דערזען דאָס עוואַקואירן די יידישע פּליטים פֿון דייטשלאַנד, וואָס האָבן ערשט נישט לאַנג צוריק געפֿונען דאָ אַ מקלט: אָט ווערן די אומגליקלעכע צונויפֿגעזאַמלט אין פּריוואַטע, לייִדיקע הייזער און פֿון דאָרטן — געפּאַקט אויף לאַסט־אויטאָס. מענער, פֿרויען און קינדער, אָנגעשטאָפּט ווי די גענדז און באַגלייט מיט אויסגעשרייען פֿון דער היימישער באַפֿעלקערונג: — „סאַל באָש, שפּיאָנען! סאַל זשוויוו!״ — אַזוי זענען זיי געפֿירט געוואָרן צו די צענטראַלע עוואַקואַציע־פּונקטן.

די דאָזיקע שנאה פֿון אַ גרויסן טייל אָרטיקער באַפֿעלקערונג לגבי יידן, איז נאָך פֿאַר דעם מלחמה־אויסברוך צוגעגרייט און געפֿלעגט

געוואָרן דורך דער בעלגישער רעאַקציע און איצט האָט זי טאַקע, ווי ווילדגראָז, געדייעט אין לאַנד. אָט די שׂנאה האָט נאָך צוגעגעבן בוימאייל צום פייער און די דערשלאָגנקייט און פאַרצווייפלונג איז געוואַקסן ביי די יידן פון שעה צו שעה. אפילו דער דורכמאַרש פון ענגלישן מיליטער דורך די בריסעלער גאַסן אויף זייער וועג צום פראָנט, האָט ווינציק וואָס געווירקט אויף די יידישע געמיטער: מ׳איז געלאָפן, ווי געיאָגט פון אַ בראַנד...

אויך מיין פאַרצווייפלונג איז געווען אין לשער. דאָך, הגם איך האָב גוט פאַרשטאַנען, צו וואָס אַ ייד קען זיין אויסגעשטעלט ביי די היטלער־פאַרשוינען — האָב איך פון דעסטוועגן נישט געכאַפּט זיך צו לויפן. איך האָב אַלץ איבערגעלייגט: ווי קען מען איינשטעלן אַ משפחה פון 16 נפשות אַרויסצולאָזן זיך אינעם וואַנדער בלויז מיט אַ רענצל אין האַנט?. ווי עס זאָל נישט זיין — איינס האָב איך פעסט באַשלאָסן: אויב יאָ שוין וואַנדערן, איז לכל הפחות — אָן פעק; צו זיין אַ היימלאָזער איז אַזוי אויך גענוג ביטער, היינט שלעפּ זיך צו דעם נאָך מיט פעק...

אַזוי האָבן מיינע מחשבות געדרייט זיך כסדר אַרום דעם זעל־ביקן; נישט איך האָב געקאָנט געפינען אַן אויסוועג, און נישט דערגייען עפּעס אַ טאָלק. נישט ווינציקער צעטומלט זענען געווען מיינע קינדער: אויך נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן... לויפן? איז ווידער דאָס אייגענע: ווי זאָל מען זיך געטרויען צו מאַכן אַזאַ שריט מיט אַזויפיל נפשות — גרויס און קליין?. לויט די טעגלעכע ידיעות ווערן די שאָסייען כפדר באָמבאַרדירט, באַן־ליניעס און צוגן ווערן אויפגעריסן, טויטע וואַלגערן זיך אויף די וועגן. ביי אַזאַ מצב — וואָס קאָן שוין העלפן דאָס לויפן?...

נישט לויפן — מיינט דאָך עס אָבער, אַליין איבערגעבן זיך היטלערן אין די לאַפּעס; וואָרעם בעלגיע איז שוין כמעט ווי פאַרשפּילט: נאָך אַ פּאָר טעג און בריסעל וועט אומפאַרמיידלעך פאַרפלייצט ווערן פון די ס־ס־לייט... אַ גרויסער טייל פון דער בריסעלער באַפעלקערונג ליגט אויפן וואָקזאַל, פון וועלכן די באַן פירט קיין פראַנקרייך. די צוגן גייען אָפּ זעלטן, פיינטלעכע אַוויאָנען פליען, ווי משחיתים, איבער די קעפּ.

דער טויט שטייט פאַר די אויגן פון אַלע זייטן און די אַלגעמיינע פּאַניק איז נישט צום באַשרייבן.

צו דעם אַלעם קומט נאָך צו די פאַרביטערונג אויף די יידישע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טוער, וואָס האָבן איבערגעלאָזט די עדה אויף הפקר און אַליין זיך צוגעאײַלט און אַנטלאָפן.

דעם 14־טן מאַי, דינסטיק, בין איך אַרויס אין גאַס געוואָר צו ווערן, וואָס ס׳הערט זיך. אַנטרעפנדיק נאָענטע חברים, געפרעגט בײַ זיי וואָס מען טוט? זאָל מען יאָ לויפן, צי נישט?... און זיי אַליין — וואָס? באַשלאָסן צו בלײַבן אין בריסעל, אָדער?... — האָב איך כמעט נישט באַקומען קיין תשובה. צי האָט מען נישט געוואָלט אויסזאָגן די אייגענע פּלענער, צי מען האָט פּשוט קיין צײַט נישט געהאַט צו רעדן קלאָרע דיבורים? אַלנפאַלס, פון זייער ענטפערן מיט אַ האַלב מויל האָט מען נישט געקאָנט ווערן קליגער...

ווען איך האָב שפּעטער געפרעגט בײַ אַ פאַרבײַלויפנדיקן באַ־קאַנטן — צי ווייסט ער, וואָס ס׳איז מיט דעם ראַט פון יידישע אָרגאַני־זאַציעס און צי בלײַבן זיי אין בריסעל? — איז שוין דער ענטפער געווען דווקא קלאָר:

— „וואָס, איר ווייסט נישט? דער פּרעזידענט פונעם ראַט איז נאָך זונטיק אַנטלאָפן און בײַם היינטיקן טאָג איז קיינער פון זיי שוין נישטאָ! דאָס ביוראָ מיט אַלע דאָקומענטן געלאָזן אויף הפקר, נישטאָ ווער ס׳זאָל באַהאַלטן, ס׳זאָל כאָטש נישט אַרײַנפאַלן אין די נאַצישע הענט...״.

אַזוי איז בײַ מיר אין האַרצן געוואַקסן די פאַרביטערונג קעגן אַלע אונדזערע פירער — סײַ בירגערלעכע, סײַ אַנדערע, מײַנע אייגענע חברים בתוכם. אויב די פירער פון ראַט, אָדער ענלעכע אינסטיטוציעס האָבן זיך אָפּגעטראָגן אין אַזעלכע ביטערע טעג פון צעטומלעניש און פאַרצווייפלונג און געלאָזט דעם יידישן ציבור אויף הפקר, זענען עס דאָך בירגערלעכע יידן „פון אַ גאַנץ יאָר״, וואָס שטענדיק היטן זיי די אייגענע הויט; אָבער אָנפירנדיקע חברים פון אַ רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־פּאַרטיי האָבן גע־

דאַרפט ברענגען זייער וואָרט צו חברים און, בעיקר, באַשליסן: עוואַקואירן זיך, אָדער בלייבן. אָבער, צום באַדויערן זענען זיי באַגלייך מיט אַנדערע אַריינגעפאַלן אין פּאַניק און לויפן, — דאָס האָט זיך מיר גאָרנישט געלייגט אויפן שכל...

אַלץ דאָס אין איינעם, ווי אויך דער איינדרוק, אַז אַלע יידן האָבן שוין פאַרלאָזט בריסעל — האָט מיך צום איבעריקן צעטרייסלט, און יענעם טאָג בין איך אַהיימגעקומען — אויך שוין אַ גרייטער צו לויפן. בפרט, אַז איין טאָכטער אונדזערע האָט אינצווישן זיך אויך שוין געהאַט אַנטשלאָסן, און באַנאַנד מיט איר מאַן און די שוויגער־עלטערן אָפּגעפאָרן פון בריסעל.

צו מיין צופרידנקייט האָבן אַלע קינדער איינגעשטימט איצטער מיט מיר. ווי דאָס וואָלט פריער אָפּגעשמועסט געוואָרן, איז באַלד אָנגעקומען פון גאָס אונדזער עלטסטער זון, מ א י ר, מיט אַן אינפאָרמאַציע, אַז דער לעצטער צוג קיין פראַנקרייך פאָרט אָפּ היינט, 5 אַזייגער. אויף גיך האָט מען גענומען פאַרפּאַקן דאָס סאַמע נייטיקע. מיט דער גאַנצער שטרענגקייט האָב איך דערביי אָפּגעהיטן, מען זאָל נישט אַריבערכאַפּן די מאָס...

ווער מיט אַ וואַליזקעלע אין האַנט, ווער מיט אַ קלומיקל אויף די פּלייצעס, זענען מיר אַרויס פון דער היים — 14 פּריש געבאַקענע וואָגלער... אַזוי האָבן מיר אַלע געלאָזט זיך צום וואָקזאַל, פון וואַנען די וועגן האָבן געדאַרפט פירן קיין פראַנקרייך.

אָט די שרעקלעכע איבערלעבונג, וואָס איך בין נישט מסוגל אויסצודריקן אין ווערטער — דאָס ווערן אין איין מינוט היימלאָזע וואַנדערער: יעדער איינער, פון קליין ביז גרויס, מיט זיין טאָרבע און מיט דעם פאַרביטערטן האַרץ — שווערער אַ סך פון דער טאָרבע, דאָס וואַרפן פון צייט צו צייט אַ בליק אויף הינטן און זען צום לעצטן מאָל דאָס הויז... — דאָס־אַ טראַגישע בילד וועל איך ביזן טויט נישט פאַרגעסן. באַנאַנד מיט די גרויזאַמסטע איבערלעבענישן, וואָס האָבן נישט

געפּעלט אין אונדזער שפּעטערדיקן לעבן — בלייבט יענע ערשטע פאַרקריצט אין מיר אויף אייביק.

מען מאכט ויברח

אָנגעקומען צום וואָקזאַל, איז אונדז ערשט פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן: אין דעם געבויי גופא און אויך אויפן פעראָן איז שוין בכלל קיין אָרט נישט געווען פאַר די אַלע, וואָס האָבן נאָך געוואָלט זיך אַריינשפּאַרן. דער גאַנצער, ברייטער צוגאַנג צו דער טיר — פאַרלייגט לגמרי. מענער, פרויען און קינדער מיט פּעק און וואַליזעס אָנגעשטעלט, אָנגעוואָרפן איינס לעבן אַנדערן און איינס אויפן אַנדערן אַזוי הויך און געדיכט — אַ שפּילקע אויף דר׳ערד נישט צו וואַרפן. היטלערס מיליטערישע באַנדעס זענען שוין געשטאַנען ביי די טויערן פון אונדזער היימשטאָט און ס׳האָט אויסגעקוקט, ווי די באַפעלקערונג פון גאַנץ בעלגיע וואָלט זיך אָפּגערעדט מיט איין מאָל צו אַנטלויפן: פאַרגרייט אין וועג, וואָס סע לאָזט זיך, איז מען פון פאַרשידענע לאַנד־קאַנטן געקומען אַהער צו, אויף גאר דעם מידי — און פאַרהאַמעוועט דעם אַריינגאַנג.

דער עולם איז געווען אויפגערעגט, געשפּאַנט און צעוויייטיקט. דערצו נאָך האָט דאָס רוישן פון פיינדס אַוויאָנען אָנגעוואָרפן אויף איטלעכן אַן אימה, די געשרייען און דאָס יאָמערן פון קליין און גרויס האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די בהלה.

זעענדיק, וואָס עס טוט זיך, האָב איך געזאָגט צו מיינע בני־בית:

— קינדער, לאָמיר גיין צוריק אַהיים: פאַרפאַלן — וועלן מיר בלייבן אין בריסעל!

אָבער קיין צוריק איז שוין אויך נישט געווען: מען האָט אונדז געהאַלטן אין איין שטופּן פאָרויס, צום וואָקזאַל צו — אַרויף אויף פּעק און אויף מענטשן; לסוף האָט דער עולם געטאָן אונדז די טובה און אַריינגעשפּאַרט אינעם בנין. ווי ניט איז האָט מען זיך באַזעצט מיט די

ווינציקע וואַליזקעס און מיין זון, מאיר, האָט זיך ערגעץ ווו אַדורכגע־שטופט געוואָר צו ווערן, ווען מ'וועט קאָנען אָפּפאָרן.

געקומען אַ ביסל צו זיך נאָך דער שטופּעניש, האָב איך גלייך דערשפּירט, אין וואָסער געמויזעכץ מיר האָבן דאָ אַריינגעטראָפן: הינ־טער מיינע פּלייצעס האָט איינער איבערגעגעבן די אַנדערע, אַז „דאָ געפינט זיך אַ באַנדע „סמויזן". (אויף מאַמע־לשון — יידן).

און באַלד ווענדט זיך צו מיר אונדזער יונגסטע טעכטערל, ר א ש ע ל:

— „פּאַפּאַ, רעד נישט איצט מיט דער מאַמעשי יידיש, ווייל די אַלע אַרום אונדז זענען שלעכטע בעלגיער"...

צום אומגליק האָב איך נאָך געהאַט אַ גוטן פריינד אַ ייד אַ הויקער — אַ פליכטלינג פון דייטשלאַנד מיט זיין דייטשער פרוי און אַ 12־יאָריקן זון. געפּלאַנעוועט האָט ער נישט אַנדערש, ווי פאָרן דווקא מיט מיר. נישט אַזוי ווייט אויס ליבשאַפט, ווי פון פּראַקטישקייט וועגן: אַ משפחה פון אַזויפיל „פּעקל־טרעגער" איז געוועזן ווי אָנגעמאָסטן פאַר זיין גרויסן באַגאַזש... ביז היינט קאָן איך נישט פאַרשטיין, וויאַזוי די דריי זענען בכוח געוועזן צו פאַרנעמען מיט זיך אַזויפיל וואַליזעס אין וועג, און ווי עס איז זיי געלונגען מיך אָפּצוגעפינען אין דעם געדראַנג. אָבער אַז מען פלייסט זיך, איז דאָך נישט שייך... ער האָט זיך אַדורכגעשטופּט דורכן עולם און באַזעצט לעבן מיר מיט זיין הויזגעזינד און מיטן גאַנצן געפּעק.

ווען מיין טאָכטער האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט, כ'זאָל נישט רעדן יידיש, האָב איך אים אויך געבעטן — אויך ער זאָל מוותר זיין און נישט פירן איצט קיין געשפּרעכן אין דייטש מיט זיין פרוי. איז ער אָבער געוועזן אַן עקשן און געהערט מיך ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי. ווען די אַרומיקע „פיינע לייט" האָבן פאַרנומען דאָס דייטשישע לשון, זענען זיי געוואָרן נאָך דרייסטער און גענומען גאַנץ געשמאַק פּרעדיקן וועגן דעם, אַז זייערע קינדער זענען אויף די פראָנטן, בעת אַנדערע (דאָ האָט מען אָנגעוויזן אויף מיינע צוויי זין: איינער — 14, דער צווייטער — 19 יאָר אַלט), גייען זיך ווייטער באַהאַלטן און אַז אַזויפיל „סמויזן" וועלן

איצט פֿאַרנעמען די ערטער אין באַן... עמעץ זאָגט גאָר, אַז דאָס זענען אײַגנטלעך נישט קײן „סמויזן", נאָר דײַטשן, און נאָך אײנער (אַלע זענען זײ פ ל ע מ ע ר) שרײַט שוין הויך אויף אַ קול: — „דאָס זענען דאָך דײַטשע שפּיאָנען!...

פּונקט אין דעם מאָמענט װערט אַ סומאַטאָכע בײַ דער טיר: מען ליאַרעמט, אַז אַ דײַטשע פּאַראַשוטיסטקע האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין װאָקזאַל. באַלד איז אײנער פֿון די פּלעמער אַ בעלן אָנצװײַזן אויף אונדזער ראשעל, אַז — „דאָס איז זי, די פּאַראַשוטיסטקע!"...

מיר האָבן זיך אָנטקעגנגעשטעלט און געדראָט מיט פּאָליציי. ס'זענען אויך געװען אײניקע בעלגיער, װאָס האָבן פֿאַרשטאַנען, װאָס דאָ קומט פֿאָר און זיך אָנגענומען פֿאַר אונדז. ס'האָבן אָבער נישט געהאָלפֿן קײן שום אויפֿקלערונגען, װײַל דאָס איז פּשוט געװען אַ באַנדע רעקסיסטן, װאָס האָבן נאָר אַרויסגעקוקט אויף אַ מינדסטער געלעגנהײט — צו קענען אויסשפּילן זײערע אַנטיסעמיטישע שטיק... מײַן פֿרוי האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און ס'איז געװען טאַקע פֿאַר װאָס: אַרום אונדז איז געװאָרן אַ געדראַנג און די לאַגע איז געװען העכסט געפֿערלעך.

נאָר אין רעכטן מיטן האָבן זיך פּלוצעם דערהערט געשרײען, אַז מ'האָט געכאַפּט די אמתע פּאַראַשוטיסטקע... דאָ איז אויך אָנגעקומען אונדזער זון, מאיר, װאָס איז נישט געװען בײַ דער גאַנצער בהלה: ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ װאַליזקע און גענומען אונדז אונטעריאָגן: — „דער צוג איז דאָ — קומט!".

ס'האָט לאַנג געדויערט, ביז מען האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דעם גיהנום און װידער מיט דער הילף פֿונעם עולם, װאָס האָט ממש געטראָגן אונדז אין דער לופֿטן. מ'האָט זיך קוים געקאָנט גלײבן, אַז מ'געפֿינט זיך שוין טאַקע אין צוג...

אין דעם װאַגאָן, װוּ ס'איז אונדז געלונגען זיך אַרײַנצוקריגן, האָבן מיר פֿאַרנומען אַ קופּע מיט צװײ לאַנגע בענק. דער אַרײַנגאַנג אַהין־צו האָט אויסגעקוקט, װי אַ מין באַריקאַדע. דער גאַנצער קאָרידאָר פֿון אײן עק ביזן אַנדערן איז געװען פֿאַרלײגט און פֿאַרװאָרפֿן מיט כלערלײ. אין אײלעניש צונויפֿגעשלעפּטן פֿאַרמאָג: קלומפּנס בעטגעװאַנד, באַלעבאַטיש

איינגעבונדענע און אויך אַזוינע, וואָס האָבן שוין באַוויזן אַרויסצוקאָפּען זיך פון די ליילעכער; קינדער־וועגעלעך און וואַליזעס, מלבושים און מאַטלעס (ד. ה. מאַטראַצן), קוישן — גרויסע און קליינע, קאַסטנס, שאַכטלען און אַנדערער דאָברע מזל — אויסגעמישט בוידעם מיט פּאָליצע אין איינעם. דאָס אַלץ איז געווען אָנגעהויפט כמעט ביז דער סטעליע, אַזוי אַז צווישן דעם אָנגעוואַלגער איז קוים מעגלעך געווען זיך צו באַוועגן. נאָר די ענגעניש האָט אונדז איצט ווינציק געקימערט: אַבי מ׳געפינט זיך שוין אינעם צוג!. געזען, אַז קיינער פון אונדז פעלט נישט, האָב איך זיך זייער געפרייט; געקומען אַ ביסל צו זיך — האָב איך געוואָלט, באַנאַנד מיט די קינדער, מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג אין אונדזער קופּע. אָבער ווי זאָגט אַ פאָלקסווערטל: „אַז עס איז באַשערט אַ צרה, קומט זי אַליין אין שטוב אַריין”... אויך אַצינד האָט מיין „דייטשישער פריינד” דערשנאַפּט וווּ איך געפין זיך. ער איז אָנגעקומען אַ פאַרשוויצטער און אַ פאַרסאַפּעטער מיט אַ טייל פון זיין לאַדונג, וואָס ער האָט פּשוט אַריינגעוואָרפן דורכן פענצטער; די פאַמיליע האָט ער אַריינגעשפּאַרט צו אונדז אין קופּע און אַליין איז ער תיכף פאַרשוונדן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ער האָט זיך ווידער באַוויזן, אַ באַהאָנגענער מיט וואַליזעס און פּעק. ער האָט דאָס אַלץ אַזוי אָנגעוואָרפן פאַר דער טיר, אַז מ׳האָט שוין אין גאַנצן נישט געקענט אַרויסרירן זיך פון קופּע. און ווידער איז מיר אויסגעקומען צו שטוינען, ווי אַזוי דאָס קליינוווּקסיקע מענטשעלע האָט עס באַוויזן אַדורכצושלעפּן זיין ווייב מיט דעם יינגל דורך דער ביז אים שוין אויך שפּאַרער באַריקאַדע...

ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן אַריינשלעפּן די זאַכן און צוגעשטופּט זיך ענדלעך צו מיר, האָט ער מיט אַן אונטערטעניק שמייכעלע געמאַכט מיר אַ פאַרוואורף — הלמאי איך האָב אים געלאָזט אַליין מיטן געפּעק...

מיר איז נישט געווען געלעגן זיך צו פאַרטיידיקן: אַליין האָט מען זיך דאָך אָפּגעזאָגט פונעם נייטיקסטן, אַבי צו זיין אַ גרינגער פּאַסאַזשיר אינעם וועג — וועט מען זיך באַלד לאָזן אָנהענגען אויפן האַלדז יענעמס געפּעק!...

און פּאַרט האָט זיין יאָוועץ זיך געפּטרט ביי אונדז די שטימונג און אויך אָפּגענומען דעם חשק פון לכתחילה — צו מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג אין דעם געהיי.

צו אומבאוווסטע ברעגעס...

נאָך אַ צוויי־שעהדיקן וואַרטן האָט דער צוג גענומען אָפּפאָרן לאַנגזאַם פון בריסעל. ענדלעך איז אינעם גאַנצן וואַגאָן געוואָרן טומלדיק, ווי אין אַ בינשטאָק, איטלעכער האָט זיך גענומען אָנסדרן זיין געפּעק; מען האָט געמאַכט פרייע דורכגענג און די באַריקאַדע איז געוואָרן קלע־נער. מען האָט שוין אפילו געקאָנט צוגיין צו אַ פענצטער אין קאָרידאָר און כאַפּן אַ ביסל לופט.

מיין „פריינד", וואָס האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיך און נישט אויפגעהערט צו דערוויזן, אַז אין דער ערגסטער סיטואַציע דאַרף מען אויך „קענען לעבן" — האָט אָבער פאַרמאָגט נישט זייער קיין געהויבענע טבע צו טאָן דאָס אויף יענעמס חשבון... באַלד האָט ער טאַקע צעפירט די ידים און גענומען באַלעבאַטעווען, ווי ביי זיך אין דער היים: קודם כל האָט ער אויסגעפּאַקט וואַליזעס און אַרויסגענומען פון דאָרטן קאָלדרעס מיט קישנס; מיינע קינדער האָט ער באַפוילן, זיך אויפהייבן פון דער באַנק און תיכף געמאַכט אויף איר אַ געלעגער. אַז דאָס געלעגער איז געווען פאַרטיק, האָט ער אַוועקגעלייגט שלאָפן באַקוועם זיין דייטשקע און דאָס יינגל — איינגעאָרדנט צופוסנס. אַליין האָט ער לעת עתה אַוועק־געזעצט זיך בנעימותדיק לעבן ווייב און, ווי קיינמאָל גאָרנישט, גענומען „שפּרעכן" מיט איר אויף זייער לשון. איך מיט מיין פרוי זענען געבליבן זיצן אָן לשון... מיר האָבן זיך איבערגעקוקט מיט די קינדער. זיי זענען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט. ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געהאַט חשק אָנצוכאַפּן דעם נפש מיט זיין ווייב פאַר די קעפּ און אַרויפוואַרפן אויף דער באַריקאַדע. האָב איך געבעטן מיין עלטסטן זון צו פאַרשווייגן: ערשטנס איז פאַר זיך אַליין אַ חרפה אַרומצורייסן זיך אין אַזאַ לאַגע און, צווייטנס — זיצן בשכנות בעלגיער און ס'קען קומען צו דעם זעלביקן,

וואָס פריער, אויפן וואָקזאַל; מיר וועלן שוין די נאַכט ווי נישט איז איבערקומען און אין דער פרי וועט מען זען...

די נאַכט פון שאָקלען זיך — אַלע אויף איין באַנק און לעבן דער באַנק — האָט זייער לאַנג זיך געצויגן, אָבער פאַרשטייט זיך, זי האָט אויך גענומען אַן עק. אַנקוקנדיק ביים פריען טאָגליכט די טויט־בלאַסע, פאַרמוטשעטע פנימער מיט רויטע, נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן ביי מיי־נע לייט, און פון דער אַנדערער זייט — די דריי אויסגערוטע נפשות — האָט מיך פאַרכאַפּט ביים האַרצן. נישט בלויז דערפאַר, וואָס דאָס רירט אַן מיינע אייגענע. איך האָב פשוט נישט געקאָנט פאַרליידן אַזאַ עוולה. כ'האָב נישט אויסגעהאַלטן און געפרעגט ביי מיין „גוטן פריינד", ווי מען פועלט עס ביי זיך אַראָפּצוטרייבן פון אַ באַנק 9 מענטשן, בכדי אויסצור־בעטן אויף איר אַ געלעגער פאַר דרייען? און — ווי פרעגט עס נישט אַ מענטש במשך פון דער גאַנצער נאַכט: — „אפשר ווילט איר זיך אויך אויסרוען אַ שעה?... — צי האַנדלט אַזוי אַן אינטעליגענטער מאַן, אַ מיט־גליד פון דער באַוועגונג? (צו אַלע צרות, האָט ער טאַקע — אַלס פאַר־שטייער פון דער יעווסעקציע אין ראַטנפאַרבאַנד, געאַרבעט אין בערלינער „געזערד").

נישט קוקנדיק מיר אין די אויגן, האָט ער געענטפערט, אַז ער קאָן נישט אַנדערש. זיין דייטשע פרוי איז געוווינט צו באַקוועמלעכקייט און מוז האָבן אַ געלעגער... דערביי איז שיער נישט אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל: די קינדער אונדזערע האָבן אים באמת געוואָלט אַרויסוואַרפן. מיט גרויס מי איז מיר געלונגען זיי איינצונעמען מיט דער טענה, אַז די רייזע וועט דאָך נישט דויערן אייביק...

מיטאַמאָל האָט זיך די באַן געשטעלט און אַלע האָבן זיך זייער דערפרייט — דערוויסנדיק זיך, אַז מיר זענען שוין אויף דער פ ר אַ ב־צ ו י ז י ש ע ר טעריטאָריע. אַזאַ גרויסע, ווימלדיקע סטאַציע, אַזויפיל באַן־ליניעס — אַהין און אַהער... דער טומלדיקער רעש אַרום, דאָס סאָפּען פון לאָקאָמאָטיוון — האָבן מיך ממש צעטומלט. אַ ווײַלע האָב איך נישט געוווּסט, וואָס מיט מיר טוט זיך און פון וואַנען קום איך אַהער.

אויפן פעראָן גופא — אַ גוואַלדיקע באַוועגונג פון מענער און

פרויען מיט פעקלעך — גרויסע און קליינע — אין האַנט. אַ חוץ דעם — עפּעס אַזויפיל וועגעלעך, אָנגעשטאָפּט מיט אַלעם גוטן: מיט געשניטן ברויט און אויפגעשניטענע זעמל, און מיט וואַרעמע געטראַנקען, ווי — מילך, קאַפע, קאַקאַאָ...

פרויען, וואָס האָבן געפירט די וועגעלעך, האָבן געטראָגן אַ קאַפּ־באַפּוץ פון ווייסע בענדער מיט אַ רויטן קרייץ, מענער האָבן געטראָגן אַזאַ זעלביקן באַנד אויפן אָרעם. מ'איז געלאָפן וואַגאָן־אַרויף, וואַגאָן־אַראָפּ; מען האָט געטיילט. פון צופיל רייד און געטומל האָב איך נישט געקאָנט דערגיין, וואָס דאָ טוט זיך. און אָט קומט אויך צו מיר צו אַ פרוי מיט אַזאַ באַנד אויפן קאָפּ. זי טראָגט מיר אונטער אַ קויש מיט אַלעם גוטן און פרעגט, וואָס איך ווינטש זיך? פון וויפל מענטשן ס'באַשטייט מיין משפחה?. אויב כ'האָב קליינע קינדער, עצהט זי מיר צו נעמען מילך, פאַר דערוואַקסענע — קאַפע, וואָס איז פאַרגרייט דאָ דערלעבן. זעענדיק מיין צעטומלעניש, נעמט זי מיך טרייסטן, אַז ס'וועט לאַנג נישט גע־דויערן: די דייטשישע באַנדיטן וועלן פאַרטריבן ווערן און מען וועט זיך קאָנען אומקערן אין די אייגענע היימען. זי רעדט און טוט — לייגט מיר אָן טאָרטינען מיט פּוטער, מיט ווורשט און מיט שאָקאָלאַד און דערביי הערט זי נישט אויף מיך צו טרייסטן.

איצט האָב איך ערשט ריכטיק פאַרשטאַנען, ווו איך האַלט אין דער וועלט: איך בין אַ הימלאָזער, מוז געניסן פון מענטשנס גאַסטפריינדלעכ־קייט, וואָרעם מיינע צען פינגער קאָנען מיך איצטער נישט שפּייזן. טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן און כ'בין גיך אַריין צוריק אין וואַגאָן.

באַלד האָבן זיך אומגעקערט די קינדער, וואָס זענען געגאַנגען מיך זוכן. אויך ביי זיי זענען די אויגן געווען פייכטע און ס'האָט אויסגעקוקט, ווי די עטלעכע טאָרטינען מיט דער פלאַש קאַפע זאָלן זיי אָפּשרפהן די פינגער.

פאַרשטייט זיך, אַז באַנאַנד מיט דער פאַרשעמטקייט צוליב דעם, וואָס מיר דאַרפן אָנקומען צו מענטשנס גאָב, איז אַ נייע נשמה אַריין אין

אונדז, זעענדיק, ווי דאָס פּראַנצויזישע פֿאָלק נעמט אויף ביי זיך מיט זיין גאַנצער ברייטהאַרציקייט די הימלאַזע וואָגלער.

כ׳וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן די גוטסקייט און איבערגעגעבנ־קייט, וואָס די פּראַנצויזישע בירגער האָבן אַרויסגעוויזן צו אונדז אויף אַלע סטאַציעס, ווו מיר זענען פֿאַרבייגעפֿאָרן. די אַרבעט פֿון „רויטן קרייץ״, דאָס קאָרמען אונדז מיט אַלדאָס מעגלעכע, און נאָך מער — דאָס טרייסטן אונדז מיט טרערן אין די אויגן — די גאַנצע באַציונג זייערע האָט אין אַ גרויסער מאָס געלינדערט אונדזער מערכה, געגעבן מוט און געהאָלפֿן — נישט צו פֿילן אויף אַזויפֿיל די היימלאָזיקייט און געבראָכנקייט.

בינו לבינה פֿלעגט מיין דייטשישער שכן מיט ווייב־און יונגל פֿאַר־שווינדן אַלע מאָל אויף די סטאַציעס און אומקערן זיך מיט פּעקלעך עסנ־וואַרג. פֿאַרשפּייכלט דאָס אויף גייך אין אַ פֿון פֿריער אויסגעליידיקטער וואַליזע, האָבן זיי ווידער געמאַכט די אייגענע רונדע — אַזוי, אַז ביז וואַנען דער צוג פֿלעגט נישט רירן פֿון אָרט, איז יענע קליינע משפּחה אַלץ געווען אין באַוועגונג.

און אָט איז מען ווידער אָפּגעפֿאָרן פֿון אַ סטאַציע, דוכט זיך, ר ו א ן — איר נאָמען. מיר האָבן זיך עטוואָס באַרויקט פֿון דעם רעש און געטומל און גענומען זיך עפּעס צו עסן. דערביי האָבן מיינע קינדער גע־האַלטן אין איין לויבן די גרויסמוטיקייט פֿון פּראַנצויזישע פֿאָלקס־מענטשן. איך האָב אויך נישט געקאַרגט זיי קיין שבחים — ווערליק זיי האָבן דאָס כשר פֿאַרדינט. בלויז דער שכן האָט נישט אָנטייל גענומען אין אונדזער התלהבות. און, באמת — קוים געקאָנט אָפּעטעמען פֿון טראָגן פּעקלעך און פֿון גיין אַראָפּ און אַרויף. ער האָט געעפֿנט אַ וואַליזע און מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז זיי נעמען זיך אויך צו דער אכילה. ווי דערשטוינט זענען מיר אָבער געוואָרן — דערזעענדיק, וואָס ער טוט מיט די טאַרטי־נען: ער נעמט פּשוט אַרויס פֿון דאָרטן דעם קעז, וווּרשט און שאָקאָלאַד — סאָרטירט אויס דאָס אַלץ אין באַזונדערע שטויסן, מאַכט פֿון דעם פּעקלעך און סדרט־אָן פּלאַנמעסיק אין דער אַנדערער וואַליזע. „אָפּגערייניקט״ אויף

דעם אופן דאָס גאַנץ ברויט, נעמט ער אַ טייל דערפון און לייגט שטילער־הייט אַריבער אויף אונדזער זייט.

— וואָס עפּעס וואַרפט איר מיר אונטער אַ ממזר?... — פרעג איך ביי אים.

— וואָס? איר דאַרפט נישט קיין ברויט? — זאָגט ער מיט אַ חניפהדיק שמייכעלע.

דערויף האָב איך אים געענטפערט מיט רוגזה, אַז פון מענטשנס גאָב בין איך נהנה בלויז אויף וויפל ס'איז אומבאַדינגט נייטיק, און דאָס אויך — בלויז דעמאָלט, ווען מ'דערלאַנגט עס מיר אויף אַ מענטשלעכן אופן.

איינזעענדיק, אַז אויף אַזאַ וועג וועט אים נישט געלונגען צו באַפרייען זיך פון דעם איבערפליסיקן ברויט־ראַמש, האָט ער דורכן פענצטער גענומען אַרויסוואַרפן דאָס בגנבה, מען זאָל נישט באַמערקן.

אויפגעטרייסלט ביז אין די טיפענישן פון זיין גראָבער האַנדלונג, האָב איך ביי אים געפרעגט, ווי וואָגט ער עס אַזוי שענדלעך צו מיסברויכן מיט מענטשלעכער גוטסקייט? און צי אַרט אים נישט לחלוטין, וואָס די נאָבעלע פראַנצויזן וועלן טראַכטן וועגן אונדז, אויפקלייבנדיק דאָס ברויט אויף די באַן־ליניעס?.

נאָר מיין אויסריידן האָט געהאָלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס און ער איז געבליבן ביי ס'זייניקע.

אַזוי האָט זיך ווייטער געצויגן די רייזע: אויף יעדער סטאַנציע האָבן אונדז אָפּגעוואַרט סיי פּשוטע פאָלקסמענטשן פון דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג, סיי דער „רויטער קרייץ" — מיט אַלעם גוטן. און דער נפש האָט געהאַלטן אין איין קלייבן די טאָרטינען, אַרויסגענומען דעם אויפלאַג און געשליידערט דאָס הוילע ברויט דורכן פענצטער.

נאָר אַזוי ווי ס'האָבן נישט געפעלט ביי אונדז קיין אַנדערע דאגות, האָט מען ביסלעכווייז אויפגעהערט צו לייגן אַכט אויף זיין שטייגער.

אַט איז שוין דער דריטער טאָג, ווי מיר פאָרן אויף דער פראַנצויזישער טעריטאָריע, און קיינער ווייס נישט, ווען צו דעם פאָרן וועט נעמען

אַ סוף און וווהין מען פירט אונדז; מיר ווייסן בלויז, אַז די באַן פירט אין דער ריכטונג פון מ י ד י ד ע פ ר א נ ס.

ענדלעך, ענדלעך — נאָך 4 מעת־לעת פאָרן, האָט דער צוג אינ־מיטן נאַכט אָפּגעשטעלט זיך ערגעץ אויף אַ קליינער, פּאַרוואָרפענער סטאַציע און ס'איז אונדז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז דאָ בלייבן מיר.

פינצטער־חושך — מען זעט נישט קיין מענטש פאַר די אויגן... נאָר, דערהערנדיק, אַז ס'האָט גענומען אַן ענדע צו אונדזער וואַנדערונג, ווערט מען אויפגעלעבט און איטלעכער איינער נעמט זיך אָן מיט מוט צו באַגעגענען די נייע איבערלעבענישן, אין דעם מקום־מקלט, וואָס איז שוין מסתמא פאַרגרייט פאַר אונדז אין דער געגנט.

אונטער א דאך

אַ ביסל שפּעטער זענען מיר אויסגעשטיגן. די באַריקאַדע פון באַן איז מיט איינמאָל אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אויף דער אַנדערער זייט פון די וואַגאָנעס און דאָס קליינע, טונקל באַלויכטענע וואָקזאַלעכל איז באַלד פול געוואָרן — אינעווייניק און פון דרויסן — מיט מענטשן און מיט געפּעק. דאָס וויינען און שרייען פון קינדער, דאָס טומלען זיך און ליאַרע־מען פונעם דערוואַקסענעם עולם — אַלץ אין איינעם האָט מוראדיק אומהיימלעך אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט.

פונאַנדערגעטיילט אין גרופּן, זענען מיר אַלע פאַרלאָדנט געוואָרן אין קאַמיאָנעץ — האַלב־ און אינגאַנצן אָפענע און אויך פאַרמאַכטע. די פּראָוויזן — ציווילע און זשאַנדאַרן, באַשעפטיקטע ביי דער דאָזיקער אַרבעט, האָבן אונדז זייער העפלעך באַהאַנדלט, געהאָלפן די פּאַסאַזשירן איינשטייגן, אַרויפגעשלעפּט דאָס געפּעק, גערעדט דערביי פריינדלעך, געטרייסט אונדז...

און ווידער — געפאָרן! וווהין מען פאָרט — ווייסט אויך איצטער נישט קיינער.

אין דער פינצטער בין איך געווען אַ בעלן נאָכצוזוכן, צי מיין

„דײַטש״ איז נישטאָ מיט אונדז, און — אויסגעפּינענדיק, אַז אין דעם קאַמיאָן איז ער, צום גליק, נישט בנימצא, איז מיר דערווײַל גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן: אפשר וועלן מיר גרופּנווײַז אָנשפּאַרן אין פאַרשידענע ערטער און מ׳וועט אים מער נישט באַגעגענען ?...

אָפּגעפאָרן אַ שטיקל צײַט אין דער פינצטערניש — האָבן מיר דערפילט, אַז עס הייבט אָן רעגענען, און שוין האָט געגומען גיסן אויף אונדז, ווי מיט קאַנען. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך בײַגעווױנט אַזאַ רעגן. וואָס זאָג איך: ר ע ג ן ? ! ס׳האָט זיך געשפּאָלטן דער הימל און געגומען פלייצן אויף אונדז גאַנצע ימען. באַלד איז געוואָרן פון אונדז איין אײַנגעקאָרטשעטע, דורכגעווייקטע מאַסע. נאָר ווי גרויס אַן אומגליק זאָל נישט זײַן, איז שטענדיק דאָ דערבײַ אויך אַ ברעקעלע „גליק״: אונדזער קאַמיאָן איז געווען פון די ווינציקע, טײלווײַז געדעקטע, און דאָס איז געווען דער געווינס. דאָס „גליק״ איז מיר אָבער נישט ווויל באַקומען, וואָרעם איך האָב געהאַלטן אין איין איבערקלערן: מה דאָך, אַז פון אונדז איז געוואָרן אַזאַ קאַשע, הײַנט — וואָס זשע טוט זיך אין די אָפענע קאַמיאָנען, אָנגעפּאַקט נאָך מיט קינדער ?...

מיטאַמאָל האָט זיך דער וואָגן אָפּגעשטעלט און דער שאָפער מיט נאָך איינעם, אַ ציווילן מאַן, האָבן אונדז געהייסן אויסלאָדן די זאַכן. זיי האָבן אונדז אויך געהאָלפן אַרײַנפּאַקן זיך אין אַ טיר, וואָס איז איצט געעפנט געוואָרן. מיר האָבן דערפילט אַזאַ פייכטן, פאַרדומפּענעם ריח — דעם אָטעם נישט צו כאַפּן.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און מיר זענען אַלע, באַנאַנד מיטן געפּעק — געווען אונטער אַ דאַך. ס׳האָט אויפגעבלישטשעט אַ בלאַסע שײַן — כ׳געדענק נישט, צי איז עס געווען אַ נאַפטלאָמפּ, אָדער עלעקטרע — און מ׳האָט דערזען, ווי מ׳קוקט אויס און וווּ מען געפינט זיך. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען ענלעך געווען אויף סטראַשידלעס. עס איז גאַרנישט צו באַנעמען, וואָס עס קאָן אין געציילטע טעג ווערן פון מענטשן !...

אין יענער רגע איז מיך באַפאַלן אַ ווייטיק און טיפער רחמנות אויף אונדזער עולם און אויך אַ צווייפל, צי די גאַנצע גוטהאַרציקייט פון די פראַנצויזן וועט עפּעס אויפטאָן בײַ אַזאַ עלנט.

אין שטיל־שווייגעניש איז מען דעם רעשט נאַכט איבערגעקומען.

ווי נאָר די פרימאָרגן שטראַלן האָבן געגומען אַריינשיינען דורך די שפּאַלטן פון די לאָדנס האָבן אַלע ווי איינער, פאַרצאָגט און איינגעקאָר־טשעט פון מידקייט, דורכגעגומען פון קעלט און נעציקייט, זיך אַ שפּאַר געטאָן צו דער טיר און אַרויס אין דרויסן.

אין דרויסן — קיין שפּור פון ביינאַכטיקן מבול. די זון שיינט און וואַרעמט. מען האָט צעקנעפּלט די דורכגעווייקטע מלבושים און די שטראַלן האָבן זיך דערקליבן ביזן לייב — אַזש ס׳איז געגאַנגען אַ פּאַרע. אויך די פּנימער האָבן ביסלעכווייז באַקומען אַן אַנדער אויסזען.

ביי מיר אַליין איז נישט געווען מער די נידערגעשלאָגנקייט פון אָקאָרשט. דאָס טאָגליכט, די מחיהדיקע זון־שיינעניש האָבן מיך ווי איבער־געביטן און דאָס לעבן האָט שוין נישט אויסגעקוקט אַזוי פינצטער. אָן אויפגעלעבטער, האָב איך זיך גענומען מוטיקן מיינע אחים לצרה און זיי — טיילווייז שוין איבערגעטרוקנטע און צעוואַרעמטע — האָבן זיך גערן געלאָזט פון מיר טרייסטן.

נאָר באַלד האָט אויף מיין הייטערקייט געדאַרפט פאַלן אַ שטיקעלע שאָטן: ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ חוץ אונדזער קאַמיאָן, האָט מען געבראַכט אַהער צו נאָך איינעם און איינקוואַרטירט די מענטשן אין צוויי באַזונדערע הייזער, פאַרלאָזענע דאָ שוין זינט צענדליקער יאָרן. און — וואָס זאָג איך ?... צווישן יענע, וואָס האָבן, פּונקט ווי מיר, אַרויסגעשאָטן זיך פון עם אַנדערן הויז, בכדי אויפצוטאָיען די גלידער — קאָטשעט זיך אויך מיין „פריינט״ מיט זיין משפחה, און אַלע דריי האַלטן שוין צו שטיקער שאָקאָלאַד אין די הענט... (זיי האָבן זיך טאָקע באַוואָרנט !...).

דערווייל האָט דער אָרטיקער עולם גענומען זאַמלען זיך אַרום אונדז, די הימלאָזע, און ס׳איז געווען זייער רירנדיק צו פאַרנעמען, ווי זיי באַדויערן אונדז מיט טרערן אין די אויגן.

פון זיי האָבן מיר באַקומען די ערשטע אינפאָרמאַציעס וועגן דעם פּונקט. מ׳איז געוואָר געוואָרן, אַז מען געפינט זיך נישט ווייט פון דער שפּאַנישער גרענעץ, אַז דאָס שטעטעלע הייסט ק א ז ע ר י ל און עס ליגט 300 מעטער הויך אויף אַ באַרג. פון ווייטנס זעען זיך אויף בערג, איינער

לעבן אַנדערן, מיט זילבער־באַשטראַלטע קעפּ: דאָס זענען די פּ י ר ע ־
נ ע ע ן, מיט אייביקן שנײ אויף די שפּיצן.

צוזאַמען זענען מיר געווען 62 נפשות אין קאַזעריל; אַלע —
יידישע פּליטים מיטן אויסנאַם פון עטלעכע בעלגיער — אַנגעזעענע ברי־
סעלער רעגירונגס־באַאַמטע.

באַלד איז אָנגעקומען דער בירגערמייסטער פון שטעטל אין באַ־
גלייטונג פון אַ זשאַנדאַר; באַגריסט אונדז, אויסגעדריקט מיטגעפיל און
אויך געטרייסט. דערנאָך האָט ער געמאָלדן, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג
האָט באַשטימט פאַר אונדז אַ סומע פון 10 פראַנק טעגלעך פער קאָפּ. דער־
ווייל האָט ער נישט קיין געלט. מיר וועלן דאָס אָבער באַקומען אין עטלעכע
טעג. ער האָט פאָרגעשלאָגן, מען זאָל זיך איינאָרדענען אין די צוויי
פאַרלאָזענע הייזער, ביז ס׳וועלן אויסגעפונען ווערן פאַר אונדז נאָך עטלע־
כע אַזוינע. לסוף — פאַררעגיסטרירט אונדז אַלעמען, און נאָך דעם, ווי
זיין באַגלייטער האָט געמאָלדן, אַז אין משך פון עטלעכע טעג זאָלן מיר זיך
אויך פאַרשרייבן אין דער זשאַנדאַרמעריע — האָבן ביידע זיך אָפּגעזעגנט
מיט אונדז און אַוועק.

די מעלדונג פונעם בירגערמייסטער, אַז מיר וועלן באַקומען
אַ געלט־געהאַלט, האָט מיך געטראָפן, ווי אַ דונער; איך האָב פאַרשטאַ־
נען, אַז מיר זענען געוואָרן היימלאָז אויף אַ לאַנגער צייט: ווער ווייס —
אויף ווי לאַנג?.

נעמענדיק אין אַכט, אַז ס׳ליגט נישט אין אונדזער כוח דאָס צו
ענדערן, האָבן מיר אַלע זיך גענומען איינאָרדענען, ווי מ׳האָט נאָר גע־
קאָנט. באַזאָרגט זיך מיט שטרוי, מיט קעסטלעך און ברעטער, פאַרגרייט
קיבלעס אויף וואַסער, וואָס מ׳האָט געדאַרפט שלעפּן פון ווייט. אויב שוין
יאָ קעסט־קינדער ביי די פראַנצויזן — טאָ זאָל מען כאָטשבי נישט זיין
קיין צעקראָכענע, פוילע, נאָר טאַקע מיט לייטן גלייך!.

ס׳זענען אַוועק עטלעכע טעג. מען האָט זיך ביסלעכוויז באַקאַנט
מיט די אָרטיקע איינוווינער, צומייסט — פרויען, קינדער און אַלטע לייט.
דינסטפעיקע מענער זענען געווען אויפן פראָנט.

כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון פויערים.

איינצלנע פרויען האָבן זיך פאַרנומען בלויז מיט דער הויז־ווירטשאַפט, די מערסטע האָבן געמוזט אויך באַארבעטן זייערע פעלדער. ביי אַ טייל פון זיי האָבן צוגעהאָלפן די קינדער.

מיינע קינדער האָבן געמאָלדן דעם בירגערמייסטער, אַז אויך זיי ווילן העלפן אין דער פעלד־אַרבעט. דאָס איז אים זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט זיי צוגעטיילט ביי איניקע פויערטעס צו דער אַרבעט. יעדן אָוונט פלעגן זיי אַהיימקומען מיט ברויט, מיט ווייַן און מיט פרוכט, וואָס זיי האָבן פאַרדינט — און דער נוצן איז אַזוי אַרום געווען אַ צווייפאַכי־קער: מען האָט זיך נישט אַרומגעדרייט ליידיק, און אויך — געהאַט גע־נוג עסן. דעם ביישפיל האָבן נאָכגעטאָן אַ סך יונגוואַרג פון אונדזערע פליטים־משפחות.

צו יענער צייט האָט מיין עלטסטער זון זיך שוין געהאַט דערוווּסט, אַז זיין פרוי, — געפינט זיך אין ר ע ו ו ע ל מיט איר פאַמיליע. אויך האָט זיך דאָרטן אָפּגעפונען אונדזער עלטסטע טאָכטער, נישט מאַכנדיק קיין שהיות, איז מיין זון תיכף אַוועק צו זיי. די קאָמוניקאַציע איז געווען זייער אַ שלעכטע, דאָס פאָרן האָט געמוזט נעמען אַ טאָג צייט, און אַזאַ רייזע איז אָנגעקומען גאַנץ שווער.

פון דעם ערשטן בריוו, וואָס מיר האָבן דערהאַלטן פון יענעם מקום, איז מען געוואָר געוואָרן, אַז כמעט אַלע חברים אונדזערע מיט די פאַמי־ליעס געפינען זיך דאָרטן און זיי באַדויערן זייער, וואָס איך בין פאַרוואָרפן אַליין צווישן פרעמדע אין קאַזעריל.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך ווידער געיאָוועט צו אונדז דער בירגער־מייסטער און געבראַכט דעם צוגעזאָגטן געלט־סכום. דאָס מאָל איז ער אַליין געווען דער מחלק; ער האָט אָבער פאַרגעשלאָגן, מ׳זאָל אים אָנווייזן עטלעכע מענטשן, וועמען ס׳זאָל אויך להבא איבערגעגעבן ווערן דאָס געלט צום פאַרטיילן. איך בין געווען איינער פון די אויסגעוויילטע צווי, אָדער דריי, דאָס געדענק איך נישט איצטער; און אויך נישט — צי איז די פאַרטיילונג פאָרגעקומען וועכנטלעך, צי בלויז יעדן חודש.

ביי דער געלעגנהייט בין איך נענטער באַקאַנט געוואָרן מיט אַלע אונדזערע הימלאָזע. אויף שריט און טריט באַגעגנט מענטשן מיט פאַר־

זאַרגטע, פאַרוויינטע פּנימער, אומעטום פאַרנומען זייערע קלאַגרייד:

— „וואָס וועט זיין מיט אונדז? און וואָס וועט ווערן פון דעם האָב און גוטס, וואָס איז געבליבן דאָרטן אויף הפקר?".

צווישן אונדז זענען געווען אויך עטלעכע יידן פון אַנטווערפּן: רייכע בריליאַנטן־סוחרים, וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייער פאַרמעגן אין באַנק־סייפן. פאַרשטייט זיך, אַז פאַרלאָזנדיק די היימשטאָט, האָבן זיי זיך באַוואָרנט מיט „צידה לדרך" אין די וועסטל־קעשענעס. נישט קוקנדיק דערויף, זענען זיי אָבער געווען שטאַרק צעטומלט און איך האָב עס גע־דאַרפט זיין דער מוטיקער און זיי טרייסטן, רעקאָמענדירנדיק דערביי די סאַמע בעסטע רפואה: זיך פאַרנעמען מיט אַרבעט...

איך ווייס נישט, אויף וויפל אַזאַ מין „רפואה" איז זיי געווען צום האַרצן, נאָר אַזוי ווי איך האָב מיט אייגענעם ביישפּיל באַקרעפטיקט די עצה, האָבן זיי געמוזט איינזען, אַז כ'מיין דערמיט ערנסט און נישט גע־קאָנט האָבן צו מיר קיין טענות.

נוסח קאַזעריל

באַגעגענענדיק זיך מיט דעם בירגערמייסטער פון שטעטל, האָב איך זיך געוואָנדן צו אים מיט דער בקשה, מיר אָנצווייזן אַ הויז, ווו כ'זאָל מיט מיין משפּחה קאָנען וווינען באַזונדער.

איבערטראַכטנדיק אַ ווײַלע, האָט ער מיר אויפן אָרט געענטפערט:

— איך האָב אַ הויז פאַר דיר, אָבער עס שטייט פאַרלאָזן זינט אַ צענדליק יאָרן. דער בעל הבית וווינט נישט דאָ — וועל איך גוט־זאָגן פאַר דיר און איינאָרדענען דעם ענין. נישט מער — דו וועסט אים דאַרפן געבן אַ ביסל געלט.

דערהערט, אַז כ'בין איינפאַרשטאַנען, האָט ער מיך גערופן צו זיך אהיים. דאָרט האָט מען געדאַרפט נעמען דעם שליסל און גיין אָנקוקן דאָס הויז.

אַריינגעטאַפּטשעט אין הויף פונעם בירגערמייסטערס נחלה, בין

איך געבליבן פאַרגאַפט: אין פראַנקרייך — אַזוינע פרימיטיווע, פאַר־שלאַכטע פערמעס?!.

דער הויף אַליין — איין זומפּיקע בלאָטע, פאַרבראַקט מיט אָנגע־וואַלגערטן און צעשאָטענעם היי און שטרוי, פאַרשלעפּט אַהער־צו פון די פּולע, אָפענע שפּייכלערס. די קי־ און פערד־שטאַלן אויך אויפגעפּראַלט און נישט זויבער. באַזונדער איז געלעגן אין הויף אַ קופּע מיסט, הויך, ווי דאָס הויז; פאַרגרייט, מסתמא, צום מיסטיקן די פעלדער.

באַגעגנט האָט אונדז אַ סטאַיע הינט און קעץ — קליינע און גרויסע, אויך פאַרשידענע עופות, ווי: גענדז, קאַטשקעס און הינער, און אחרון, אחרון — אַ כאַפּטע קינדער און ווייבער פון אומבאַשטימטן עלטער.

אין קאַזעריל האָט מען כמעט נישט געקאָנט אונטערשיידן, צי זענען די פרויען יונגע, אָדער אַלטע: די פּנימער ביי זיי אַלע — איינ־געשרומפּן, פאַרקוואַרט און מיט קנייטשן. אפילו לויט דער קליידונג איז אויך געווען אוממעגלעך צו דערגיין אַ טאָלק אין דעם, ווארעם אַלע האָבן זיי געטראָגן לאַנגע און ברייטע ספּודניצעס מיט אַ סך פאַלדן אַרום דער טאַליע, און סטאַניקעס, פאַרקנעפּלטע ביזן האַלדז און מיט אַרבל — לאַנג ביז די פינגער: היינט — גיי ווייס ביי זיי, ווער ס׳איז עלטער!.

אַן אויסנאַם זענען געווען עטלעכע רייכע פאַמיליעס, וועמענס קינדער ס׳האָבן געלערנט אין פּאַריז. סיי לויטן אָנטועכץ, סיי אויך לויטן אויסזען האָט מען ביי די פרויען פון יענע געציילטע פאַמיליעס שוין דווקא יאָ געקאָנט אונטערשיידן דעם עלטער. אויך די ווירטשאַפטן זייערע, זענען איינגעריכטעט אויף אַ מאָדערנעם און פאַרטגעשריטענעם אופן.

דער בירגערמייסטער איז נישט געווען פון די געציילטע... פונ־דעסטוועגן — אָנקוקנדיק ביי אים דעם הויף מיט דער גאַנצער כאַ־ליאַסטרע פון מענטש און בעל־חי — האָב איך אַלץ נאָך געמיינט, אַז זוייניקסטנס די וווינונג וועט זיין ביי אים מאָדערנער און שענער. באַלד האָב איך זיך איבערצייגט, אַז אויך אין דעם האָב איך אַ טעות.

אַ גרויסע, פּירעקיקע שטוב מיט אַ האַלצערנעם דיל. אַזוי פאַר־קאָוועט מיט בלאָטע, אַז ס׳האָט זיך נישט אַרויסגעזען פון אים קיין שטיקל ברעטל; אַ לאַנגער טיש מיט צוויי בענק, אַ הרובע אין דער וואַנט

—פּאַרסאַזשעט, נישט אַרויסצוזען קיין ברעקעלע ציגל. אויף דער דיקער קייט איז געהאַנגען אַ קעסל מיט צוויי אויערן, אונטערן קעסל האָט געברענט אַ פייער פון האָלץ און דערלעבן איז געזעסן אַ מיידעלע און מיט אַ בלאָז־זאַק — קלענער, ווי אין אַ קוזניע — צעבלאָזן דאָס פייער. די דרענגער האָבן געפלאַקערט און פון דעם פּאַרסאַזשעטן קעסל האָט געזעצט אַ פּאַרע איבער דער גאַנצער שטוב אַזש ביז דער סטעליע, וואָס איז געווען צונויפגעשלאָגן פון בעלקעס. פון זיי, פון די בעלקעס, זענען אַראָפּגעהאַנגען און זיך געהוידעט כלערליי פליייש־זייטלעך: געבראָטע־נע, געטרוקנטע און אַלע — קויל־שוואַרץ. אויף די ווענט — אַלערליי הייליקע בילדער, אַ שפּיגל און אַנדערע באַפּוצונגען. סאַמע אויף דר׳ערד, ביי די פענצטער, האָט זיך געפונען די גאַנצע ווירטשאַפט פון שטוב: טעפּ, שיסלען און טעלער, לעפל — הילצערנע און פון בלעך, זעק מיט קאַרטאָפליעס און אַנדערע שפּייז. אַלע אַרבעטן פלעגן געמאַכט ווערן דאָ אויף דער ערד: דאָס איז געווען דער אָנגענומענער און געוווינטער לעבנס־שטייגער אין שטעטעלע קאַזוריל, און אפשר אויך אין דער גאַנ־צער, אַרומיקער געגנט...

דער בירגערמייסטער אַליין — אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער מאַן מיט אַ נישט ווינציקער פּאַרטרוקנטן און צעקנייטשן פּנים, ווי ביי די ווייבער פון זיין שטאַנד, — איז געווען זייער אַ גוטער אין כאַראַקטער און געגעבן זיך די מי צו העלפן די היימלאָזע, מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. ביי דער געלעגנהייט האָט ער מיך איינגעלאַדן צום טיש אויף אַ גלעזל רויטוויין, וואָס זיי אַליין, די פּויערים, פלעגן אים „פּאַבריצירן" פּעסערוויז. אויסגעטרונקען זאַלבעצווייט צו עטלעכע גלעזער פון דער טעמיקער משקה, האָבן מיר גענומען דעם שליסל און אַוועק זען דאָס הויז.

אויפן וועג האָט דער גוטער מענטש געקלאָגט זיך פאַר מיר, אַז די מלחמה מאַכט אומגליקלעך דאָס שטעטל. מען האָט צוגענומען אַלע יונגע לייט, און די פעלדער און וויינגערטנער פוסטעווען פּאַרנאַכלעסיקטע, וואָרעם די ווייבער זענען נישט בכוח דאָס אַלץ אַליין צו באַאַרבעטן.

ריידנדיק אַזוי, זענען מיר אָנגעקומען אויפן אָרט. נאָר הגם דאָס

הויז איז געשטאַנען כמעט אין צענטער פון שטעטל, פונדעסטוועגן איז אַריינצוקומען אין זיינע ד׳אמות נישט געווען אַזוי גרינג: ביים איינ־גאַנג — אַ גאַנץ נישקשהדיקע בלאָטע. ווי ביי אַלע אַנדערע הייזער אין אָט דער געגנט, איז די בלאָטע־ראָשטשינע געווען זומפּיק־פאַרגליווערט און גרין, נאָר טיפער נאָך און געדיכטער — ווייל יאָרן־לאַנג האָט דאָ קיין מענטשלעכער פוס נישט געטראָטן.

באַנאַנד מיטן געמויזעכץ האָב איך אָבער געזען אויך דאָס, אַז אַרום הויז איז פאַראַן אַ גרויסער הויף, אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקן און מיט אַלע איינריכטונגען פאַר אַ פאַרם. אויף מיין פראַגע — צי וועט מיר דערלויבט זיין באַנוצן זיך מיט דעם הויף, האָט דער בירגערמייסטער געענטפערט, אַז איך קאָן מאַכן מיט אים וואָס איך וויל און ער וועט מיר נאָך צוהעלפן.

נאָך גרויסע שוועריקייטן איז אונדז געלונגען צו עפענען די טיר. אַ דעמפּיקע לופט האָט אַ שפּאַר געטאָן אין פּנים אַריין — דעם אָטעם נישט צו כאַפּן. איך האָב דערזען צוויי גרויסע צימערן מיט אַ ברעטער־דיל צעפרעסן פון מייז און פון ווערעם און מיט אַ „שעמינע״ אין וואַנט, ווי ביים בירגערמייסטער אין שטוב, נאָר אָן אַ קעסל. אויך בעטן, טישן און בענק זענען געווען דאָ בנמצא. ס׳האָט נישט געפעלט אפילו קיין קיך־געשיר, פון אַ טאָפּ ביז אַ לעפל. מיט איין וואָרט: אַלץ, בעצם, וואָס אַ שטוב־ווירטשאַפט דאַרף האָבן. נאָר ווי פאַרנאַכלעסיקט איז אַלץ דאָ געווען און פאַרסאַזשעט, פול מיט שטויב און פאַרשימלט!...

דער בירגערמייסטער אַליין איז שטיין געבליבן אַ צעטומלטער און געפלעפטער; נישט געוווסט, וואָס מיר צו עצהנען, און געזאָגט: — „טו, ווי דו פאַסטייסט, מיין פריינד!״.

אין פאַרלעגנהייט האָב איך זיך איבערגעלייגט אַ ווײַלע: פון איין זייט איז די מעגלעכקייט פּטור צו ווערן פון מיין „גוטן פריינד״ און זיין אַליין מיט דער משפּחה, געווען פאַר מיר אַ געווינס. פון דער אַנדערער זייט האָב איך געצווייפלט, צי וועלן מיר קענען פון דער שטוב מאַכן אַ לייט... דער דראַנג צו טאָן עפּעס איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב באַשלאָסן איינצושטעלן. גענומען דעם שליסל ביים בירגערמייסטער

און געמאָלדן, אַז אויב מיין פרוי און קינדער וועלן איינשטימען, וועל איך דאָס נעמען; אויב נישט, וועל איך אים ברענגען דעם שליסל צוריק. לסוף האָב איך אים זייער האַרציק געדאַנקט פאַר די באַמיִונגען און מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט.

איך בין געלאָפן אָנזאָגן מיין משפחה וועגן דער „פערמע אונ־טערוועגנס״, געשילדערט פאַר זיי אַלץ אַזוי, ווי ס׳זעט אויס אין דער אמתן, און מיר זענען געגאַנגען אָנקוקן אַלע אין איינעם דאָס הויז.

בודק זייענדיק גרינטלעך די הייזלטשינע, איז דורך אונדז אַלע־מען באַשטימט געוואָרן, אַז מיר נעמען עס און וועלן מאַכן דערפון „אַ לייט״. די קינדער האָבן געטענהט, אַז סיי ווי האָבן מיר נישט וואָס צו טאָן, וועט מען זיך כאָטש איינאָרדענען אַ שטוב, אַ שיינע, צום וווינען...

צו יענער צייט איז נישט געווען קיין שום צווייפל, אַז מיר וועלן מוזן בלייבן אין קאזעריל אַ לענגערע צייט. ס׳איז שוין דעמאָלט דער־גאַנגען צו אונדז די ביטערע בשורה פון פראַנט, אַז דער בעלגישער קעניג לעאָפּאָלד האָט איבערגעריסן די קריגס־אָפּעראַציעס, געמאַכט שלום מיט היטלערן און געוואָרן מיט אים גוטע פריינד. פאַרשטייט זיך, אַז אונדז, די היימלאָזע, איז ערשט רעכט באַפאַלן אַן אימה: ווער ווייס, צי די צרה דערגענטערט זיך נישט חלילה צו פראַנקרייך?...

אַ חוץ דעם האָבן די קאזערילער איינוווינער גענומען קוקן אויף אונדז מיט בייזע בליקן און מכבד זיין אויך מיט שטעכווערטלעך, אַז „אונדזער״ קעניג איז געוואָרן אַ פאַררעטער און נאָך אַזוינע אָנצוהערע־נישן. ס׳איז געווען זייער פּריקרע אויסצוקוקן ווי פאַררעטער אין די אויגן פון אַזעלכע גוטע מענטשן...

מיר האָבן פונדעסטוועגן זיך גענומען פאַרריכטן אונדזער הויז. צום ערשטן האָבן מיר אָנגעטראָגן שטיינער פון אַלע זייטן, פאַרשאָטן די בלאָטע און געמאַכט אַ טראָטואַר פון גאַס ביז דעם הויז, אַז מ׳זאָל קאָנען אַריינגיין.

די קאזערילער תושבים האָבן געשטוינט פון דעם אויפטו: אַ הויף

אַן בלאָטע? — אַזוינס האָבן זיי נאָך קיינמאָל נישט געזען! אַלע — פון קליין ביז גרויס — זענען זיי געקומען באַוואונדערן דעם טרוקענעם וועג צו דער שטוב.

אין משך פון עטלעכע טעג האָבן מיר געמאַכט פון דער חורבה אַ „פּאַלאַץ" — כאָטש גיי, בירגער זיך אין אים אויף שטענדיק! און די קאַזערילער האָבן געהאַלטן אין איין קומען און אָנקוקן דעם וווּנדער.

ווי ס'איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, זענען אין דער געגנט נישט געווען קיין באַקוועמע אויוונס צום קאָכן: אין די אַזוי גערופענע „שעמינעס", איינגעמויערטע אין דער וואַנט און מיט אַ קוימען צום דאַך, איז דאָס קאָכן צוגעגאַנגען אויף דר'ערד. געהייצט האָט מען מיט האָלץ און אַרויסגעהאָלפן זיך מיט אַ בלאָז־זאַק. בעסער איינגעאָרדנטע האָבן געקאָכט אין אַ קעסל, וואָס איז געהאַנגען אין אָט דער „שעמינע" (אויך וועש איז געקאָכט געוואָרן אין דעם אייגענעם קעסל) און די אָרעמע פלעגן קאָכן אויף אַ דרייפוס, וואָס איז געשטאַנען אין דער „שעמינע" אויף דר'ערד.

גוטע שכנים האָבן אונדז אויסגעבאָרגט אַזאַ דרייפוס און, ווי אַלע אין קאַזעריל, האָט אויך מיין פרוי געבויגן זיך ביז צו דר'ערד בעתן קאָכן. די רעזולטאַטן דערפון זענען געווען גאָרנישט וואַזשנע: פון דעם בוקן זיך און בייגן איבערן דרייפוס האָט נאָך עטלעכע טעג גענומען ווייטאָן ביי איר דער רוקן; און כאָטש מיין פרוי האָט מיט אַלע כוחות געמיט זיך בייצוקומען דעם ווייטיק און זיין אַ קאַזערילער באַלעבאָסטע מיט אַלע פּיטשעווקעס, האָט עס אונדז פאָרט נישט געהאָלפן: זי איז ערנסט קראַנק געוואָרן.

וואָס זשע טוט מען דאָ?... — האָב איך גענומען טראַכטן און ס'איז מיר איינגעפאַלן צו מאַכן אָט אַזאַ זעלביקן „פּיעטשניק", וואָס פלעג ווינטער־צייט וואַרעמען די אָרעמע שטיבער אין מיין שטעטעלע שעדלעץ און אין אַנדערע פּוילישע שטעטלעך, און פאַר איינס האָט ער געדינט אויך צום קאָכן.

פאַרטראַכט און געטאָן. אין קאַזעריל האָבן נישט געפעלט קיין חורבות מיט אָנגעוואָרפענעם בראָכוואַרג. האָבן מיר אָנגעטראָגן אַ שפּאָר

כיסל ציגל — גאַנצע און צעבראָכענע; ליים איז אויך נישט געווען שווער צו דערביווען. צום סוף האָט מען איינגעשאַפּט בלעכן און אויפן קאַסטן לעבן דער „שעמינע" — אויפגעשטעלט אַזאַ פּיעטשניק כדת וכדין... מיין פרוי איז מיט דער דאָזיקער „דערפינדונג" ממש דערהאַלטן געוואָרן ביים לעבן; און ביי די קאַזערילער איינוווינער האָט דאָס אויס־געקוקט, ווי אַ נס: זינט קאַזעריל שטייט, איז נאָך נישט געהערט גע־וואָרן, מ'זאָל קענען קאָכן שטייענדיקערהייט!.

אין געיעג נאָך ארבעט

איצט זענען מיר געווען איינגעאָרדנט אין אַ לייטישער שטוב און פון די 10 פראַנק פּאַר אַ מענטשן, וואָס מען האָט באַקומען פון דער רע־גירונג, איז פאַר אַזאַ גרויסער משפחה ווי אונדזערע, געווען מעגלעך זיך אויסצוהאַלטן, באַצאָלן דירה־געלט און אפילו מאַכן אַ מאָל אַ רייזע צו די קינדער אין רעוועל; אָדער — אַרויסלאָזן זיך גלאַט אַזוי אויף אַ נסיעה אין דערבייאיקע שטעטלעך, באַקענען דאָס לעבן פון דער באַפעלקערונג און קוויקן דאָס אויג מיט דער לאַנדשאַפט. איך האָב אָבער נישט געקאָנט פאַרטראָגן צו זיין אַ קעסט־קינד און אַרומדרייען זיך ליידיק. זיין אָפּגעריסן פון מיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט, ווי אויך פון געזעלשאַפטלע־כער און פּאָליטישער טעטיקייט, זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און לעבן, פלוצעם, „פון גרייטן" — אַזאַ שטייגער האָט מיך אַרויסגעפירט פון די כלים. איך האָב פשוט נישט געקאָנט אויסהאַלטן און באַשלאָסן צו מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען אויף צו געפינען אַרבעט.

כ'האָב זיך איינגעקוקט אין דעם דערמאנטן שטיקל ערד — אַ צוויי העקטאַר די גרויס — וואָס איז געלעגן פוסט און פּאַס לעבם מיין הויף פון יענער זייט פאַרקן און רק איך האָב געהאַלטן אין איין טראַכטן: ווי מאַכט מען פון דעם אַ תכלית?.. נישט אַזוי גיך האָב איך געפונען דעם ריכטיקן אויסוועג; אָבער די זשעדנעקייט צו אַרבעט האָט מיך דערוויל

אַ שטויס געטאָן אויף עפּעס, מיט וואָס מען האָט געקאָנט אָנהייבן שוין איצטער.

לעבן אונדז האָט געוווינט אַ שכן און די באַציִונגען צווישן אונדז זענען געווען אַזוינע גוטע, אַז אפילו זיינע הונדערט הינער, פּילנדיק צו אונדז אַ נאָנטקייט, פלעגן אַריבערפליִען יעדן פרימאָרגן צו מיר אויפן בוידעם און דאָרט לייגן אייער... בין איך אַוועק צו אים און געבעטן, ער זאָל מיר פאַרקויפן עטלעכע קליינע הינדעלעך צום כאָווען און אויך אַ קוואָקע — צו באַזעצן אויף אייער.

דער פויער האָט געהויבן די פּלייצעס, ווי איינער זאָגט: — „צו וואָס דאַרף אַזעלכעס אַ הימלאָזער?". האָב איך אים אויסגעטייטשט, אַז כ'וויל איינאָרדענען אַ פאַרם. ער האָט געלאַכט, נאָר פאָרט אַנטקעגן געקומען מיין ווילן.

צווישן דער „לעבעדיקער סחורה", וואָס איך האָב איינגעהאַנדלט, זענען געווען אַ פּאָר גרויסע קרוליקעס, פיר קליינע גענדזלעך און הינדע־לעך מיט דער מאַמען. איך האָב זיי אַלע אַריבערגעפירט צו מיר און ביי אונדז אויפן הויף איז געוואָרן פריילעך. אויך די קינדער האָבן שוין געהאַט איצט אַ שטיקל באַשעפטיקונג.

איך בין אָבער נאָך אַלץ נישט געווען דערמיט באַפרידיקט: דער געדאַנק וועגן דעם ליידיקן שטיק פעלד איז מיר אַריין אין קאָפּ און נישט געלאָזט רוען. דורכן טויער, וואָס אינעם פאַרקן, בין איך אַרויס אַמאָל אויפן פעלד און לאַנג און גרינטלעך באַטראַכט עס. ס'איז שוין וויפל צייט געלעגן נישט באַאַרבעט און איך האָב געוווסט, אַז צו באַאַר־בעטן דאָס אַליין איז נישט פאַר מיין כוח; אפילו מיט דער הילף פון די קינדער וועט אויך שווער זיין דערמיט זיך צו ספּראַווען. איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, כ'זאָל זיך ווענדן צו היימלאָזע פאַמיליעס מיט דעם פאָרשלאַג, אַז אַנשטאָט אַרומצוגיין מיט פאַרזאָרגטע פּנימער, אָדער גאָר אַריינלאָזן זיך אין קאָרטן־שפּילן אויס לאַנגווייליקייט — איז אפשר וועלן מיר זיך נעמען באַאַרבעטן אין איינעם דאָס שטיק פעלד, בכדי צו מאַכן דערפון אַ קאָאָפּעראַטיוון גאָרטן פון אַלערליי גרינסן? און אפשר

טאַקע, מיט דער צייט, זאָלן מיר אָרגאַניזירן אויך אַ קאָאָפּעראַטיווע עופות־ווירטשאַפט ?.

צוערשט, פאַרשטייט זיך — דעם גאָרטן !... ערשטנס, וועלן מיר אַזויאַרום געפינען באַשעפטיקונג, צווייטנס, וועלן מיר האָבן אַ מעגלעכ־קייט בעסער צו לעבן, און טאַקע פון אייגענער אַרבעט. וואָרעם ווער קאָן דען וויסן, ווי לאַנג מיר וועלן נאָך דאַרפן זיין דאָ, ווי פּליטים ? און ווער ווייס, צי די פראַנצויזן וועלן נישט מיד ווערן אויך ווייטער אויסצוהאַלטן אונדז אויף זייערע פּלייצעס...

כ׳האָב צונויפגענומען דעם עולם און אַזוי לאַנג און ברייט אויפ־געקלערט די נוצן דערפון, ביז אַ צענדליק משפחה־מענער מיט זייערע זין זענען צוגעשטאַנען צום עסק.

ס׳האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן מיך קריטיקירט און געטענהט, אַז האָבנדיק אויף אויסצוקומען, דאַרף מען זיך בכלל נישט אַריינלאָזן אין אַזאַ ענין ; אלא וואָס ? טאַבאַקמאַן קאָן נישט איינרועָן און אויך דאָ מוז ער עפּעס שאַפן ?.

— איז וואָס זשע דער אומגליק ? האָב איך צוריקגעפרעגט און געבליבן ביי ס׳מייניקע : מען האָט באַשטימט אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט.

כלים צו דער אַרבעט האָבן זיך אויך געפונען און טאַקע נישט ווינציק : פאַרזשאַווערטע רידלעס, אַקעראייזנס און אַנדערע מכשירים זענען געלעגן אַנגעוואַלגערטע איינס אויף ס׳אַנדערע אין אַ ספּעציעלער קאַמער. אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט מען אָפּגעקליבן אַלע נייטיקע כלים און באַשטימט, אַז מאָרגן 6 אַזייגער אין דער פרי גייט מען אַרויס צו דער אַרבעט.

צו מאָרגנס זענען אַלע געווען אויפן פּלאַץ צו דער צייט. און ווי איבעררַאַשט בין איך געוואָרן, דערזעענדיק צווישן אַנדערע אויך מיין „פריינד" און זיין ייִנגל — ביידע מיט רידלען אין האַנט. כ׳בין באמת געווען זייער צופרידן, וואָס אויך ער איז געקומען צום אויספּיר, אַז אַרבעט איז אין אַלע צייטן אַן ענין...

מיר האָבן פאַרקאַטשעט די ארבל און גענומען איבערדרייען מיט די רידלען די שוואַרצע, פאַרוואָרלאָזטע ערד. די פראַנצויזישע

שכנים זענען זיך צונויפגעלאָפן, געקוקט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. צווישן זיי זענען געווען עטלעכע יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך געהאַט באַקאַנט מיט מיינע קינדער, בעת זיי האָבן געאַרבעט באַנאַנד אויף די פעלדער. זיי האָבן אונדז געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיט רידלעס איבערצודרייען און צו רייניקן אַזאַ פאַרוואָרלאָזטן שטח איז אַ צו שווערע אַרבעט און ס׳וועט נעמען צופיל צייט. מען מוז פריער די האַרטע ערד צעאַקערן, דעמאָלט קאָן מען זי מיט ווינציקער מי אָפּרייניקן און ס׳גע־דויערט אויך ווינציקער צייט. נאָר אויב אַ פריינדלעכע עצה האָט איר ווערט, איז אָבער ממשותדיקע הילף נאָך בעסער: איינער פון זיי איז אַוועק און באַלד צוריקגעקומען, טרייבנדיק צוויי אָקסן, צונויפגעשפּאַנט אין אַ יאַרמע; אַן אַנדערער האָט זיך אַ פּעדער געטאָן צו דער קאָמער מיט אַרבעטס־מכשירים, אַרויסגעשלעפּט אַ פאַרזשאַווערטן אַקעראײַזן, איינגעשפּאַנט די אָקסן און, הײדאַ — ער אַקערט שוין דאָס פעלד!

מיר זענען אַלע געווען אַנטציקט פון דעם „אויפטו״: אַ טייל פון אונדז איז מיטגעגאַנגען נאָכן אַקער אַהין און צוריק, אַנדערע האָבן אויסגעשטיינערט, געריינִיקט פון ווילדגראָז די צעאַקערטע ערד און געמאַכט זאַגאַנעס.

פאַרענדיקט דעם ערשטן אַרבעטס־טאָג און געזען דאָס טונקל־ברוינע שטיק ערד, וואָס מיר האָבן היינט פּאַרטיק געמאַכט צום פאַרזיי — איז מען פראַסט־פּשוט צעגאַנגען פאַר פרייד. אַ סך יונגעלייט אונדזע־רע זענען געווען אַזוי באַגייסטערט פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג, אַז אויך פאַר די הייזער זייערע, וואָס דער בירגערמייסטער האָט זיי שוין געהאַט צוגעטיילט פאַר דער צייט, האָבן זיי גענומען פלאַנצן גערטנדלעך און האָדעווען עופות, בכדי די פרויען און קינדער זאָלן זיך האָבן מיט וואָס צו פאַרנעמען.

אויף מאָרגן האָט מען, ווי דעם ערשטן טאָג, געזאַמלט זיך צו דער צייט און ווידער צוזאַמען אַרויס אין פעלד צו דער עבודה. יעדער איינער האָט געטאָן זיין אַרבעט: געריינִיקט, אויסגעשטיינערט, געמאַכט זאַגאַנעס. מען האָט באַשטימט איינעם אַלס עקאָנאָם, וואָס זאָל אין די נאָנטסטע טעג איינקויפן זאָמען צום פאַרזייען און אויך פּאַרטיקע יונגע פלאַנצן;

ס׳איז פֿאַראָרדנט געוואָרן, אַז יעדן אָוונט, נאָך זון־אונטערגאַנג, זאָלן דריי אַנדערע מענטשן באַגיסן דעם באָדן. דאָס איז געווען זייער אַ שווערע אַרבעט, וואָרעם דאָס וואַסער האָט מען געדאַרפֿט ברענגען צו שלעפּן אין קיבלעס פֿון הויף, אָבער קיינער האָט זיך נישט באַקלאָגט און אַלץ איז צוגעגאַנגען כשורה.

ביני לבינה איז דאָס גאַנצע שטעטל אויפֿגערודערט געוואָרן אַרום אונדזער ענין. סיי די פֿראַנצויזן, סיי די היימלאָזע זענען געקומען זען אונדזער אויפֿטו. ס׳האָט אויך געשמט מיט אונדז אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך, וואָס איך געדענק שוין נישט זייערע נעמען. אין צענדליקער אַזוינע שטעטלעך, ווו ס׳זענען געווען איינקוואַרטירט מיינע פֿריינד און חברים, האָט מען אַ דאַנק דעם דערוווּסט זיך, אַז „טאַבאַקמאַן געפֿינט זיך אין קאַזעריל״... איז מען געקומען זען, וואָס ער טוט, אויסגיסן דאָס ביטערע האַרץ פֿאַר אים, זיך אַן עצה האַלטן, הערן זיין מיינונג וועגן דער איצטיקער לאַגע...

צו יענער צייט זענען שוין דערגאַנגען צו אונדז שלעכטע ידיעות אויך פֿון די פֿראַנצויזישע פֿראָנטן און אַ שרעק איז פֿון ס׳ניי באַפֿאַלן די מענטשן. איך האָב זיי געמוטיקט און באַרויקט, אויף ווי ווייט ס׳איז נאָר געווען מעגלעך; דערציילט פֿאַדראָבנע וועגן אונדזער אַרבעט, און אויך וועגן דעם אָנזען, וואָס מיר האָבן אויף דעם וועג דערוואָרבן: די אָרטיקע באַפֿעלקערונג טראַכט נישט, אַז מיר לעבן ווי פּאַראַזיטן, וואָס זענען אָנגעוויזן אויף זייערע צענער פֿראַנקען. אויב מיר ווילן זיך אַזוי נוהג זיין, איז ווי עס זאָל זיך נישט מאַכן — וועט מען אונדז האַלטן פֿאַר נוצלעכע מענטשן און באַציִען זיך צו אונדז מיט סימפּאַטיע. און אין דער סיטואַציע, אין וועלכער מיר געפֿינען זיך, איז דאָס פֿאַר אונדז זייער נייטיק. לסוף האָב איך געזאָגט די פֿריינד מיינע, אַז כ׳פּלאַנעווע די טעג צו זיין אין טולוז און אין רעוועל און אויסגעפֿינען, וואָס רעכענען צו טאָן אונדזערע חברים און כלל־טוער.

איך בין געווען גליקלעך, וואָס מיר איז געלונגען אויף אַזאַ אופֿן צו פֿאַרטרייבן דערוויילע די שרעק און דעם אומרו ביי אַ סך יידן פֿון די אַרומיקע שטעטלעך. ווען כ׳האָב שפּעטער געהערט, אַז נאָך דעם

וויזיט ביי אונדז האָבן זיי זיך אויך גענומען צו ערד־אַרבעט, בין איך גאָר געווען אין זיבעטן הימל...

ס׳איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג און אין די הייזער פון אַרבעטנדי־קע האָבן שוין נישט געפעלט קיין אייגענע אוגערקעס, ציבל און כלערליי אַנדערע גרינסן, ווי אויך — הינדלעך, קאַטשקעס און אייער...

ביי מיר אַליין אינעם הויף איז געוואָרן גאָר לעבעדיק, פריילעך: די ערשטע עופות זענען שוין געהאַט אויפגעוואַקסן; הענער האָבן גע־קרייעט, נייע קוואָקעס זענען אַרומגעגאַנגען שטאָלצע מיט זייערע הינדע־לעך און די צוויי קרוליקעס, ווי באַוווּסט, זייער פּרוכפּערדיקע באַשעפע־נישן — האָבן שוין געבראַכט אויף דער וועלט נאָך אַ צענדליק...

יעדן פרימאָרגן, 6 אַזייגער, ווען כ׳בין אַרויס אויפן הויף, פלעגט מיך אַרומרינגלען די גאַנצע כאַליאַסטרע מיט קולות און מיט אַ געפּיל־דער: די געגנדז האָבן געסיקעט און געביסן מיך מיט די שנאָבלען ביז איך האָב זיי געגעבן צו עסן. דאָס זענען שוין איינמאָל געווען פּיקערס, גאָרנישט מיד געוואָרן צו דזשאָבען די קערנער. נאָך לאַנג האָב איך זיך נישט געקאָנט זאמען; פון דער וויטנס האָב איך געזען, ווי די קרוליקעס שמאָרען מיט די נעזלעך: זיי האָבן אויך געמאָנט דאָס זייעריקע און איך האָב זיי אַריינגעוואָרפן פרישע גראָזן און בלעטער. ווי גיך זיי האָבן געפלאָפּלט, באַוועגנדיק דערביי מיט די נעזלעך און לאַנגע אויערן! און איך האָב זיך געפאָרעט אַרום דער לעבעדיקער וועלט און געשעפּט נחת...

אַז איך בין אַריין אינעם גאָרטן און געזען, ווי אַלץ איז געוואָרן גרין — דאָס קרויט וואַקסט, דער סאַלאַט איז אויפגעגאַנגען און די ציבלקעס זענען שוין אויך אין דרויסן — איז מיר אויפסניי צוגעקומען אַ שטיק געזונט. בקיצור, אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען נישט די שרעק פאַר דעם אומזיכערן מאָרגן.

אין אַ שיינעם אינדערפרי איז צו מיר געקומען דער בירגער־מייסטער מיט נאָך צוויי אַנגעזעענע באַלעבאַטים פון קאַזעריל. זיי זענען געווען פאַראינטערעסירט וואָס מער צו וויסן, באַטראַכט דעם גאָרטן, אַריינגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך פון הויף און נישט געקאָנט זיך אָפּוווּנ־דערן פון דעם אַלעם, וואָס דאָ איז געמאַכט געוואָרן אין אַזאַ קורצער צייט.

זיי האָבן געפרעגט, צי אין בעלגיע האָבן מיר זיך אויך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט און איך האָב זיך מודה געווען, אַז נישט. דאַן האָט זיך דער בירגערמייסטער פאַרטראַכט און געפרעגט, צי וואָלט איך געוואָלט נאָך ערד צום באַאַרבעטן; ווייל דער בעל־הבית פון מיין פערמע האָט דאָ נישט ווייט נאָך 10 העקטאַר ערד, וואָס פוסטעווען און ער וואָלט מיר דאָס אויך פאַרדונגען. און בכלל — אויב איך בין אויף אַזוינס אַ בעלן, זענען פאַראַן צום פאַרדינגען אַרום די שטעטלעך פאַרטיקע פאַרלאָזענע פאַרמעס מיט אַ לעבעדיקן אינווענטאַר און אויך מיט הייזלעך צום וווינען.

גאָרנישט נאָכקלערנדיק, האָב איך גלייך געענטפערט, אַז — יאָ, און באַלד גענומען ביי אים דעם אַדרעס פון איינער אַזאַ פערמע, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון קאַזעריל און איז טאַקע שוין צום פאַרדינגען.

באַדאַנקענדיק אים, האָב איך צום סוף פאַרבעטן די געסט צו זיך אין שטוב אויף אַ גלעזל רויטווייו; דאָ האָבן זיי ערשט אויפסניי זיך פאַר־וווּנדערט, זעענדיק וואָס איך האָב געמאַכט פון דער שטוב. איבערהויפּט זענען זיי געבליבן דערשטוינט פונעם ציגל־אויוון: ס'איז אַקוראַט געווען אין אים פייער, און זיי האָבן געקאָנט זען מיט די אייגענע אויגן, ווי דאָס פלאַקערט אָן דער הילף פון אַ בלאָז־זאַק... אין דעם פנים־אויסדרוק פון די דריי פויערים האָב איך באַמערקט אַ מין בושה־געפיל פון וועגן זייער אָפּגעשטאַנענקייט. דעם אמת געזאָגט, האָט מיך אַליין אויך נישט איינמאָל באַשעפטיקט די פראַגע: ווי שיקט זיך עס, אַז אַזאַ פראַנקרייך, וואָס שמט אין דער וועלט מיט איר פאָרשריט, הויכער קולטור און ציוויליזאַציע, אָט די זעלביקע פראַנקרייך זאָל עס צולאָזן ביי זיך אַזעלכע אָפּגעשטאַנענע־נע איינריכטונגען אין אירע שטעטלעך און דערפער ?.

די געסט זענען אַוועק, אָבער מיר איז דער פאָרשלאָג פונעם בירגערמייסטער שוין נישט אַרויס פונעם זינען. אַ „משוגעת" איז אַריין אין מיין קאָפּ און איך האָב געהאַלטן אין איין טראַכטן, אַז — אָפּדינגענ־דיק די אַלע פערמעס, וואָלט מעגלעך געווען צו באַזעצן די פליטים אויף ערד: סיי זיי וואָלטן זיך נישט אַרומגעדרייט אָן באַשעפטיקונג, סיי דער אָרטיקער באַפעלקערונג וואָלט נישט איינגעפאַלן צו קוקן אויף זיי, ווי אויף פּאַראַזיטן. אַ חוץ דעם האָט מיר אויסגעוויזן, אַז אפילו די

היטלער־באַנדיטעס זאָלן קומען חלילה אַהער צו און זען — מיר זענען באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט, וועלן זיי אונדז נישט טשעפּען... פאַר מענטשן וואָס אַרבעטן, מוז מען האָבן דרך ארץ און זיך מיט זיי רעכענען. און אפשר וועט גאָר מעגלעך זיין אויסצומיידן אַזויאַרום די לאַגערן ?...

פון די אַלע מחשבות איז ביי מיר געוואָרן איין פעסטע, אַנטשלאָסענע שטרעבונג צו באַזעצן יידן אויף ערד אין דער געגנט. נאָר ווי נעמט מען געלט אויף דעם ?...

אַזוי ווי די אידעע האָט מיך נישט אויפגעהערט צו פאַרפאַלגן, האָב איך זיך באַראָטן דערוועגן מיט מיינע נאָנטסטע חברים אויפן אָרט, דאָס הייסט — מיט די יעניקע, וואָס האָבן מיט מיר אין איינעם באַאַרבעט דעם גאָרטן. צו מיין גרויס צופרידנקייט איז דער עולם געווען איינשטימיק מיט מיר און געהאַלטן, אַז ס׳איז כדאי צו באַמיען זיך וועגן אַזאַ וויכטיקן ענין.

בלויז מיין „דייטשישער פריינד" איז געווען קעגן דעם פּלאַן. אים האָבן בכלל נישט אינטערעסירט אַלע יידן, און אויך נישט — זייער איצטיקע סיטואַציע. דאָס צושטיין צו אונדזער אַרבעטס־גרופּע איז ביי אים געווען אַן ענין פון מאַטעריעלן נוצן; במילא האָט עס אויף אַ האָר נישט געביטן זיין אינערלעכן מאַראַלישן מהות. דרך אגב, האָט ער זיך לעצטנס צונויפגעטראָפן מיט אַ געוויסן ד״ר קאהן פון עסטרייך — אויך אַ „יעוועסעק" — מיט וועלכן ער האָט איצט געוויינט צוזאַמען. זיי ביידן האָט אינטערעסירט בלויז דאָס חומרדיקע, און דאָס האָבן זיי אָפּגעהיטן גאַנצע הונדערט פּראָצענט...

צו יענער צייט איז מיין עלטסטער זון מיט זיינע חברים פון רעוועל געקומען געוואָר ווערן, וואָס ס׳הערט זיך ביי אונדז. גראָד דעם איינציקן טאָג האָבן זיך ווידער אַ מאָל אַריינגעכאַפּט צו מיר אויך חברים און פריינד פון די אַרומיקע שטעטלעך. געקומען זענען זיי אין אַ בהלה־שטימונג און ס׳איז געווען נייטיק זיי צו באַרויקן מיט עפּעס און טרייסטן. האָב איך, פאַרשטייט זיך, געוויזן זיי קודם דעם גאָרטן. די רעזולטאַטן פון אונדזער קאָלעקטיווער אַרבעט אין קאַזעריל, ווי אויך מיין איצטיקער פּלאַן זענען זיי שטאַרק געפעלן. זיי האָבן גראָד פאַר־

שטאַנען, אַז פון טאָן עפּעס קען מען האָבן נישט בלויז מאַטעריעלן פּראָפיט, נייערט דורך דעם אויך פאַרטרייבן די מרה שחורה, וואָס פרעסט אונדז...

אויף אַ צונויפקום פון די אַלע געסט און אָרטיקע חברים איז אַרומגערעדט געוואָרן די לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך איצטער. אין שייכות מיט די שלעכטע גרוסן, וואָס דערטראָגן זיך צו אונדז פון די פראָנטן, איז באַשלאָסן געוואָרן:

1) שאַפן קאָמיטעטן אין אַלע שטעטלעך, ווו מיר קאָנען גרייכן, און פירן דורך זיי אַן אָרגאַניזירטע אויפקלערונגס־אַקציע צו פלאַנצן אייגענע, קליינע גאָרטנס אויף די ערטער ווו מען געפינט זיך; גלייכצייטיק — פאַרשפרייטן דעם געדאַנק וועגן באַזעצן זיך אין גרעסערע, פאַרלאָזענעווירטשאַפטן און באַאַרבעטן דאָרט די ערד מיט פאַראייניקטע כוחות און אין ברייטן מאַסשטאַב.

2) באַזוכן תיכף צוויי ווירטשאַפטן אין שכנות פון קאַזעריל און אויך באַקענען זיך מיט די 10 העקטאַר ערד פון מיין בעל־הבית.

3) שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיט געוויסע פּערזענלעכקייטן און געזעלשאַפטן, וועגן פינאַנסירן אונדזער אונטערנעמונג.

4) מיט דער הילף פון קליינע, פּריוואַטע געלט־שפּענדונגען שאַפן אַ פאָנד פאַר די ערשטע, נייטיקע אויסגאַבן.

צוזאַמען מיט די צוגעפאָרענע חברים האָבן מיר באַזוכט די פערמעס און נאָכדעם, ווי מיר האָבן איינגעזען זייער פּאַסיקייט, איז מען זיך פונאַנדערגעפאָרן מיט גוטע אויסזיכטן אויף ווייטער.

פאַר זיין אָפּפאָרן האָט מיין זון, מאיר, מיך פאַרזיכערט, אַז אויב עס וועט זיך איינגעבן צו דינגען צוויי פערמעס, וועלן אַלע חברים פון רעוועל קומען אַהער זיך באַזעצן. ער האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז אין טולוז געפינט זיך איצט די פאַרשטייערשאַפט פון דער געזעלשאַפט „אָרט".

עטלעכע טעג נאָך דעם צוזאַמענקום בין איך טאַקע צוגעפאָרן אַהין.

אָנגעקומען אין טולוז בין איך פאַרנאַכט. די שטאָט אַליין האָט

געמאַכט אויף מיר אַ שלעכטן איינדרוק מיט איר אָפּגעשטאַנענקייט און פינצטערניש. דאָ האָב איך געטראָפן אַן אַנגעלויף פון גאַנץ פראַנקרייך; צווישן זיי — אויך חברים פון אונדזער „פועלי־ציון"־פּאַרטיי אין פּאַריז. אַלע האָבן דערציילט, אַז אויף די פראָנטן איז זייער שלעכט און אַז אין לאַנד הערשט אַ פּאַניק; מען ווייס נישט, ווו מ'האַלט אין דער וועלט און רק מען לויפט פון פּאַריז און פון די שטעט, וואָס זענען נאָענט צום פראָנט.

דאָ האָב איך זיך אויך דערוווסט, אַז אין טולוז געפינען זיך גראָד מיינע חברים פון רעוועל: יהודה, האַכבערג און טראָצקי.

איך האָב זיי אָפּגעזוכט. צום ערשטן האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז וועגן מיין פּלאַן ווייסן זיי שוין און באַציען זיך צו אים ערנסט; דערנאָך מיך אינפאָרמירט אַז אין טולוז זענען פאַראַן געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס פאַרטיילן הילף צו אַלע אַנגעלאָפענע. אויך געפינט זיך דאָ די „אָרט"־געזעלשאַפט מיט ד"ר סינגאַלאָווסקי בראש. מיר האָבן באַלד אָפּגערעדט זיך ווענדן צו אים וועגן שטיצן אונדזער אונטערנעמונג.

מ'האָט זיך פאַרבונדן מיט דער געזעלשאַפט און ד"ר סינגאַלאָווסקי האָט באַשטימט אויפנעמען אונדז צו מאָרגנס 9 אַזייגער אין דער פרי.

איך ווייס נישט, וויאַזוי דאָס איז געשען, נאָר אין יענעם אָוונט בין איך געוואָר געוואָרן, אַז אומעטום איז מען אויפגערודערט מיט אונדזער פּלאַן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין גאַנץ מידי דע פראַנס רעדט מען וועגן באַזעצן יידן אויף ערד. בעצם, האָט מען נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן: צי זאָל מען לויפן ווייטער פונעם פראָנט, קיין שפּאַניע, צי אפשר גאָר אין דער שווייץ? און אפשר — באַזעצן זיך דאָ טאַקע אויף ערד?...

איינס איז געווען זיכער; די טעג פון דעם זעלבשטענדיקן פראַנקרייך זענען געציילטע און באַלד וועלן די היטלעריסטן פאַרנעמען דאָס לאַנד.

יענע נאַכט בין איך געווען שטאַרק אומרויק: ווי וועט ד"ר סינגאַלאָווסקי אויפנעמען אונדזער פּלאַן. ווי געזאָגט, האָב איך נאָך דעמאָלט געגלויבט, אַז ווען ס'געלינגט אין אַ געוויסער מאָס כאָטש אויסצופירן אָט דעם פּלאַן, וואָלטן אַ סך יידן געראַטעוועט געוואָרן, אפילו, אויב די דייטשן זאָלן אַריינדרינגען אין דער געגנט.

קוים דערלעבט די מינוט: מיר זענען ביי ד״ר סינגאלאָווסקי אין צימער.

ער האָט אונדז זייער פיין אויפגענומען. באַקאַנט זיך מיטן פּלאַן און אויסגעהערט אַ באַריכט וועגן די דערגרייכונגען פון דער שוין פאַראַנענער קאָלעקטיווער גאָרטן־ווירטשאַפט אין קאַזעריל. אויך — וועגן דער פּאָזיטיווער מאָראַלישער ווירקונג, וואָס דאָס האָט אויף די היימלאָזע, און וועגן דעם צאַפּלדיקן אינטערעס פאַר אַזאַ אונטערנעמונג: גיב זיי נאָר מעגלעכקייטן — וועלן זיי גלייך צוטרעטן צום ענין!.

אויך ביי די חברים: האָכבערג, יהודה און טראָצקי האָבן נישט אויסגעפעלט קיין אַרגומענטן אויף פאַרצושטעלן די זאַך אין איר אמתן ליכט, דערביי האָבן זיי פאַרזיכערט, אַז ווען ס׳וואָלט זיך איינגעגעבן דורכצופירן דעם פּלאַן, וואָלטן כמעט אַלע משפחות פון רעוועל געווען איינשטימיק אַריבערצוגיין אין די ווירטשאַפטן און זיך פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט.

ד״ר סינגאַלאָווסקי האָט אונדז אויסגעהערט און דערקלערט, אַז דער פּלאַן איז זייער אַ שכלדיקער און ער געפעלט אים. דאָס וואָלט געווען איצט, ווי געוווּנטשן אויף איינצושטילן אַ ביסל די פּאַניק, וואָס הערשט לעצטנס צווישן די פּליטים. בקיצור: ער איז גרייט צו פינאַנסירן די אונטערנעמונג, אויב ס׳וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די פערמעס זענען פּאַסיק און אַנטשפּרעכן אונדזערע באַדערפענישן. צו דעם צוועק וועט מאָרגן אַרויסגעשיקט ווערן אַ באַאַמטער, וואָס פאַרנעמט זיך ספּעציעל מיט אַזעלכע ענינים. אַליין וועט ער אונדז אויך באַזוכן אין קאַזעריל, און זען, וואָס מיר האָבן שוין אויפגעטאָן אויף דעם געביט.

אַרויסגייענדיק פון ד״ר סינגאַלאָווסקיס קאַבינעט, האָבן מיר געטראָפן אַ נייען אָנגעלויף פון מענטשן — נאָר וואָס געקומענע פון די מזרח־שטעט אין פראַנקרייך. אַ טייל פון זיי איז געלאָפן אַהערצו מיט דער האָפענונג צו קריגן וויזעס קיין אַמעריקע, אַנדערע — פון וועגן סאָציאַלער הילף. דער איבעריקער עולם האָט פּשוט געוואָלט זיך דאָ דערוויסן, וואָס ווייטער צו טאָן. אַלץ אין איינעם האָט נאָך פאַרשטאַרקט די אַזוי אויך פאַראַנענע פּאַניק. צוזעענדיק דאָס, האָב איך אַליין זיך

געטראַכט: — בין איך אַראָפּ פונעם זינען, צי וועלכע רוחות, אין אַזאַ געשפּאַנטער צייט פון צעמישעניש און בהלה קום, איך, משוגענער, מיט אַן אידעע צו באַזעצן יידן אויף ערד?!...

און פּאַרט האָב איך באַשלאָסן ווייטער אָנצוגיין מיט דעם פּלאַן. זאָרגנדיק פאַר זיין דערפאָלג, האָב איך באַלד אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אין מיין באַריכט אין קאַזעריל — זאָל איך נישט דערמאָנען וועגן דעם, וואָס כ׳האָב געזען און געהערט אין טולוז.

אויף מיין צוריק־רייזע האָב איך באַזוכט רעוועל און אַנדערע שטעטלעך, און אומעטום געטראָפן גרופּן היימלאָזע, וואָס, נאָכפאָלגנדיק אונדזער ביישפּיל אין אַ מער פולקאָמער פאָרם ביי זיי אויף די ערטער, האָבן נישט בלויז באַאַרבעט די גערטנער אַרום זייערע הייזער, נייערט אויך געקאָכט און געגעסן צוזאַמען.

ס׳זענען שוין דעמאָלט געווען קלאַנגען, אַז אין מידי דע פּראַנס וועלן געשאַפן לאַגערן פאַר פּליטים און דער עולם איז גרייט געווען צו טאָן יעטוועדע אַרבעט, אַבי נישט צו גיין אין לאַגער.

אַהיימקומענדיק אין קאַזעריל, האָב איך געטראָפן אַ צערודערניש ביים ביסל יידישע משפּחות: אַ זשאַנדאַר האָט נישט־אָפיציעל איבערגעגעבן, אַז אין דער זשאַנדאַרמעריע איז פאַראַן אַ באַפעל צו רופן אַלע „פוילישע" יונגעלייט אין מיליטער. פאַרשטייט זיך אַז דערמיט ווערט געמיינט די י י ד י ש ע יוגנט.

איך האָב אַלעמען באַרויקט, דערקלערנדיק, אַז אין טולוז האָב איך וועגן דעם נישט געהערט, אַז ווען ס׳זאָל זיין ריכטיק, וואָלט מען אוודאי דאָרטן געוווּסט גיכער דערוועגן.

דעם אייגענעם אָוונט האָב איך אויף אַ פאַרזאַמלונג איבערגעגעבן אַ באַריכט וועגן דעם געשפּרעך מיט ד״ר סינגאַלאָווסקי און וועגן זיין ערנסטער באַציונג צו אונדזער פּלאַן וועגן באַזעצן פּליטים אויף ערד. דערביי האָב איך נאָך אַ מאָל באַרויקט דעם עולם, טענהדיק, אַז וויבאַלד „אָרט" פאַרנעמט זיך מיט אַזאַ ענין, דאַרף מען פאַרשטיין, אַז יענע אַלע קלאַנגען זענען פאַלשע. מ׳דאַרף זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון פּאַניק־

שטימונגען נאָר רויק אָפּוואַרטן, ביז דער פאָרשטייער פון „אָרט״ וועט קומען.

אין דערוואַרטונג אויף דעם „אָרט״־פאָרשטייער האָבן די טעג זיך געצויגן ביי אונדז, ווי יאָרן. איך אַליין בין אויך געוואָרן אומרויק. ווי כ׳וואָלט געפילט, אַז עפּעס וועט פּאַסירן. און מורא געהאַט האָב איך פאַר דער געפאַר, וואָס האָט מיר אויסגעקוקט טאַקע אַמנאַנטסטן: די מאָביליזאַציע. צי וועלן די אַלע קלאַנגען נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ רעכטגילטיקן באַפעל?.

ענדלעך איז דער פאָרשטייער פון „אָרט״ געקומען און איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט, גלייך דאָס וואָלט זיין אויף אַן אמת אַ סימן, אַז אַלץ איז דערווייל אין אָרדענונג.

קודם כל האָט דער גאַסט באַזוכט אונדזער היימישע ווירטשאַפט. צו יענער צייט איז שוין געווען ביי אונדז מיט וואָס זיך צו באַווייזן: די גאָרטנס — כמעט אין גאַנצן רייף און פול מיט אַלערליי גרינסן: פון אַ בוינעם קרויטקאָפּ ביז דעם דיגינקען קאָפּער. ביי מיר אין הויף זענען אַרומגעגאַנגען כל מיני דערוואַקסענע עופות פון אייגענער כּאַוואַניע און אַ שפּאָרע מחנה קרוליקעס. אויך ביי אַנדערע משפחות איז געווען וואָס צו זען, און דער גאַסט איז ממש פאַרכאַפּט געוואָרן פון די דערגרייכונגען.

נאָך דעם האָט זיך אונדזער דעלעגאַציע אַרויסגעלאָזט ווייזן דעם „אָרט״־פאָרשטייער די דריי פערמעס, וואָס די ווייטסטע פון זיי איז געלעגן אַ קילאָמעטער 15 פון קאַזעריל. נישט האָבנדיק קיין אַנדערע פאַרבינדונגס־מעגלעכקייט, האָבן מיר זיך באַלד אַוועקגעלאָזט אַהין אויף די אייגענע פיס.

פון די עטלעכע פערמעס האָט דער גאַסט אויסגעוויילט צוויי, די צוגענגלעכסטע, מיט וווינונגען און וואַסער אויפן אָרט, זיך אויסגעפרעגט ביי דעם בעל הבית די באַדינגונגען, און זיך אַלץ פאַרצייכנט. אונדז געהייסן דערווייל דינגען די 10 העקטאַר ערד ביי מיין בעל־הבית און צוגעזאָגט צו קומען ווידער אין עטלעכע טעג, בכדי צו העלפן אונדז אָרגאַניזירן ענדגילטיק די אונטערנעמונג. דערמיט האָט ער זיך אָפּגעזעגנט און אַוועקגעפאָרן.

ישראל טאַבאַקמאַן

די קאָנפערענץ אין לושאָן

אויף צו מאָרגנס האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון לושאָן. אַזוי ווי דער סעקרעטאַר פון יידישן וועלט־קאָנגרעס — לעאָן קובאָוויצקי — געפינט זיך דאָרטן אויפן וועג קיין אַמעריקע, רופט ער פאַרשטייער פון די פּליטים, אַנגעלאָפענע אין מידי דע פראַנס — זיך צו באַראַטן וועגן זייער לאַגע. לאָזט מען מיך וויסן, איך זאָל אומבאַדינגט קומען צו דער קאָנפערענץ.

דער בריוו האָט מיך אַ ביסל אויפגעלעבט. די ידיעות פון פראָנט, וואָס האָבן זיך טייל מאָל דורכגעשלאָגן צו אונדז, זענען צו יענער צייט געווען טרויעריקע: דאָס דייטשע חיל איז שוין געהאַט אַריבער די פראַנ־צויזישע גרענעץ און אַן אומרו האָט מיך כסדר באַגלייט. וואָס איך האָב נישט געזאָלט טאָן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַלץ הענגט עפּעס ווי אין דער לופטן, אַז אָט, אָט, וועט דאָס קראַכן און פון מיינע אָנשטרענ־גונגען וועט נישט בלייבן קיין שפּור. דאָס אַלץ האָט זיך געלייגט זייער שווער אויף מיין געמיט און די איינלאַדונג איז אַזוי אַרום אָנגעקומען צו דער ריכטיקער צייט.

*

לושאָן איז אַ שיין שטעטל, וואָס ליגט האַרט ביי דער שפּאַנישער גרענעץ צווישן פיר בערג — קוים צו דערכאַפּן מיטן אויג זייער הויכ־קייט. אין מיטן פון שטעטעלע שלאָגט אַ הייסער שוועבל־קוואַל, צו וועלכן מען קומט פון ווי וייט צו באָדן די פיס.

אין לושאָן האָב איך געטראָפן אַ שיין ביסל יידן — אַנגעלאָפענע פון גאַנץ פראַנקרייך און אויך אַרטיקע, לאַנגיאָריקע תושבים.

אָנקומענדיק אַהין כמעט אין דער לעצטער מינוט, בין איך גלייך אַוועק אין דעם קאָנפערענץ־זאַל, וווּ איך האָב אויך געטראָפן אַ סך חברים פון בעלגיע. קיינער פון די פאַרזאַמלטע האָט נישט געוווּסט קיין גענוי־ערס וועגן דעם ציל פון דער פאַרזאַמלונג און מיט געשפּאַנטקייט איז דערוואַרט געוואָרן דער אָנהייב.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און לעאָן קובאָוויצקי איז אַרויסגעע־

טראָטן מיט אַ קורצן רעפעראַט וועגן דער געפערלעכער לאַגע, אין וועל־כער מיר געפינען זיך, און געעצהט יידן, וואָס האָבן געלט־מיטלען, צו מאַכן באַמיונגען וואָס שנעלער אַרויסצופאָרן קיין אַמעריקע; בקיצור: אויף אַלע אופנים און מיט אַלע מעגלעכקייטן אַרויסרייסן זיך פון אייראָפּע.

מיך האָבן די רייד זיינע ממש אונטערגעטראָגן. כ׳האָב זיך דער־שלאָגן צו אַ וואָרט און געזאָגט, אַז יידן, וואָס האָבן געלט־מיטלען, האָבן נישט געוואַרט אויף דער עצה: זיי האָבן דאָס שוין פון לאַנג געטאָן און טוען עס ווייטער. וואָס פאַראַ עצה איז אָבער פאַראַנען פאַר די ברייטע, אָרעמע מאַסן, וואָס לעבן בלויז פון די צען פראַנק אַ טאָג, וואָס זיי באַ־קומען פון דער פראַנצויזישער רעגירונג?, וואָסער אויסוועג איז דאָ פאַר זיי?.

דעם אמת געזאָגט, איז מיר אין יענעם מאָמענט איינגעפאַלן, אַז אויב היטלער זאָל קומען צו דער מאַכט אין פראַנקרייך, וועט אַפילו פאַר רייכע יידן אויך נישט זיין קיין מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען; נאָר איך האָב זיך פונדעסטוועגן געהאַלטן ביי ס׳מייניקע, וואָרעם ס׳האָט מיר וויי־געטאָן — הלמאי זוכט מען נישט באַצייטנס קיין אויסוועג פאַר אַלע יידן?.

ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זענען כמעט אַלע צונויפ־געקומענע יידן געווען רייכע, און מאַכנדיק באַמיונגען, האָבן זיי געהאַט גוטע אויסזיכטן זיך אַרויסצוכאַפּן. טאַקע באַלד נאָך ל. קובאָוויצקיס איינלייטונגס־רעדע האָבן די דאָזיקע יידן גענומען זיך טומלען און שושקען און נישט געוואָלט הערן וועגן אונדזערע פּלענער. דער עולם איז זיך צעגאַנגען, קובאָוויצקי איז פאַרשוווּנדן, די קאָנפערענץ האָט זיך געענדיקט און מען האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן — מיט וואָס.

האָב איך באַשלאָסן צו טרעפן זיך מיט לעאָן קובאָוויצקי פּער־זענלעך: אפשר וועט מעגלעך זיין געוואָר ווערן ביי אים עפּעס מער. אַזוי אַרום וועל איך קאָנען אַהיימברענגען עפּעס נייעס פאַר אונדזערע פּליטים און אַליין אויך וויסן, ווו כ׳בין אין דער וועלט. כ׳האָב זיך אָבער אַלץ איינס צו אים נישט דערשלאָגן און נאָך דעם זעלבן טאָג האָב איך געהערט, אַז קובאָוויצקי איז שוין נישטאָ אין לאָנדאָן.

אין דעם שטעטל האָב איך זיך נאָך אויפגעהאַלטן עטלעכע טעג

און ביי דער געלעגנהייט דערוווּסט זיך, אַז אַלע האָטעלן און פּענסיאָ־נאַטן זענען פאַרנומען פון די רייכע, אָנגעקומענע יידן און וואָס וואַרטן דאָ אויף אַמעריקאַנער וויזעס, וואָס פאַר גרויסע געלט־סומעס קאָן מען זיי טאַקע באַקומען.

אַט אַזוי בין איך צוריקגעפאָרן אַהיים אַ נאָך מער צעבראָכענער, ווי כ'בין געפאָרן אַהערצו.

די מאָביליזאַציע אין פּוילישן מיליטער

געקומען אַהיים, האָב איך געטראָפן דאָס גאַנצע שטעטעלע אויף די פיס: די פריערדיקע קלאַנגען וועגן אַ מאָביליזאַציע אין פּוילישן מילי־טער האָבן זיך, לײדער, באַשטעטיקט; זשאַנדאַרן זענען אַרומגעגאַנגען איבער אַלע יידישע הייזער, איבערגעבנדיק די פאַראָרדנונג, אַז די יונגע־לייט זאָלן איינפּאַקן וועש און אָנטועכץ און צושטעלן זיך אין זייערע זאַמל־פּונקטן, פון וואַנען זיי וועלן אַוועקגעשיקט ווערן אין אַ שטאָט מיטן נאָמען: ב ר ע ס ו ו י ר.

אַ טרויער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די אַזוי אויך טרויעריקע פּליטים־משפחות: ווידער געוואָרן פּאַליאַקן!... און ווער קאָן וויסן, וואָס עס באַהאַלט זיך נאָך הינטער אַזוינע פאַראָרדענונגען?.

דעם אייגענעם טאָג האָב איך דערהאַלטן פון רעוועל אַ בריוו, אַז אויך דאָרט זענען אַלע יידן געוואָרן „פּאַליאַקן" און מוזן אַוועק אין ברעסוויר. ביי מיר אין שטוב איז געווען נישט אויסצוהאַלטן פון די געוויי־נען. און ווי אַזוי נישט וויינען, אויב פון אונדזער משפּחה ווערן אַרויס־געריסן דריי זין, און צוויי איידעמס? אַזוי פיל געליטן, געוואַלגערט זיך אויף בוידעמער און אין שטאַלן, איצט, אַז מ'האָט זיך שוין צוגעוווינט צו דעם גלות — נאַדיר פּלוצעם אַ נייע צרה: פון דער העלער הויט דאַרפן מיר ווערן פּוילישע פּאַטריאָטן!.

איך בין נישט אומשטאַנד צו באַשרייבן, וואָס עס האָט זיך אָפּגע־

טאָן, ווען די זשאַנדאַרן האָבן אַרויסגעפירט די יידישע יונגע־לייט פון קאזעריל, דעם וויי־געשריי פון די פרויען, די געוויינען פון מיין אייגענער פרוי און טעכטער...

מיין פרוי איז נאָכגעלאָפן די קינדער אַ שטיק וועג מיטן שאָסיי, ביז זי איז געפאַלן אַ פאַרחלשטע; היימישע פראַנצויזן האָבן זי געבראַכט צו טראָגן אין שטוב אַריין אויף די הענט.

דאָס גאַנצע שטעטעלע האָט מיטגעוויינט מיט די יידן. איך בין אַרומגעגאַנגען אַ צעבראָכענער, פיזיש און גייסטיק, עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד. ס׳האָט אָבער אויסגעקוקט, ווי איטלעכער פון די אַרומיקע זאָל עפּעס דערוואַרטן פון מיר. איז מיר איינגעפאַלן, אַז אַ פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט ליגט אויף מיר פאַר די אַלע יידן, וואָס זענען מיט מיר אין איינעם אַרויסגעוואָרפן דאָ אין דער פרעמד, און כ׳האָב גענומען פרעגן ביי זיך אַליין: איז וואָס זשע וועט זיין דער סוף? אויב דו וועסט אַרומגיין אַן אָפּהענטיקער און אַ פאַרצאַרנטער — וואָס וועט שוין ווערן מיט גאַנץ קהל?.

אַזוי האָב איך אַליין זיך געשטאַרקט און געמונטערט ביז כ׳האָב צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ. קודם כל האָב איך גענומען דערלאַנגען מיינע בני־בית, הלמאי זיי האַלטן אין איין וויינען; כ׳האָב דערוויזן מיט כלערליי אַרגומענטן, אַז די גאַנצע מעשה מיט דעם „פוילישן מיליטער" איז ווערט אַ שישקע פּולווער; אַז דאָס איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ מין טראַגישער טעות, אָדער בייזוויליקייט, כ׳וויס אַליין נישט, פון וועמען; אַז לאַנג קאָן דאָס סיי ווי נישט אָנהאַלטן, און איידער מען וועט זיך אומקוקן, וועלן די קינדער שוין זיין צוריק אין דער היים.

מיט די זעלביקע טרייסט־ווערטער בין איך אַרויס אין גאַס צו אַלע פּליטים־משפּחות און גערופן די פאַרבליבענע מענער, ווייטער צו פאַרנעמען זיך מיט דער ווירטשאַפט; אדרבא, מיט נאָך מער ענערגיע און מוט: ווען אונדזערע קינדער וועלן זיך אומקערן פון „פוילישן מילי־טער", זאָלן זיי אונדז נישט טרעפן קיין אָפּגעלאָזענע און פאַרצווייפלטע. כ׳האָב זיך אויך פאַררופן אויף דער געזעלשאַפט „אָרט": באַלד דאַרף מען

דאָך קומען פון דאָרטן אונדז העלפן — טאָ זאָל מען אונדז טרעפן ביי דער אייגענער אַרבעט־ווילקייט, ווי פריער.

אין יענע טעג האָט מיך באַזוכט מיין בעל־הבית און איינגעלאַדן צו זיך אין דאָרף — אַ 10 קילאָמעטער ווייט פון קאַזעריל. ער האָט מיר צוגעזאָגט געבן אַקאָנטראַקט אויף 10 העקטאַר ערד און אויך אַ בריוו צו דער עלעקטראָוניע־דירעקציע, וואָס אין שטאָט מאַנטרעזשו, בכדי איך זאָל באַקומען עלעקטרע־באַלייכטונג פאַר מיין שטוב.

דאָס האָט ווידער אַ ביסל באַרויקט די געמיטער פון אַלע אַרומיקע און אויך ביי מיר אין שטוב. אין אַ שבת האָב איך מיט מיין יונגערער טאָכטער, פרידא, אַרויסגעלאָזט זיך אויף אַ שפּאַציר אין דאָרף אַריין, צום בעל־הבית.

דער גאַנג אַהין איז געווען זייער אַן אַנגענעמער. דער וועג, באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף, אַ געדרייטער און פול מיט געוויקסן, וואָס כ׳האָב אין מיין לעבן אַזוינע נישט געזען. די פּויערישע כאַטעס, אַריינגעמויערטע אין די בערג, זענען אַרומגענומען מיט גערטנער און מיט אויסגעשטיינער־טע, ברייטע טעראַסעס; איינגעאָרדנט זענען זיי אויך אַ ביסל שענער און ריינער, ווי אין קאַזעריל...

דער בעל־הבית האָט אונדז זייער פריינדלעך אויפגענומען מיט פּרוכט, מיט פאַרשידענעם איבערבייס און, בעיקר — מיט ווייַן, דערנאָך געוויזן אונדז זיין פאַרמעגן. ס׳איז געווען קלאָר, ווי דער טאָג, אַז ביי אים איז שוין דווקא אַ מאָדערנע פערמע און אייראָפּעיִש איינגעאָרדנטע שטוב. צום סוף האָט ער אונדז דערלאַנגט דעם קאָנטראַקט און דעם בריוו אין דער עלעקטראָוניע און נאָך צוגעגעבן געלט אויף צו סילוקן דאָרטן דעם נייטיקן אָפּצאָל.

איך בין געווען ממש גליקלעך מיט די צוויי דאָקומענטן און נאָך מער געריהרט פון זיין האַנדלונג. ווידער האָב איך זיך איבערצייגט, ווי גוט און ברייטהאַרציק ס׳זענען די פראַנצויזישע מענטשן: איז עס אַ וווּנדער, וואָס פאַר דער צייט האָבן מיר זיי ליב באַקומען, ווי אייגענע?

אַהיימגייענדיק, האָב איך פאַנטאַזירט, ווי מיר וועלן באַלד נעמען באַאַרבעטן די ערד, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פונעם שטעטל. ווי מיין

שטוב וועט זיין העל באַלויכטן און אַלע יידן וועלן האָבן ווו צו פאַרברענגען די אָוונטן. וואָרעם ביי די מערסטע פון אונדז איז נישט געווען קיין עלעקטרע און נאַפטלאָמפּן האָבן קוים־קוים באַלויכטן די שטיבער.

אַזוי זענען מיר אַהיימגעקומען מיט גוטע בשורות. ווי פאַרטרויערט מען איז נישט געווען — אַז מ'האָט דערזען די צוויי „פּאַפּירלעך", האָבן אַלע אין שטוב מיטגעפרייט זיך מיט אונדז ביידן: אַ קלייניקייט — נייע ערד צום באַאַרבעטן און עלעקטרע אין שטוב!

דערווייל איז פאַרגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און מיר האָבן אַלץ געוואַרט אויף דעם פאַרשטייער פון „אָרט". די שטימונג איז ווידער געוואָרן אַן אָנגעשטרענגטע און צו די שווערע רעיונות ביי איטלעכן האָט נישט גענומען קיין סוף.

האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ רייזע קיין טולוז, זען וואָס עס טוט זיך דאָרט און דערוויסן זיך, ווי האַלט עס ביי דער געזעלשאַפט „אָרט" מיט אירע צוזאָגן אונדז איינצואָרדענען?

צו אונדז האָבן זיך שוין דעמאָלט דערטראָגן די קלאַנגען, אַז גענעראַל פּ ע ט ע ן האָט קאַפּיטולירט פאַר היטלערן און אַז די דייטשן באַלעבאַטעווען שוין אין גאַנץ פראַנקרייך.

די פּויערים פון קאַזעריל זענען אַרומגעגאַנגען צוליב דעם, ווי אַן קעפּ. איצט האָבן זיי זיך געשעמט פאַר אונדז מיט דעם פאַרראַט פון זייער רעגירונג. זיי האָבן זיך געשעמט און מיר, יידן, האָבן זיך געשראָקן: וואָס וועלן די דייטשע באַנדעס טאָן מיט אונדז דאָ אין פראַנקרייך?

די פראַנצויזן האָבן אונדז באַרויקט, באשר אין אַזוינע ווייטע מקומות וועלן די דייטשן נישט קומען. און אויב אפילו יאָ, וועלן זיי אונדז, באַשעפטיקטע ביי ערד־אַרבעט, נישט טשעפּען.

די געשעענישן זענען געלאָפן גאָר גיך. ס'זענען שוין געווען ידיעות, אַז די פּוילישע אַרמיי איז זיך צעפאַלן און אַז די קינדער אונדזערע געפינען זיך אויפן וועג אַהיים. דאָ דערהאַלטן מיר פּלוצעם אַ בריוו פון אונדזער טאָכטער אין רעוועל, אין וועלכן זי בעט מיך צו קומען: עפּעס רעדט מען וועגן אַמעריקאַנער וויזעס פאַר עלטערע, אָנפירנדיקע חברים פון פאַר־

שידענע באַוועגונגען, און זי האַלט דעריבער, אַז מיין אַנוועזנהייט איז דאָרטן נייטיק.

אַזוי ווי איך בין גראָד געשטאַנען פאַר אַ רייזע קיין טולוז, בין איך פון דעם אַלעם געוואָרן צעטומלט און נישט געוווּסט, וואָס פריער צו טאָן: וואַרטן דאָ אויף די קינדער? פאָרן פּלוצעם אין רעוועל? צי טאָקע — ווי כ׳האָב אָקאָרשט אין זינען געהאַט — קיין טולוז?.

נאָך קורצע באַראַטונגען מיט מיטאַרבעטער און משפּחה האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן פון דעסטוועגן קיין רעוועל און אויף צוריקוועגס — אויך זיין אין טולוז.

דערקליבן זיך צו דעם נאָענטסטן שטעטעלע מיט אַ באַן־סטאַציע, בין איך געוואָרן איבערראַשט, טרעפנדיק דאָ אין די טויזנטער אַנגעלאָ־פענע יידישע יונגע־לייט: אָפּגעריסענע, אויסגעמאַטערטע, בלאַסע זענען זיי ממש געפאַלן פון די פיס און נישט געקאָנט ווייטער גיין.

געזען באַקאַנטע פּנימער, האָב איך גענומען אויספרעגן — פון וואַנען קומען עס יידן און וווהין גייען זיי? די תשובה איז געווען גאַנץ קלאָר:

— מיר לויפן פון ברעסוויר, פון פּוילישן מיליטער, הונדערטער קילאָמעטער צופוס. אייערע צוויי זין געפינען זיך אויך דאָ!.

דערהערנדיק די בשורה, בין איך באַלד געגאַנגען זוכן די קינדער. כ׳האָב געפונען מיינע צוויי זין — לייבל און יצחק. נאָר וואָס איז מיט מאירן? און אברהם — און זשאק?.

— מאיר און זשאק זענען אַהיימגעפאָרן קיין רעוועל און אברהם איז געבליבן הינטערשטעליק; וועט געוויס קומען מאָרגן, האָבן זיי מיך באַרויקט.

אַלץ האָט אין מיר געוויינט ביים אָנבליק פון מיינע צוויי אויסגע־מוטשעטע קינדער: צו וואָס און פאַר וועמען? האָב איך אין גדאַנק נישט אויפגעהערט זיך צו פרעגן און בעת מעשה פאַרגעסן שוין אַלע ענינים און צוריק אַהיימגעפאָרן מיט מיינע צוויי זין.

דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע שׂמחה: די געוויינען און געשרייען פאַר פרייד איז דאָס מאָל געווען אַ מחיה צו הערן. און נישט

בלויז ביי מיר, נאָר אויך אין אַנדערע שטיבער; וואָרעם דעם אייגענעם טאָג זענען אָנגעקומען נאָך יונגע־לייט צו זייערע משפחות אַהיים.

די מעשׂיות, וואָס די קינדער האָבן זיך אָנדערציילט וועגן דעם פּוילישן מיליטער אין ברעסוויר, וועגן דער סאָלדאַטסקער דאָליע זייערער, וואָלטן נישט געסטייעט טעג מיט נעכט זיי צו הערן. נאָר מיין פרוי האָט מיך גענומען צוויילן, כ׳זאָל פאָרן קיין רעוועל און זען, צי דאָרט זענען די קינדער שוין אויך צוריקגעקומען.

אַזוי ווי איך האָב ווידער געהאַט די זין אין דער היים, בין איך איצט מיט אַ גרינגער געמיט געפאָרן אַהינצו. מיין האַרץ איז ווידער דער־פרייט געוואָרן, טרעפנדיק מיינע זין און די אַנדערע יונגע־לייט, צוריק־געקומענע פון ברעסוויר.

כ׳בין געווען גליקלעך צו זען אַלעמען אַזוי מונטער. מיט וואָס פאַראַ הומאָר זיי האָבן עס גערעדט וועגן דעם „פּוילישן מיליטער״ — אָפּלאַכנדיק פון זייערע אָפיצירן און גענעראַלן, וואָס זענען כסדר פאַרנו־מען געווען מיט זיך, בעת די פשוטע זעלנער, גראָד בראַווע יונגען, האָבן דווקא גענומען ערנסט דעם ענין און רק געריסן זיך קעמפן!

וויזעס פאַר אקטיוויסטן

אויף אַ זיצונג מיט אונדזערע חברים אין רעוועל בין איך געוואָר געוואָרן, אַז די אַמעריקאַנער חברים האָבן טאַקע געקראָגן אַ געוויסע צאָל וויזעס פאַר אַקטיוויסטן פון פראַנקרייך און בעלגיע. פון אונדזערע חברים אין אַמעריקע זענען מיר אויפגעפאָדערט געוואָרן, באַלד זיי צוצושיקן טעלעגראַפיש די נעמען; האָט מען גערעדט וועגן דעם זיך באַראַטן.

פון יענער באַראַטונג איז געבליבן ביי מיר אַ מין בייגעשמאַק. מיר איר ווייט נישט געפעלן דער אופן, ווי די דיסקוסיע איז געפירט געוואָרן, ווי אויך דער נישט־געזעלשאַפטלעכער צוגאַנג צו אַזאַ וויכטיקן ענין. ס׳האָט מיר ווי געטאָן צוצוהערן זיך די אַמפּערנישן און דאָס דינגען זיך פון געוויסע אָנפירנדיקע חברים, וואָס איז על פי רוב באַגלייט און מאָטי־

ווירט געוואָרן אויך מיט פערזענלעכע מאַטיוון. איך האָב נישט אויסגע־האַלטן און פאַרלאָזט די זיצונג.

*

קומענדיק אין טולוז, האָב איך באַלד איינגעזען, אַז מ׳קאָן שוין דאָ גאָרנישט אויפטאָן. די געזעלשאַפט „אָרט" ווערט באַלאַגערט פון הונ־דערטער מענטשן, וואָס וויסן נישט גענוי, וואָס זיי ווילן: ווער ס׳האָט געבעטן אַ נאַכטלעגער, אָדער אַ קליינע געלט־שטיצע אויף איבערצולעבן דעם טאָג, וועמען ס׳זענען נייטיק געווען מאַשינען, און וועמען גאָר — וויזעס. אויך די לאָקאַלן פון אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זענען באַלאַגערט פון מחנות מענטשן. פון דעם אַלעם איז געווען צו דרינ־גען, אַז ס׳פעלן נישט אויס קיין צרות און אַז די פאַראַנענע הילף־מעגלעכ־קייטן זענען ווייט נישט גענוגנדיק אויף צו לינדערן די אַלץ מער און מער שטייגנדיקע נויט.

און אויף די גאַסן האָבן דייטשע אָפיצירן געדראַלעוועט אין זייערע, אייגענע, אָדער אָנגערויבטע לימוזינעס: אויך פראַנקרייך איז שוין געלעגן אונטער דעם היטלעריסטישן שטיוול. די פּאַניק איז פון דעם געוואָרן נאָך גרעסער און די לאַגע — ערגער פון שעה צו שעה.

אין טולוז האָב איך געטראָפן די צוויי אָנפירנדיקע חברים אונדזע־רע פון פּאַריז: נוימאַן און יוסף פרידמאַן. זיי האָבן פּשוט אַלאַרמירט, אַז די בעלגישע חברים זענען מחויב צו רעזערווירן פאַר מיר צוויי וויזעס; וואָרעם — אַריינגערעכנט די מינדעריעריקע, וואָס אין מיין משפחה, גיט דאָס אַ מעגלעכקייט אָפּצוראַטעווען אַזש 9 נפשות. אויפן סמך פון אָט דעם לאָגישן חשבון — האָבן זיי געטענהט — מעג מיר אפילו אָנשטיין צו פ אָ ד ע ר ן די וויזעס.

כ׳געדענק נישט, ווי אַזוי האָב איך דעמאָלט רעאַגירט אויף זייער אַרויסזאָג. איך ווייס בלויז, אַז שפּעטער פלעגט מיר קומען אַ מאָל אויפן זינען יענער טראַגישער חשבון און איך האָב געטראַכט, אַז וואָלט איך, ווי אַנדערע, געווען פאַרלאַנגט פאַר זיך די וויזעס — וואָלט איך נישט געהאַט אַזויפיל קרבנות אין מיין משפחה.

בייזע פאַרגעפילן באַהערשן אויך קאַזעריל

אין טולוז האָב איך זיך אַפילו נישט דערשלאָגן צו די פאַרשטייער פון „אָרט״, און אַזוי, אָן שום דערגרייכונגען — געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט.

איז טאַקע נישטאָ קיין מעגלעכקייט זיך אַרויסצורייסן פון דאַנען? האָט מען צוליב דעם זיך געדאַרפט לאָזן אין וואַנדער, בכדי אַלץ איינס אַריינצופאַלן דאָ צו די דייטשן אין קלעם? — מיט אַזוינע יאושדיקע געדאַנקען בין איך געלאָפן אַהיים.

קומענדיק אין קאַזעריל, האָב איך זיך געשטאַרקט נישט אַרויסצוּווייזן מיין צערודערניש פאַר די יידן; אָבער די בייזע פאַרגעפילן האָבן אויך אָן מיר געפונען צו זיי דעם וועג. די רייכערע זענען אַרויסגעפאָרן אין די גרויסע שטעט, האָפנדיק צו קריגן דאָרט וויזעס קיין אַמעריקע, מיין דייטשער „פריינד״ איז אויך שוין געהאַט אַוועק פון דאַנען מיט עטלעכע טעג צוריק, און דעם איבערגעבליבענעם עולם איז גאָרנישט גרינג געווען אויפן האַרצן.

פון דעם בירגערמייסטער און פון נאָך עטלעכע מער וויניקער באַוווּסטזיניקע קאַזערילער איינוווינער, וואָס האָבן געהאַט ראַדיאָ אין שטוב, בין איך געוואָר געוואָרן, אַז מ׳האָט שוין געשאַפן, אָדער מען האַלט ערשט ביים שאַפן אַ רעגירונג אין ווישי; ביי זיי, ביי די תמימותדיקע און גוטע פראַנצויזישע מענטשן, איז אויסגעקומען, אַז די דאָזיקע רעגירונג וועט נישט דערלאָזן, מען זאָל די יידן שלעכטס טאָן, בפרט — אַזוינע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט. זיי האָבן געעצהט, כ׳זאָל ווייטער אָנגיין מיט מיין אַרבעט און אויך פאָרן אין שטאָט פאַרזאָרגן די עלעקטרע, פאַרזיכערנדיק דערביי, אַז די דייטשע באַנדיטן וועלן אונדז דאָ גאָרנישט טאָן.

איך האָב זיך באַרויקט, נאָר מיינע רייד האָבן וויניק וואָס געהאָלפן צו באַרויקן אַנדערע. אַ סך פון די פליטים זענען זיך צעפאָרן, נישט וויסנדיק אַליין, וווּהין מען פאָרט. פון טאָג צו טאָג זענען געוואָרן עקשנות־דיקער די קלאַנגען, אַז אַלע יידן פון אָ ק ו פּ י ר ט (אין דער געגנט געפינט זיך אויך קאַזעריל) וועלן געשיקט ווערן אין לאַגערן. די צרה האָט זיך אָנגערוקט אַלץ נענטער און אַ פחד האָט אַרומגענומען דעם עולם.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם בין איך פאַרט אַוועקגעפאָרן אין מאַנטרעזשו צו באַזאָרגן די עלעקטרע. איך האָב פשוט נישט געוואָלט באַהערשט ווערן פון דער פאַניק און געהאַלטן, אַז ווי לאַנג סע לאָזט זיך, דאַרף דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן גיין מיט זיין נאָרמאַלן דרך.

אויפן וועג קיין מאַנטרעזשו האָב איך, לויט מיין שטייגער — זייער געשמאַק פאַנטאַזירט וועגן דער ליכטיקייט, וואָס וועט אַריינברענגען פרייד נישט בלויז אין מיין שטוב, נאָר אויך אין דעם גאַנצן שטעטל. נאָך מער האָבן מיינע פאַנטאַזיעס געשוועבט אַרום דער פ ע ר מ ע, וואָס מיר וועלן אויפשטעלן אין גיכן: כ׳וועל ווערן אַ פויער, אַן ערד־אַרבעטער — מיר אַלע וועלן ווערן פויערים.

אין מאַנטרעזשו זענען אָבער אַלע מיינע פאַנטאַזיעס צערונען געוואָרן מיט אַ מאָל: די גאַסן זענען דאָ פול געווען מיט יידן, צווישן זיי — ווייבער און קינדער מיט זעק און פעק. אַנקוקנדיק זייערע איבערגעשראָקענע פנימער, האָב איך דערפילט, אַז דאָס גרויסע אומגליק הייבט זיך אָן.

באַלד איז אונטערגעלאָפן צו מיר אַ באַקאַנטער — טאַקע פון קאָזעריל — און מיר אָנגעזאָגט די ביטערע בשורה:

— איר ווייסט נאָך נישט וועגן אונדזער בראָך? אַלע יידישע פליטים פון אָט־גאַראַן מוזן זיך צושטעלן ביז מאָרגן פרי אין מאַנטרעזשו!.

ווי אַ דונער האָט מיך די בשורה געטראָפן.

— איז נישטאָ קיין שום אויסנאַם?, האָב איך געפרעגט ביי מיין פריינד. געהאַפּט האָב איך אַלץ נאָך, לויט ווי דער בירגערמייסטער האָט ערשט היינט מיר פאַרזיכערט, אַז די אַלע, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף ערד, וועט מען אפשר נישט רירן.

— וואָספאַראַ אויסנאַם ווילט איר האָבן? — ענטפערט מיין פריינד. עס דרייען זיך דאָ אַרום יידן מיט שווערע טויזנטער; זיי האָבן באַוויזן, אַז זיי פאַלן נישט קיינעם צו לאַסט, און ס׳האָט אויך נישט געהאָלפן: אַ ל ע מוזן גיין אינעם לאַגער!

ס׳איז מיר שוין אַרויס פון קאָפּ די עלעקטרע: כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אויך אין קאָזעריל מוז איצט זיין דער זעלביקער בראָך און איך בין

באַלד געלאָפן אויף צוריק. געלאָפן — שוין אָן פאַנטאַזיעס, און נאָר גע־טראַכט: ווי האַלט מען אויס דעם קאָשמאַר ?.

אָנגעקומען אין קאזעריל בין איך נאָכמיטאָג און בין באַלד באַגעגנט געוואָרן מיט דער בשורה, אַז די זשאַנדאַרן וואַרטן אויף מיר. אַלע אַנדערע זענען שוין פאַרלאַדעוועט אויף די פורן און בלויז איך אַליין האָב נאָך גאָרנישט געטאָן.

איך האָב נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלייבן אַז מען שיקט אונדז אַרויס; בין איך געלאָפן צום בירגערמייסטער און צו די זשאַנדאַרן, נאָר זיי האָבן מיר גאָרנישט געקאָנט העלפן: גיי, מאַך עפּעס, אַז ס'איז פאַראַן אַ באַפעל !.

דער בירגערמייסטער האָט נאָך פאַרט געוואָלט פאַר מיר עפּעס טאָן; האָט ער אויף גיך צונויפגערופן אַ שפּאַר ביסל פויערים און גע־פרעגט ביי זיי, ווער ס'וויל קויפן מיינע עופות און אויך דעם גאָרטן ?.

איינער האָט איינגעהאַנדלט די קרוליקעס, אַ צווייטער — די הינער און גענדז, און עטלעכע האָבן אָפּגעקויפט בשותפות דעם גאָרטן. זיי האָבן צונויפגעזאַמלט צווישן זיך 400 פראַנק און מיר באַצאָלט. דערנאָך האָבן איניקע געבראַכט אַ גרויסן וואָגן, געשפּאַנט אין צוויי אָקסן, און אויפגע־לאָדנט אַלע מיינע בעבעכעס מיט מיר און מיין פאַמיליע אין איינעם. דער־ביי האָבן זיי געוויינט מיט ביטערע טרערן און אַזוי, וויינענדיק, אַרויסבאַ־גלייט אונדז ווי אַ לעבעדיקע לוויה.

איך אַליין בין געווען, ווי פאַרשטיינערט, נישט געקאָנט אויסריידן אַ וואָרט סיי ביים געזעגענען, סיי אויך אויפן וועג. אַזוי, מיט די אָקסן־שריט, האָט מען געשלעפּט זיך אַ גאַנצע נאַכט, און מידע, צעבראָכענע, אָן אַ צורה פון לעבעדיקע מענטשן, דערשלעפּט זיך קיין מאַנטרעזשו ערשט אין דער פרי.

נאָך דעם זעלביקן טאָג האָט מען אונדז פון דאָרטן אָפּטראַנספּאָר־טירט קיין קלערפאָן.

ישראל טאַבאַקמאַן

אין לאגער קלערפאן

אָנגעקומען אין לאַגער זענען מיר אין אָוונט; כ׳מיין, אַז דאָס איז געווען דעם 18־טן אויגוסט. אין דער אייגענער צייט זענען אויך אָנגעקומען פליטים פון אַנדערע געגנטן, אָבער דער טראַנספּאָרט פון רעוועל איז צווישן זיי נישט געווען.

מען האָט אַלעמען צוגעפירט צו אַ באַראַק. דאָרט האָט אונדז איבערגענומען אַ שפּאַניער און לויט דער צאָל מיטגלידער אין אַ משפחה — איטלעכן אָנגעוויזן אַן אָרט.

אַן די קינדער פון רעוועל איז מיין משפחה באַשטאַנען דעמאָלט פון 9 דערוואַקסענע און צוויי קינדער; מען האָט אונדז דעריבער צוגעטיילט אַ ווינקל מיט 3 בעטן, ד. ה. — יעדער בעט האָט פאַרמאָגט 3 געלעגערס, צונויפגעקלאַפּטע איינס איבערן אַנדערן פון האָלץ־שטאַנגען און ברעטער. דער זעלביקער שפּאַניער האָט באַלד צוגעציילט אַלעמען קאָלדרעס און זעק, און אָנגעוויזן דאָס אָרט, וווּ מ׳דאַרף נעמען שטרוי אויף אָנצופולן די זעק.

מיר האָבן אויף גיך אַריינגעטראָגן אונדזערע פּעקלעך אין באַראַק, און מורא האָבנדיק, אַז די נאַכט וועט צופאַלן און ס׳וועט אויסקומען צו שלאָפן אויף די הוילע ברעטער, איז מען געלאָפן אָנפילן וואָס שנעלער די זעק.

נאָכן אַרויפטראָגן די שעניקעס אויף די דרייגאָרנדיקע בעטן, האָט מען אַוועקגעזעצט זיך אויף די אייגענע פּעקלעך זיך אָפּצורוען, יעדערער פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען, נישט אַרויסרעדנדיק מיט קיינעם אַ וואָרט.

ווען נישט די געוויינען פון קינדער, וואָס האָבן, ווי דער שטייגער, געמאָנט עסן, אָדער טרינקען, וואָלטן די מענטשן אַזוי גיך נישט גערירט זיך פון זייערע ערטער. אָבער דאָס קליינוואַרג האָט פון גאָרנישט געוואָלט וויסן און אַרויסגעריסן אַלעמען פון דער גליוורניש. פאָטערס און מוטערס זענען געלאָפן זען, צי מען קאָן ערגעץ קריגן אַ ביסל וואַרעם וואַסער, אָדער מילך און — אָנגעקאָרמעט די קינדערלעך, האָט מען פאַר איינס אויך שוין געגעסן פון דעם, וואָס מען האָט מיטגעבראַכט מיט זיך. נאָר

אויף לאַנג האָט ווידער נישט געקלעקט קיין ענערגיע: געלייגט שלאָפֿן די קינדער און אָפּגעטאָן דאָס נייטיקסטע, האָט זיך יעדערער ווידער באַזעצט אויף זיין בעט מיט די פּעקלעך און ווידער פאַרזונקען אין די פינצטערע געדאַנקען. ווען די מענטשן וואָלטן זיך געווען צונויפגערעדט, אַראָפּגע־רעדט זיך פון האַרצן, וואָלט אפשר יעדן איינעם געוואָרן אַ ביסעלע גרינ־גער. איז אָבער געווען אַזאַ פינצטערניש, אַז איינער האָט נישט געזען דעם אַנדערן. אין אַ באַראַק פון בערך 50 מעטער די לענג האָבן געברענט צוויי קליינע עלעקטרישע לעמפּלעך — קוים וואָס מען האָט געזען די פּנימער פון די נאָנטסטע. און אַזוי האָט די פינצטערניש צעשיידט, די מענטשן.

9 אַזייגער, ווען יעדער איז שוין געלעגן איינגענורעט אויף זיין שעניק, איז די דאָזיקע קאַרגע שיין אויך אויסגעלאָשן געוואָרן און אַ שרעק האָט אַלעמען אַרומגענומען אין אָט דער פולשטענדיקער פינצטערניש. נישט עס האָט ווער אַן אַנונג, אַווו מען געפינט זיך, און וואָס מ׳וועט מיט אונדז טאָן הויבט קיינער נישט אָן צו וויסן. און נאָך אַ צוגאָב: דורך אַ הינטערטיר לאָזט זיך אַלע מאָל אַריין אין באַראַק אַ חברה מיט אויס־געשרייען און מיט געלעכטערס. צו מאָל בליצט־אויף דאָס ליכט פון אַ קעשענע־לעמפּל, כדי צו באַלייכטן דאָס אַרויפקריכן אויף די געלעגערס. די פרעמדשפּראַכיקע רייד זענען פאַר אונדז נישט פאַרשטענדלעך. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס זענען מסתמא די שפּאַניער, וואָס דאַרפן זיין אונדזערע שכנים.

ביסלעכווייז האָט זיך איינגעשטילט דאָס פייפן און זינגען, דערנאָך האָבן אויך אויפגעהערט די גערעדערייען און געלעכטערס. נאָר מיך האָבן פאַרפאָלגט שווערע געדאַנקען, און כאָטש כ׳בין געווען מיד און צעבראָכן, האָב איך פאַרט נישט געקאָנט איינשלאָפֿן. פון מיינע אויגן האָט נישט אָפּגעטראָטן דאָס בילד פון אונדזער אַרויספאָרן פון קאַזעריל, די ליצי־טאַציע פון אונדזער ווירטשאַפט, וואָס די פּויערים מיטן בירגערמייסטער האָבן געמאַכט אין דער לעצטער מינוט פון וועגן אונדזער טובה, דאָס שלעפּן זיך אינעם וואָגן, געשפּאַנט אין אָקסן, די קאַלטע נאַכט אונטער־וועגס און נאָך, און נאָך...

פלוצלונג האָבן צו מיינע אויערן זיך דערטראָגן שטילע, ווייבערשע געוויינען און שלוכצן, וואָס האָבן געשניטן דאָס האַרץ אויף שטיקער. די געוויינען האָבן מיר אויסגעקוקט ווי אַ באַגלייטונג צו מיינע אייגענע טראַכטענישן וועגן דעם ערשט נעכטן איבערגעלעבטן און אויך, ווי אַנגע־מאָסטן פאַר אונדזער איצטיקן מעמד. איז דען נישט געווען צו וויינען און קלאָגן אויף דעם, וואָס מיט אונדז האָט געטראָפן? נאָך אַזויפיל צרות שוין געהאַט זיך צוגעוווינט צו די נייע באַדינגונגען אין דער פרעמד, געאַקערט — ווי מען זאָגט — מיט דער נאָז די ערד, זיך אַריינגעגראָבן אין איר מיט ציין און מיט נעגל, און איצטער האָט מען אונדז ווידער אַרויסגעריסן, צונויפגעשלעפט טויזנטער יידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פון די היטלערישע לאַפּעס, און זיי אַריינגעוואָרפן אין לאַגער; און ווידער ווייס מען נישט, וואָס ס׳וועט מיט אונדז זיין!

באַלד האָבן זיך אָט די געדאַנקען פון מיר אָפּגעטאָן און אַנדערע האָבן פאַרנומען זייער אָרט; געדאַנקען, וואָס זענען מסוגל געווען צו פאַרטרייבן דעם יאוש: איך טאָר זיך נישט לאָזן צעברעכן, שוין דערפאַר אַליין כאָטשבי, וואָס איך טראָג די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַזאַ גרוי־סער משפחה; איין גרימאַסע פון יאוש אויף מיין פנים קאָן פאַראומגליקן אַלע מיינע קינדער! איך האָב געוווּסט, אַז זיי האַלטן זיך שטאַרק און מוטיק און זענען גרייט איבערצוקומען און אַנטקעגנשטעלן זיך אַלע שוועריקייטן — אַ דאַנק דער האַלטונג פון זייער פאָטער. און אַזוי אויך אַ סך, אַ סך פרעמדע, וואָס געפינען זיך אַרום מיר. דעריבער טאָר איך נישט באַווירקט ווערן פון אַפּהענטיקייט און פאַרצווייפלונג.

אַזוי האָב איך פון ס׳ניי אָנגעגורט זיך מיט מוט: ווידער בין איך געווען שטאַרק און גרייט אַנטקעגנצושטעלן זיך אַלערליי סכנות, וואָס קאָ־אונדז נאָך דערוואַרטן. אַזוי בין איך איינגעשלאָפן די ערשטע נאַכט אין לאַגער קלערפאָן.

אויף צו מאָרגנס, אַז ס׳איז נאָר וואָס טאָג געוואָרן, בין איך אַראָפּ פון מיין גאָרנדיקן געלעגער און אַרויס אין דרויסן. געווען אַ קאַלטער, אָבער שיינער פרימאָרגן. די זון האָט זיך אָקאָרשט געהאַט באַוויזן, און אַלץ איז כמעט נאָך געשלאָפן. איך האָב באַטראַכט דעם לאַגער: דאָס איז

געווען אַ רונדער און גרויסער — קוים מיטן אויג אַרומצונעמען פּלאַץ, וואָס האָט פאַרמאָגט גריבער און בערגלעך, ערטערווייז באַוואַקסן מיט גראָז. אַרום און אַרום — האָלצערנע, לאַנגע באַראַקן, ווייט אין עק — אַ גרויסע, גאָרנדיקע געביידע. ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, איז עס געווען דאָס הויז פון דער זשאַנדאַרמעריע און אויך דער אַריינגאַנג אין לאַגער. אַ ביסל נענטער, פאַר דער געביידע, איז געשטאַנען אַ קליין הייזל, וואָס איז געווען פאַרנומען פונעם דירעקטאָר און זיינע אָנגעשטעלטע, ד. ה. — פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג. אין פאַרשידענע פּונקטן פון דעם גרויסן פּלאַץ — צעוואָרפן און ווייט איינס פון אַנדערן — זענען געשטאַנען האָל־צערנע הייזער, וואָס האָבן געדינט דעם לאַגער ווי עס־זאַלן, קיכן און אַרבעטס־הייזער. אַ חוץ דעם — אַ באַזונדער הויז פאַר שפּייז־פּראָדוקטן, אַ הויז פאַר אַרבעטס־כלים און אויך מאַטעריאַלן צו פאַרשידענע מינים אַרבעטן. אויף יעדן הויז — אַן אויפשריפט מיט דער אָנווייזונג, צו וואָס עס דינט. ווייט אַוועק פון דעם רונדן פּלאַץ זענען געווען אויפגעשטעלט אַזעלכע טואַלעטן, וואָס אַז ווייַ צו די אַלע, וואָס האָבן דאָס געזען און געפילט...

בעת דעם שפּאַציר, וואָס איך האָב געמאַכט אין יענעם פרימאָרגן, בין איך אויך געוואָר געוואָרן, אַז פריער איז עס געווען אַ לאַגער פאַר שפּאַניער, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין די קאַמפן קעגן פראַנקאָ און שפּעטער אַנטלאָפן אין פראַנקרייך. איצט האָט מען אַ טייל פון זיי אַוועק־געשיקט אין אַנדערע ערטער און דאָ געמאַכט אַ דעפּאָ־לאַגער פאַרן יידן. פון דעם צייטווייליקן אויפהאַלט דאַרף מען ערשט, הייסט עס, פונאַנדערגע־שיקט ווערן אין אמתע לאַגערן.

*

קומענדיק פון מיין פרימאָרגן־שפּאַציר צוריק אינעם באַראַק, האָב איך שוין דאָ אַלעמען געטראָפן אויף די פיס. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ האַלבער באַראַק איז פאַרנומען פון שפּאַניער, וואָס ווען ווען די וואָך פאַר־לאָזן, ווייל זייער אָרט דאַרפן פאַרנעמען יידישע משפחות, וואָס וועלן אָנקומען פון פאַרשידענע ערטער.

איך האָב אַרומגעקוקט מיין נייע „דירה“. לינקס פונעם איינגאַנג

אין באַראַק איז געווען אַ טיר צו אַ גרויסן און שיינעם צימער, וואָס עס האָבן פאַרכאַפּט צוויי משפחות פון אַ צען מענטשן. נאָך דעם צימער האָבן מיר געהאַט אונדזער ווינקל — צונויפגעשטעלט פון די 3 בעטן אין דער פאָרעם פון אַ „ח" און פאַרהאַנגען מיט אַ קאָלדרע אַנשטאָט אַ טיר. אַריינ־קומענדיק פון שפּאַציר, האָב איך פּשוט נישט דערקאַנט דאָס אָרט, ווו כ'בין איבערגעשלאָפן די נאַכט: מיין פרוי און די קינדער האָבן פאַר דער צייט געהאַט צוגעראַמט אַלץ, פאַרשפּרייט מיט אַ ליילעך, אויסגעקערט דאָס שטרוי און אפילו אַוועקגעשטעלט אַ טישעלע מיט אַ באַנק. (די צוויי „מעבל־שטיקער" איז זיי געלונגען איינצושאַפן אַ דאַנק דער באַקאַנט־שאַפט מיט אַ שפּאַניער, וואָס האָט גערעדט פראַנצויזיש).

אַלץ האָט זיך צו ביסלעך איינגעשטעלט, מיר האָבן אָבער זייער געליטן צוליבן נישט־וויסן, וואָס ס'איז געשען מיט אונדזערע קינדער אין רעוועל. כ'האָב צוגעזאָגט מיין פרוי, אַז די נאָענטסטע טעג וועל איך אַרויסבאַקומען זיך פונעם לאַגער און געוואָר ווערן, ווו די קינדער גע־פינען זיך.

דערווייל האָבן די געוויינען פון פרויען און קינדער נישט אויפגע־הערט אינעם באַראַק. ס'איז שווער געווען צוצוזען, ווי זיי אַלע זיצן נאָך אַלץ אויף די בעטן לעבן זייערע נישט־געסדרטע פּעקלעך און וויינען שטילערהייט. ביי אַ סך פאַמיליעס זענען נאָך די מענער נישט צוריקגע־קומען פון פוילישן מיליטער פון ברעסוויר; די זשאַנדאַרן האָבן אָבער נישט געוואָלט וואַרטן, אַוועקגעשיקט די עלנטע אָן די מענער, און אָט מאַטערן זיי זיך דאָ אַליין מיט די קליינע קינדער. מיר האָבן מיטגעפילט זייער צער און פון דעם אַליין איז יעדער איינער אויך אַרומגעגאַנגען דער־שלאָגן, פאַרפינצטערט.

אַנקוקנדיק די אַלע מענטשן מיט די פּעק צרות אויף זייערע פּלייצעס און מיטן אויסדרוק פון ליידן אויף די פּנימער, האָב איך מורא געהאַט אַ וואָרט אויסצורעדן צו זיי: ווי עס זאָל נישט זיין — האָב איך פאָרט לעבן זיך דעם גרעסטן טייל פון מיין משפחה, בעת זיי זענען נעבעך אַליין מיט די קינדער. דאָך האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגע־הויבן זיי טרייסטן:

— וואָס וועט העלפן דאָס וויינען? איר וועט זיך בלויז קאַליע מאַכן די אויגן, אָדער גאָר קראַנק ווערן אין גאַנצן; מען וועט אייך דאַרפן שלעפּן אין שפּיטעלער, איר וועט זיין אָפּגעריסן פון אייערע קינדער און קיינער וועט נישט וויסן, ווו זייער מאַמע איז אַהינגעקומען. אין אַזאַ צייט דאַרף מען, פאַרקערט, זיך שטאַרקן, בייקומען אַלע בייזע אָנשיקעניששן און טראַכטן נאָר, ווי איבערצולעבן די ביטערע צייט. דאָס שלעכטע וועט דאָך נישט דויערן אייביק און מיר וועלן נאָך זען היטלערס סוף. דערווייל אָרדנט זיך איין; סדרט אויס אייערע פּעק, גיט די קינדערלעך עסן, כאַפּט אַליין אויך עפּעס איבער — צו וואָס זאָלן פרעמדע זען אונדזער צע־בראָכנקייט?

אַזוי האָב איך גערעדט צו זיי, ביז ס׳האָט זיך זיי געגומען דאַכטן, אַז די פּעק צרות זענען גאָר נישט אַזוי שווער. די גוטע באַציונג פון די שפּאַנישע פּליטים, וואָס זייער פריילעכקייט האָט די ערשטע נאַכט מיך געשראָקן — האָט אויך מיטגעווירקט, אַז דער עולם זאָל ווערן מונטערער. די שפּאַניער האָבן געהאָלפן איינאָרדענען די פּעקלעך, געשלעפּט וואַרעם וואַסער און מילך פאַר די קינדער, אָנגעוויזן ווו זיך צו וואַשן, געפירט אינעם עס־זאַל, און פאַר די קראַנקע געבראַכט דאָס עסן אין באַראַק. זיי האָבן באַגלייך מיט מיר געטרייסט און געמוטיקט די מענטשן, אויפוויזנ־דיק מיט כלערליי אַרגומענטן, אַז היטלער וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן און אַז צו די צרות וועט נעמען אין גיכן אַן עק. די גאַנצע צייט, ביז זייער אָפּפאָרן פון קלערפאָן, האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַן אמת מענטשלעכע באַצי־אונג צו אונדז, יידישע פּליטים.

איך ווער א גלעזער

ביסלעכווייז איז דער עולם געקומען צו זיך; פון די גאָרנדיקע בעטן געמאַכט „שטיבער" פאַר זיך — צו צוויי, צו דריי פאַמיליעס אין איינעם. ס׳איז געוואָרן עטוואָס פריילעכער און איך בין געווען גליקלעך, וואָס ס׳האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרטרייבן אַ ביסל דעם יאוש.

מיין שטוב איז באַלד אין אָנהייב געוואָרן דער זאַמלפּונקט פון אַלע ; יידן אין באַראַק. מען איז געקומען פרעגן אַן עצה און סתם אַראָפּרעדן זיך פונעם הארצן. בין איך טאַקע געווען היפש : פאַרנ׳מען, אָבער דערפון האָבן זיך נישט אָפּגעטאָן מיינע אייגענע צרות. מיין פרוי האָט כסדר גע־זאָרגט : ווו זענען די קינדער ?. אַרויסצופאָרן פון קלערפאָן אַן אַ דער־לויבעניש פון דירעקטאָר איז געווען אוממעגלעך. האָב איך אַלץ נישט געקאָנט אויפזוכן אונדזערע קינדער.

אין איינעם אַ טאָג, מאַכנדיק אָרדענונג אין די וואַליזעס, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ דימענט צום שניידן גלאָז. איך האָב דעם דימענט שטענדיק מיטגענומען מיט זיך און געהאַלטן אים טייער, ווייל ער איז געווען דער איינציקער אָנדענק פון מיין פאָטער, וואָס האָט זיך באַ־שעפטיקט מיט גלעזעריי. איך אַליין האָב אויך געהאַט אַ ידיעה אין דעם פאַך, און ווען איך האָב דאָ דערזען דעם דימענט, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק : בעת מיין ערשטן פרימאָרגן־שפּאַציר איבערן לאַגער־הויף האָב איך באַמערקט אַ סך אויסגעהאַקטע שויבן אין די באַראַקן און אין הייזל פונעם דירעקטאָר ; איצט הייבן זיך אָן די קעלטן — אפשר וועל איך מיט מיין גלעזעריי עפּעס פועלן ביים דירעקטאָר פון וועגן אויפזוכן אונדזערע קינדער ?.

נישט דערציילנדיק קיינעם קיין מעשיות, בין איך גלייך אַוועק צום דירעקטאָר און געזאָגט, אַז איך וויל אַרבעטן. אַזוי ווי איך בין אַ גלעזער, וואָלט איך וועלן אַריינשטעלן שויבן אין אַלע באַראַקן און אויך אין זיין ביוראָ. דער דירעקטאָר האָט זיך זייער דערפרייט מיט מיין פאָר־שלאָג און באַלד מיר דערציילט, אַז אויך ביי אים אין שטוב זענען צעבראָכן עטלעכע שויבן און ער בעט מיך זיי צו פאַרריכטן.

געוווינט האָט ער צווישן טולוז און קלערפאָן — איך געדענק נישט דעם נאָמען פון יענעם שטעטל. אין אַ קליינעם באַראַק האָב איך געפונען בוי־מאַטעריאַל און אויך גלאָז. אַזוי ווי קיין קיט און קיין טשוועקלעך זענען אָבער נישט געווען — האָט ער מיר געהייסן איינקויפן אַלץ אויף זיין חשבון אין שטאָט. און אָט בין איך געווען טאַקע ביים ציל. בכדי צו־קענען אַרויס פונעם לאַגער, האָב איך באַלד באַקומען אַן אַרויסגאַנגס־

שיין מיט אַ סטעמפּל און אונטערשריפט פון דירעקטאָר. דאָס איז געווען ביי מיר דאָס וויכטיקסטע, וואָס איך האָב נאָר געקאָנט דערגרייכן אויפן צווייטן טאָג פון מיין זיין אין לאַגער.

כ׳בין אַהיימגעלאָפן אין באַראַק און אָנגעזאָגט די בשׂורה, אַז איך וועל שוין קאָנען זען די קינדער, אָדער צום ווינציקסטן — אויסגעפינען כאָטש, ווו זיי זענען. אפילו גאָר פרעמדע מענטשן האָבן זיך געפרייט, וואָס איך וועל מעגן אַרויסגיין פון לאַגער.

דעם אייגענעם טאָג האָב איך געמאַכט אַ רשימה פון זאַכן, וואָס איינֿיקע האָבן געבעטן, כ׳זאָל פאַר זיי ברענגען, און איך בין אַוועק קיין טולוז.

דאָרט האָב איך געטראָפן דעם חבר יוסף פרידמאַן פון פּאַריז. ער האָט מיר איבערגעגעבן די ערשטע ידיעה, אַז אונדזער זון, מאיר, געפינט זיך אין **א ג ד א און איז דאָרט דער לייטער פון לאַגער.** ווייטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז אגדא האָט פריער געשמט פאַר דעם ערגסטן לאַגער און אַ דאַנק מיין זון טאַקע, איז איצטער דאָרט אַ סך גרינגער. יוסף פרידמאַן שטייט אין כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט אים און דורך אים גיט ער הילף צו די אַלע, וואָס נייטיקן זיך אין דעם.

פון דעם זעלביקן איז מיר אויך באַוווּסט געוואָרן, אַז אונדזער טאָכטער פאָרט צוריק מיט איר מאַן קיין ברימעל און אַז אַ געוויסע צאָל חברים זענען שוין אויך אַוועק אַהין צו. עס קומען אָן אַלאַרמירנדיקע ברייוו, **אַז אַלע זאָלן צוריק אַהיימקומען. די היטלער־מאַכט אין בעלגיע** האָט געמאָלדן, אַז יידן מעגן זיך אומקערן קיין בעלגיע און אָנגיין מיט זייערע געשעפטן און פאַבריקן, ווי פריער. און אַזוי ווי צו זיין אין דער פרעמד איז זייער ביטער, האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אַ צוריקפאָרן קיין בעלגיע.

פון דעם ענין צוריקפאָרן בין איך ווייט נישט געווען צופרידן; דערצו זענען מיר אַנטלאָפן, אַז מ׳זאָל איצט קריכן אַליין אין די לאַפּעס פון די נאַציס? אמת טאַקע, מיר געפינען זיך דאָ אין אַ לאַגער, אָבער קיין היטלעריסט זעט מען פאָרט נישט דערווייל פאַר די אויגן; איז אפשר וועט אונדז שוין אָפגליקן אַזוי ביזן סוף?

אין טולוז זענען צו יענער צייט נאָך פאַרבליבן עטלעכע הילפס־געזעלשאַפטן, צווישן זיי אויך — „אָרט". פון זייער הילף האָבן געקאָנט געניסן סיי די יעניקע, וואָס באַקומען וויזעס אַרויסצופאָרן קיין אַמעריקע, סיי די צוריקפאָרנדיקע אין בעלגיע; אויך — יידן, וואָס זענען פאַרשפּאַרט אין די לאַגערן און אַזוינע, וואָס דרייען זיך נאָך אַרום אין טולוז און ווייסן נישט, וואָס צו טאָן.

איך האָב זיך צוריקגעקערט מיט די אַלע נייעסן אין קלערפאָן — און דאָ איז מיר צוגעקומען אַ פרישע דאגה: נאָך אַ זון, וואָס איז געווען מיט אונדז אינעם לאַגער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אויך ער וויל צוריק־פאָרן קיין בלעגיע. זיין טענה איז געווען, אַז מ'האָט דאָרט איבערגעלאָזט אַזאַ פאַרמעגן, אָנגעזאַמלט דורך שווערער לאַנגיאָריקער, האָרעוואַניע, און די דייטשע באַנדעס וועלן דאָס איצט צעראַבירן...

איך האָב אָבער נישט געוואָלט הערן דערוועגן. כאָטש אויך דאָ איז נישט געווען קיין פּערספּעקטיוו, ווי אַזוי וויטער צו לעבן, האָב איך פון דעסטוועגן נישט געקאָנט מסכים זיין, מיין זון זאָל צוריקפאָרן צו די היטלער־באַנדיטן איך האָב זיך אָנטקעגנגעשטעלט מיט דער גאַנצער אַנט־שלאָסנקייט און דערווילע איז מיר געלונגען אים איינצוהאַלטן ביי זיך.

נייע ארבעטס-פלענער

מיט דער צייט האָט זיך איינגעשטעלט אונדזער לעבן אין לאַגער קלערפאָן און מען האָט זיך אָנגעהויבן צוגעוויינען צו די נייע באַדינגונגען און שוועריקייטן וואָס האָבן נישט געפעלט.

אין איינעם אַ טאָג האָבן זיך געמאָלדן צום דירעקטאָר צוויי יידן; (דוכט זיך — דאָס זענען געווען ברידער). אויפווייזנדיק מיט דאָקומענטן, אַז זיי זענען געווען אָפיצירן אין דער פוילישער אַרמיי נאָך פאַר דער מלחמה, האָבן זיי אויסגעדריקט זייער גרייטקייט איבערצונעמען די אויפזיכט איבער די יידן און איינפירן אָרדנונג אין לאַגער.

דער דירעקטאָר, וואָס האָט זיך טאַקע נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט אַלע פּראָבלעמען אין לאַגער, האָט זיך געוען אָנגעכאַפּט דעריין און באַשטימט זיי אַלס שעפן. ער האָט פאַר זיך געזען צוויי געזונטע, ענער־גישע חברה־לייט: איינעם — דעם הויכוואוקסיקן מיט ברייטע פּלייצעס האָט ער געמאַכט פאַר דעם הויפּט־שעף, דער צווייטער — אַ נידעריקער און גראָבער — איז געוואָרן יענעמס געהילף.

אויך אַלע יידן אין לאַגער האָבן געמיינט, אַז ס׳וועט זיין בעסער מיט זיי: לכל הפחות וועט מען פאַרשפּאָרן צו לויפן מיט יעדער קלייניקייט צום דירעקטאָר. וואָלטן די צוויי געווען לייטישע מענטשן, וואָלט טאַקע אַזוי געווען. מיר האָבן אָבער נישט מצליח געווען מיט די שעפן.

דער ערשטער קאָנפליקט איז פאָרגעקומען ביי אונדז אין באַראַק: אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָבן זיי געמאָלדן די צוויי משפחות, וואָס האָבן געהאַט פאַרנומען דאָס ערשטע צימער ביים איינגאַנג, אַז זיי זאָלן זיך אַריבערציען אין אַן אַנדערן באַראַק, ווייל זיי — די שעפן — נעמען דאָס צימער פאַר זיך. די צוויי משפחות האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט און דער גאַנצער באַראַק איז געווען אויף זייער זייט. ס׳איז געקומען צו אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס. אָבער אויסגעפירט האָבן די שעפן: זיי האָבן געבראַכט זשאַנדאַרן און די 10 נפשות האָבן זיך געמוזט אַרויסציען פון דעם צימער און אַריבערגיין אין אַ צווייטן באַראַק.

מיך האָט זייער פאַרדראָסן די מעשה, און בכדי זיך צו קילן אַ ביסל דאָס האַרץ, האָב איך זיי געזאָגט, אַז זיי וואָלטן געקאָנט זיין שעפן אין אַ היטלעריסטישן לאַגער. כ׳האָב אויך געפרעגט ביי די זשאַנדאַרן, פאַרוואָס זיי האָבן זיך אַריינגעמישט אין דעם ענין. פון זייער ענטפער האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז פאַר אַ שעף, וואָס ווערט באַשטימט דורך דעם דירעקטאָר, מוז מען זיך אָננעמען.

מיט דער צייט האָט זיך דאָס לעבן אין קלערפאָן נאָרמאַליזירט און דיסציפּלינירט, ווי ס׳געשיקט זיך אין אַ לאַגער. לויטן גלאָק איז מען אין דער פרי געלאָפן פרישטיקן, צוועלף אַ זייגער — מיטאָג עסן, און פאַר־נאַכט — וועטשערע. די באַשפּייזונג איז נישט געווען שלעכט. ביי די מאָלצייטן איז אפילו געווען ווין אויפן טיש, און פרוכט צום פאַרבייסן האָט

איך נישט געפעלט. ס׳דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן אַז אויך דאָס האָבן מיר געהאַט צו פאַרדאַנקען דער האַרציקער באַציונג צו אונדז פון די שפּאַניער, וואָס ביי זיי אין די הענט איז געלעגן די גאַנצע באַלעבאַטישקייט פונעם לאַגער. דאַקעגן די צוויי יידישע שעפן האָבן גענוג בייז בלוט אָנגעמאַכט און אַרויסגערופן האַס צו זיך נישט בלויז ביי אונדז און די שפּאַניער, נאָר אויך אפילו ביי דער זשאַנדאַרמעריע...

איך האָב זיך דערווייל נישט אַרומגעדרייט לײדיק: פאַרגלאָזט די פענצטער אין אַלע באַראַקן, ביים דירעקטאָר אין ביוראָ און אויך ביי אים אין דער וווינונג. כדי צו זיין אין גאָר גוטע באַציונגען מיטן דירעקטאָר און מיט זיין פרוי, האָב איך זיי געמאַכט אַ מתנה: אַ גלעזערנע שעכטעלע מיט רויטן באַנד באַצירט און אַ רויט קישעלע אינעווייניק — אויף אַרייבצוליגן צירונג. אויך האָב איך אין טולוז געלאָזט מאַכן פאַר זיין פרוי אַ פּאָר שטעקשיך, וואָס זענען איר זייער געפעלן. אויף אַזאַ אופן האָב איך אָנגעהאַלטן זייער פריינדשאַפט, וואָס איז מיר טאַקע צונוץ געקומען — נישט בלויז פאַר מיר, נייערט אויך פאַר אַנדערע יידן אין באַראַק.

נישט װעלנדיק אָנקומען צום נעמען הילף, וואָס חבר יוסף פרידמאַן האָט מיר פאַרגעלייגט בעת מיין זיין אין טולוז, בין איך מיר יעדן טאָג אַרויסגעגאַנגען אין אַ נאָענטן דאָרף מיט אַ ביסל גלאָז און קיט אונטערן אָרעם, אַריינגעשטעלט אַ פּאָר שויבן און פאַרדינט טעגלעך אַ דרייסיק פראַנק. אויך האָב איך פון מאָל צו מאָל אַריינגעכאַפּט זיך אין דער שטאָט און באַזאָרגט פאַר די יידן פון באַראַק אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר געווען מעגלעך.

אַזוי איז זיך געגאַנגען דאָס לעבן אין לאַגער קלערפאָן און מ׳וואָלט זיך שוין אפילו געמעגט ווינטשן — עלעהיי ביז היטלערס מפּלה כּאָטשבי נישט ערגער.

נאָר לאָזט מען דען אַ פּליט לעבן האַלבוועגן במנוחה ?; באַלד האָבן גענומען אַרומגיין קלאַנגען, אַז גאָר גיך וועט מען די יידן פון דאַנען צעשיקן אין פאַרשידענע לאַגערן — סטאַבילע, אויף שטענדיק. און ווידער איז געוואָרן צווישן אונדז אַ בהלה.

אַזוי ווי איך בין געווען גוט באַפריינדעט מיטן דירעקטאָר — האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט און אַרויפגעפּירט אויף אַ שמועס וועגן דעם

עניק. ער האָט באַשטעטיקט, אַז די נאָענטסטע טעג דאַרף אָנקומען אַזאַ פאַראָרדנונג, פונאַנדערצושיקן די יידן אין סטאַבילע לאַגערן; נאָר דערווייל ווייסט ער נאָך נישט, ווען און וווהין. דערביי האָט ער מיר געזאָגט, אַז די אַלע, וואָס באַדינען דעם לאַגער קלערפאַן מיט אַרבעט פאַר דעם פערסאָנאַל, וועלן נישט אַרויסגעשיקט ווערן.

אויסהערנדיק זיינע רייד, איז מיר איינגעפאַלן אַ וועג, ווי צו ראַטעווען כאָטש אַ טייל יידן, זיי זאָלן נישט דאַרפן זיך שלעפן פון איין לאַגער אין צווייטן: איך האָב באַלד אויפן אָרט געפרעגט ביים דירעקטאָר — וועלכע פאַכלייט ער דאַרף האָבן ?, אויף דעם האָט ער געענטפערט, אַז ער נייטיקט זיך אין שניידער און שוסטער. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז אַזעלכע האָב איך אַ סך.

איצט האָב איך בלויז געדאַרפט וויסן — צי וואָלט ער מיר געגעבן אַ באַראַק אויף צו מאַכן אַזאַ וואַרשטאַט ? ער האָט מיט גרייטקייט באַשטעטיקט, אַז — יאָ. דערביי האָט ער מיר באַלד געגעבן אַ שטיק שטאָף צו מאַכן פאַר אים אַליין אַ פאָר הויזן...

*

עטלעכע טעג פאַר דעם דאָזיקן שמועס מיטן דירעקטאָר האָב איך פון אים געהאַט באַקומען אַ באַזונדערע וווינונג פאַר מיין משפחה און אין דער אָ וווינונג האָב איך אויך מיטגענומען אַן אַלטן חבר מיינעם פון בריסעל, מיטן נאָמען — ש ט י י ן. ער איז געווען אַ טאַטע פון עטלעכע קינדער און זיין עלטסטער זון איז גראָד געווען אַ שניידער. אויף אים האָב איך זיך טאַקע געשטיצט, ווען ס'איז מיר איינגעפאַלן בעתן שמועס מיטן דירעקטאָר — צו אָרגאַניזירן אַ שניידער־ווערקשטעל, אַ דאַנק וועלכן עטלעכע משפחות זאָלן קאָנען פאַרבלייבן דאָ אינעם לאַגער.

און אָט בין איך מיט דער סחורה אונטערן אָרעם געלאָפן אַהיים אָנצוזאָגן די נייעס. אזוי ווי מיין איידעם — ל ע ד ע ר מ אַ ן — אַ זון פון אַ שניידער, האָט אויך געהאַט אַ ידיעה אין דעם פאַך, האָב איך זיך באַלד בּאַראַטן מיט די צוויי יונגע־לייט און זיי האָבן גערן גענומען אויף זיך

די אָנפירונג מיט אַ שניידער־וואַרשטאַט. די פראַגע איז אָבער געווען: ווי נעמט מען מאַשינען ?.

דערווייל זענען ביידע חברה־לייט געווען באַשעפטיקט מיטן אויפ־בייען די הויזן פאַר דעם דירעקטאָר. די אַרבעט האָט זיך איינגעגעבן. דער „קליענט" איז געווען זייער צופרידן און געלויבט ביזן הימל אַריין די פאַכלייט.

דאָס פאַקטישע איינאָרדענען דעם וואַרשטאַט איז אָבער נישט צוגעגאַנגען אַזוי גיך, ווי עס רעדט זיך. צוויי מאָל בין איך געווען אין טולוז, בכדי צו באראטן זיך מיטן חבר פרידמאַן בנוגע דעם קריגן מאַשי־נען, און ביידע מאָל האָב איך אים דאָרט נישט געטראָפן.

אַזוי זענען אַוועק טעג און וואָכן. בינו לבינה זענען מיינע דריי קינדער (דער זון פון קלערפאַן, די טאָכטער און דער איידעם), קעגן מיין ווילן צוריקגעפאָרן קיין בריסעל. צו יענער צייט האָבן זיך אויך פאַר־שאַרפט די באַציִונגען צווישן די צוויי שעפן און די לאַגער־יידן. דערווייל האָבן זיך אָנגערוקט די יום־טובים און די יידן האָבן באַשטימט צו דאַווע־נען ביי אונדז אין דער וווינונג.

איין מאָל — עס איז געווען פאַרמיטאָג — האָט מען געבראַכט אַ פאָר צענדליק יידישע פליטים פון טולוז. צווישן זיי האָב איך דערזען דעם שרייבער טונקעלער — מיט זיין שטעקן און מיט די דיקע ברילן אויף דער נאָז. קוים וואָס ער האָט געקאָנט זיך באַוועגן אין אָט דעם גרויסן געדראַנג.

איך האָב אים באַלד געהאָלפן אַרויסבאַקומען זיך פון צווישן דעם עולם. מיר זענען געווען באַקאַנט נאָך פון בריסעל, ווו ער איז געווען אַ צייט לאַנג און איצט האָבן מיר ביידע זיך שטאַרק דערפרייט פון דער באַגעגעניש. (שוין איין מאָל אַ „באַגעגעניש" — משטיינס געזאָגט, און שוין איין מאָל אַ „פרייד" !...).

נאָך דעם, ווי ער האָט גוט אונטערגעלענט זיך דאָס האַרץ, האָב איך אים אַרויסגעפירט פון קלערפאַן, אַריינגעזעצט אינעם אויטאָבוס און אָפּגעשיקט צוריק קיין טולוז. פאַרשטייט זיך — דאָס איז געמאַכט גע־

וואָרן נאָך איידער מען האָט אים פאַררעגיסטרירט, בכדי מ׳זאָל אים דער־נאָך נישט זוכן.

מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך זיך געטראָפן מיטן חבר יוסף פרידמאַן אין טולוז; כ׳האָב אים דערציילט וועגן דעם געפּלאַנטן שניי־דער־וואַרשטאַט אין קלערפאָן, צו וועלכן עס פעלן מיר בלויז מאַשינען. ער האָט מיר געראַטן זיך ווענדן צום „אָרט״ און איך בין באַלד אַוועק אַהין.

ד״ר סינגאַלאָווסקי איז שוין דאָרט נישט געווען און אויפגענומען האָט מיך אַן אַנדערער „אָרט״־פאַרשטייער, וואָס איך געדענק נישט זיין נאָמען. ער האָט פאַרלאַנגט, איך זאָל ברענגען אַ בריוו מיט דער אונטער־שריפט פונעם לאַגער־דירעקטאָר, דאָס האָט געדאַרפט זיין אַזאַ מין באַ־שטעטיקונג, אַז די מאַשינען וועלן נישט פאַרפאַלן ווערן און אַז די געזעל־שאַפט וועט זיי קאָנען צוריק אָפּנעמען, ווען דער לאַגער וועט זיך אויפלייזן.

איך האָב אַזאַ באַשטעטיקונג באַקומען; דערצו — אַ שיינעם, ציכטיק־אויפגערוימטן באַראַק פאַר דעם וואַרשטאַט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר געקראָגן די צוויי ניי־מאַשינען פון „אָרט״ און אין אַ מזלדיקער שעה איז געעפנט געוואָרן דער שניידער־וואַרשטאַט אין קלערפאָן. איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט, זעבען אין אים געווען באַשעפטיקט ביז 20 מענטשן, עלטערע און יונגע, מענער און פרויען, אונטער דער אָנפירונג פון מיין איידעם, לעדערמאַן און דעם יונגן שטיין.

איך נעם שרייבן א נישט-רעגולער טאגבוך

די ידיעה וועגן אונדזער שניידער־וואַרשטאַט האָט זיך צעטראָגן איבער גאַנץ קלערפאָן און פון אַלע עקן איז מען געקומען אים זען.

דאָס צווייטע שטיקל אַרבעט, נאָכן דירעקטאָרס הויזן, איז געווען

אַ מאַנטל פאַר זיין פרוי. באַלד האָבן אַלע זשאַנדאַרן גענומען ברענגען אַרבעט: פון געפּאַרבטע קאָלדרעס צו מאַכן קאָסטיומען פאַר זיך און מאַרינאַרקעס פאַר זייערע פרויען. אויך די שפּאַניער פון לאַגער זענען געקומען באַשטעלן פאַרשידענע אַרבעטן פון שטיקער סחורה, פון קאָלדרעס. יעדן איינעם האָט מען געמאַכט לויט דער ריי.

עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי דער וואַרשטאַט האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן, האָב איך אַריינגעטראָגן אין ביוראָ צום דירעקטאָר אַ רשימה פון די צוואַנציק באַשעפטיקטע מענטשן, זיי צו פאַרשרייבן אַלס אַרבעטער פון לאַגער, וואָס דאָס האָט זיי געדאַרפט ראַטעווען פון וואַנדערן אין אַנדערע לאַגערן.

אַזוי זענען ווידער אַוועק טעג מיט וואָכן. ביי דער אַרבעט האָט מען געזונגען לידער און ס'איז געווען לעבעדיק און פריילעך. אין דעם באַראַק, וואָס איז געווען נישקשהדיק גרויס, האָט מען ביסלעכווייז גענומען נישט בלויז אַרבעטן, נאָר אויך פאַרברענגען: יעדן אָוונט, נאָכן עסן, פלעגן קומען זשאַנדאַרן, שפּאַניער און יידישע מיידלעך; דער וואַרשטאַט האָט דעמאָלט אויסגעזען, ווי אַ קלוב.

אין יענער צייט האָב איך טאָג־טעגלעך אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט טולוז: פאַר אַ טייל יידן אין לאַגער געברענגט אונטערשטיצונג, פאַר אַנדערע באַזאָרגט פאַרשידענע זאַכן פון שטאָט, מערערע — אַרויסבאַגלייט פונעם לאַגער מיטן געפּעק, בעת זייער אָפּפאָרן צוריק אין די היימען.

ווי געזאָגט, פלעג איך זיך טרעפן מיטן חבר יוסף פרידמאַן יעדן טאָג. שפּעטער האָב איך אויך פאַר זיך גענומען ביי אים הילף. אַ דאַנק די שטענדיקע פאַרבינדונגען זיינע מיטן לאַגער אגדא, פלעג איך זיך באַגעגענען אויך מיט מיין זון אין טולוז און אַזוי האָבן מיר געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרומצורעדן אונדזער לאַגע. ער האָט מיך געוואָלט באַווירקן, מיר זאָלן אַהיימפאָרן קיין בריסעל; דערביי האָט ער זיך פאַררופן אויף אונדזערע קינדער, וואָס האָבן געשריבן, אַז זיי האָבן דאָרט אַלץ געטראָפן אין אָרדענונג און אַז די דייטשן לאָזן זיי אָנפירן מיט דער פאַבריק. איך האָב אָבער אַלץ נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו טאָן אַזאַ זאַך. חבר פרידמאַן האָט זיך אויך אַנטקעגנגעשטעלט דעם געדאַנק וועגן

אַהיימפֿאָרן, טענהנדיק, אַז אַ דאַנק אונדזערע פֿאַרבינדונגען קען מען אָנפֿירן מיט דער הילפֿס־אַרבעט אין די צוויי לאַגערן און אויך אָנהאַלטן אַן אָרדענונג אין זיי.

דעם אמת געזאָגט, בין איך געווען זייער צעטומלט. זייענדיק אין טולוז, האָב איך געזען, אַז מיר זענען שוין סיי ווי ביי די דייטשע באַנדיטן אין די הענט; אויך אין קלערפֿאַן האָט זיך געמערקט אַן אומרויִקייט: טאָג־טעגלעך האָט מען אַוועקגעשיקט יידן אין אַנדערע לאַגערן, אַ סך האָבן גענומען אַנטלויפֿן. איך אַליין האָב שוין אויך אָנגעהויבן פֿאַרלירן דעם מוט און בין אַרומגעגאַנגען, ווי נישט אויף דער וועלט. נישט וועלנדיק פֿאַרטיפֿן די אַלגעמיינע אומרויִקייט מיטן אויסדערציילן פֿאַר וועמען מיין ווייטיק, האָב איך באַשלאָסן אָנפֿאַרטרויען זיך דעם פּאַפּיר; דאָס הייסט — שרייבן אַ טאָגבוך, אויב עס וועט זיך מיר איינגעבן. האָב איך אָנגעהויבן שרייבן, אַ טאָג יאָ און אַ טאָג נישט — אַזוי לאַנג, ווי ס'זענען געווען ביי מיר מעגלעכקייטן, געדולד און חשק...

פֿאַרצייכענונגען אין לאַגער קלערפֿאַן — אָקטאָבער, 1940

דער פֿרימאָרגן איז זייער אַ קאַלטער. כ'ווייס אַליין נישט, צי בין איך די נאַכט געשלאָפֿן, צי נישט? קוים אַפּירגעקראָכן פֿון אונטער די פֿיר קאָלדרעס. די פֿיס אַראָפּגעהאַנגען, זיץ איך מיר אַזוי אויף מיין אייבערשטן בעטל, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויףביידע הענט, און טראַכט. אַ שטאַרקער גענעץ פֿון מיין שכן, וואָס האָט אויך זיין געלעגער אין דער הייך, לעבן מיר, קאָפּ צו קאָפּ, וועקט מיך אויף פֿון מיין פֿאַרטראַכטקייט.

— האַ? גוט מאָרגן! וואָס איז דאָס? וואָס זענט איר היינט אַזוי פֿאַרטראַכט, חבר טאַבאַקמאַן?.

ער איז געווּוינט, דער שכן מיינער, צו זען מיך אויפֿשטיין אַ זינגעוודיקן, אָדער איך זאָל גאָר אַרויספֿאָרן מיט אַ פּאָר גלייכווערטלעך צום לאַכן, און דאָ שווייג איך אים פֿלוצעם.

— עפּעס נישט קיין גוטער סימן. — זאָגט ער ווייטער. — איר פֿלעגט דאָך יעדן איינעם אויפֿוועקן און פֿריילעך מאַכן דאָס גאַנצע

„שטיבל!" אַ שלעכטער חלום, צי וואָס? עפּעס גאָרנישט לויט אייער שטייגער.

— כ'ווייס אַליין נישט, עפּעס איז מיר נישט צום מוט — ענטפער איך אים מיט אָפּגעהאַקטע רייד, און איך פאַרשטיי טאַקע נישט, וואָס מיט מיר איז. איך פיל זיך היינט אַזוי נישט גוט, אַזוי שפּלדיק און דער־שלאָגן. ביז איצט פלעג איך דאָך אַלע צרות אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען גראָד אין פאַרטרייבן דעם יאוש פון אַנדערע אינעם לאַגער. איך האָב זיי געוועקט און געמונטערט, ־טענהענדיק, אַז מיר מוזן אויסהאַלטן: סוף כל סוף וועט דאָך אַנדערש ווערן... ווי ווייט כ'האָב געקאָנט, האָב איך זיך באַמיט צו שטאַרקן אַלעמענס געמיטער, און דאָס איז געווען מיין איינציקע פרייד. אין דעם היינטיקן פרימאָרגן האָט אָבער אַ שווערע מאַסע זיך אַנגעלייגט אויף מיר און מיך נישט געלאָזט רירן פון אָרט. קעגן מיין ווילן נעם איך זיך אַנטאָן און בלייב פאָרט זיצן מיט מיינע מחשבות — כ'גיי נישט אפילו צום פרישטיק.

אין דרויסן — אַ רעגן, געטריבן פון אַ שטאַרקן ווינט; דער רעגן קלאַפּט איבערן בלעכענעם דאָך, גלייך ס'וואָלט געהאָגלט מיט שטיינדלעך. איך הער, ווי עס הייבן אָן אַריינצוקומען פרויען און קינדער. זיי באַקלאָגן זיך, ווי קאַלט ס'איז געווען די נאַכט; אַזוי קאַלט, אַז מ'האָט נישט גע־קאָנט אַנטשלאָפן ווערן. די קינדער זענען שוין גאָר געפרוירן געוואָרן און האָבן די גאַנצע נאַכט געוויינט. טייל פון זיי האָבן אויך נישט געקאָנט שלאָפן צוליב דעם בייסן פון פליי און די וואָס זענען צעביסן ביז בלוט, וויינען נאָך איצטער.

כ'בין אַרויס פון מיין שטיבל און געזען, ווי פרויען באַווייזן די ברוין־בלויע הענטלעך און פיסלעך פון זייערע קינדערלעך. באַטראַכטנדיק די פינצטערע פנימער פון טאַטע־מאַמע, הערנדיק די געוויינען פון די עופהלעך, ווערן מיר די אויגן אויך פאַרלאָפן מיט טרערן, איך טראַכט: וועמען האָבן די קינדערלעך שלעכטס געטאָן? דערצו דערמאַן איך זיך, אַז מיר זענען דאָך עפּעס אין דעם שיינעם און גאַסטפריינדלעכן פראַנק־רייך — איז ווי קען דאָס זיין אַזוי?...

אַ דיקע פרוי מיט אַ בלאָנד־געפאַרבטן קאָפּ האָר רייסט איבער

מיינע געדאַנקען מיט אַ פראַגע: — „זינד זי דער שעף?" און באַלד זע איך, אַז עטלעכע פריינדינס אירע האָבן דערוויילע געפונען דעם „אַדרעס" און רעדן שוין מיטן שעף. איך הער, ווי זיי באַקלאָגן זיך אויף דייטשמע־ריש, אַז זיי זענען נישט „געשלאָפען" די גאַנצע נאַכט צוליב די גע־שרייען פון די קינדער און זיי פאָדערן דעריבער צו באַזייטיקן די „פּאָלני־שע" פרויען מיט די קינדער פון זייער זאַל. איך הער אויך, ווי דער הויפּט־שעף באַרויקט זיי — אויך אויף דייטשמעריש — אַז ער וועט שוין אַלץ באַזאָרגן און זיי וועלן קענען רויק „שלאָפן".

דערווייל ווערט דאָ דער טומל גרעסער: די צווייטע שיכט קערט זיך אום פונעם פרישטיק; אַלץ רעדט, די קינדער וויינען, דער רעגן קלאַפּט. ביי מיר אין קאָפּ מישט זיך דאָס אַלץ אויס אין איינעם און איך ווייס נישט, אויף וועלכער וועלט איך בין.

מיט אַ מאָל הערט מען אַ גראָבע שטימע און אויך אַזוינע גראָבע רייד:

— „פאַרמאַכט די מיסטקאַסטנס און זאָל זיין שטילער!"

איך דערקען דאָס קול פונעם געהילף־שעף. דער אָנזאָג מיינט אויף זיין לשון — מען זאָל פאַרמאַכן די מיילער, ווייל ע ר וויל רעדן.

די דערוואקסענע ווערן אַ ביסל שטילער, אָבער דער רעגן און די קינדער הערן אים אַלץ איינס, ווי דעם פאַריאָריקן שניי. לסוף שרייט ער איבער דעם גאַנצן געטומל און ווענדט זיך צו די פרויען מיט אַזאַ שפּראַך:

— פוילישע שליאָכעס! אפשר קענט איר אויף ביינאַכט פאַר־שטאָפּן די מיילער פון אייערע ממזרים און לאָזן רויק שלאָפן די דייטשע פרויען? אויב ס'וועט היינטיקע נאַכט ווידער נישט זיין שטיל, וועל איך מאָרגן גיין צום דירעקטאָר און מען וועט אייך...

נאָר מען האָט אים שוין נישט געלאָזט אויסרעדן ביזן סוף. גע־שרייען האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף אים פון אַלע זייטן:

— „דו פאַסקודניאַק! דו מסור איינער! פאַר דיינע מעשים טובים פון דער גאַנצער צייט און אויך פאַר די היינטיקע „שליאָכעס" און

„ממזרים" איז עס שוין דער לעצטער טאָג ביי דיר מיט דיינע אונטער־לעקער אין איינעם!"...

מער האָט מען נישט געדאַרפט... דאָס איז געווען, ווי מ׳וואָלט אַריינגעוואָרפן אַ ברענענדיקע זאַפּאַלקע אין אַ פאַס, פול מיט פּולווער. דער גאַנצער באַראַק האָט גענומען פייערן קעגן די שעפן און ס׳האָט געהאַלטן דערביי, זיי זאָלן קריגן גוט אָנגעבויקערט די ביינער. בלויז די זשאַנדאַרמעריע האָט געקאָנט באַרויקן די אַלע אָנגעווייטיקטע און צע־היצטע געמיטער. אין דער אָנוועזנהייט פון די זשאַנדאַרן בין איך שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן ביידע שעפן און געמאַכט זיי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער היינטיקער סצענע.

פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס איז דער שלעכ־טער הומאָר ביי מיר נישט פאַרשוווּנדן. די שטימונג פון אינדערפרי האַלט אָן און איך שטעק נישט אַרויס די נאָז פונעם באַראַק. מיין משפחה האַלט מיך דעריבער פאַר קראַנק און איך פיר זיי נישט אַרויס פונעם טעות: גליכער צו זיין קראַנק, איידער — געפאַלן ביי זיך. דערווייל וועל איך איבערשלאָפן די שלעכטע שטימונג און איבער נאַכט וועלן זיך אפשר אויסלייטערן ביי מיר די געדאַנקען און כ׳וועל ווידער קאָנען מונ־טערן דעם עולם. — טראַכט איך מיר, און אַזוי פאַרענדיק איך שוין דעם טאָג.

א נייע גזירה

„האָסטו ווינציק, נאַדיר נאָך!" — זאָגט אַ ווערטל און אָט איז דער צומאָרגנס ערגער נאָך פונעם נעכטן. די גאַנצע צייט פון אונדזער זיין דאָ אין לאַגער האָב איך נישט איבערגעלעבט אַזאַ ביטערן טאָג: די קלאַנגען וועגן צעשיקן די יידן אין אַנדערע לאַגערן ווערן איצטער באַשטעטיקט; און כאָטש מיר האָבן זיך אייגנטלעך געריכט אויף דעם קלאַפּ, בין איך פון דעסטוועגן אין גאַנצן פאַרצווייפלט פון דער נייער גזירה. אגב, טרעפט זי אויך אַ טייל פון אונדזערע קינדער, וואָס כ׳בין מיר אַליין אין דעם שולדיק: ווערלנדיק וואָס מער יידן אָפּראַטעווען פון וואַנדערן, האָב איך אין דער ליסטע פון לאַגער־אַרבעטער נישט אַריינ־

געטראָגן אונדזערע קינדער; מיין משפּחה, האָב איך גערעכנט, וועט דער דירעקטאָר במילא שוינען, פּאַרוואָסזשע זאָל איך צונעמען ביי אַנדערע אַ שאַנס?. ווי ס׳ווייזט זיך אַרויס, איז דאָס נישט אָפּהענגיק אַצינד פונעם דירעקטאָר. אַזוי־אַרום איז געשען, אַז צווישן דער גרויסער צאָל יידן, וואָס דאַרף היינט אַרויסגעשיקט ווערן פון לאַגער, זענען אויך מיינע צוויי זין און די שנור מיט צוויי פּיצלעך קינדער. ווידער — וואַנדערן מיט עופּהלעך אויף דער האַנט און מיט פּעקלעך...

אייניקע קינדער אונדזערע זענען קעגן מיין ווילן שוין אַוועק פאַר דער צייט קיין בריסעל — וואָס זשע בלייבט מיר איצט צו טאָן? שיידן זיך מיט דעם לעצטן ביסל פּרייהייט און מיטפאָרן מיט די קינדער אין דעם נייעם לאַגער, וואָס אין שטעטל מאגטא־לא־מען?.

מיין פרוי איז ביי דער מיינונג, אַז מיר דאַרפן פאָרן אין לאַגער „אגדא״, ווו אונדזער עלטסטער זון, מאיר, געפינט זיך — וועלן מיר זיין דאָרט אין איינעם; די קינדער טענהן — זיי וועלן אליין פאָרן אַהין און איך זאָל בלייבן דאָ מיט דער מאַמען, וועל איך כאָטש קענען טאָן עפּעס פאַר די אַלע, וואָס פאַרבלייבן נאָך דערוויל אינעם לאַגער. זיי זוכן נאָך אַנדערע אויסוועגן, מאַכן פאַרשידענע פּלענער און איך פּיל, ווי עס נעמט מיך אַרום אַ גלייכגילטיקייט צו דעם גאַנצן עסק.

אין לאַגערהויף ווערט אַ געלויף, אַ געפּילדער, אַ געשריי פון דערוואקסענע און פון קינדער. מען טראָגט פּעק, איינער שרייט — יאָ פאָרן, אַן אַנדערער ליאַרעמט: דווקא נישט! אַ דריטער סטראַשעט, אַז די, וואָס פאָרן נישט איצטער, וועלן שוין מוזן פאָרן אין „אגדא״. אָט לויפן מיידלעך נאָך דעם דירעקטאָר; עמעצער רוימט מיר איין אַ סוד אויפן אויער, אַז „דריי פון זיי דערלויבט מען צו בלייבן, ווייל זיי האָבן היינט חתונה מיט שפּאַניער״... ווער עס נוצט אויס פּראָטעקציע, און ווער ס׳שטעלט איין אויף אייגענער האַנט צו פאַרבלייבן, ווען דאָס וועט געלונגען און ווען — נישט... פון דעם אַלעם ווערט איין גוואַלדיקער טאַראַראַם און דאָס ליאַרעמען גרייכט ביזן הימל.

מיין גלייכגילטיקייט שטייגט פון מינוט צו מינוט און איך מערק נישט, ווי איין וואָגן נאָכן אַנדערן פירט אַוועק די פּעק באַנאַנד מיט די

אומגליקלעכע טומלער... ס׳ווערט שטיל; אויס מיטן גאַנצן געפילדער, נאָר איך קום צו זיך ערשט, ווען ס׳נעמט טונקלען — און מיט אַ פינצטערניש אין מיין נשמה קער איך זיך אום אין שטוב.

כשרות...

צוליב די נעכטיקע געשעענישן פיל איך זיך היינט נישט מיט אַלעמען — הגם אונדזערע קינדער זענען נישט געפאָרן אין דעם נייעם לאַגער.

דער פרימאָרגן איז אַ רויקער, די זון שיינט: עס ווייזט אויף אַ שיינעם טאָג. דער טראָמפּייט רופט צום פרישטיק, פון אַלע זייטן גייען מענטשן צום עס־זאַל.

ביים טיש דערציילט מיר מיין שכן, אַז ביינאַכט האָבן די זשאַנדאַרן געבישטערט אין אַלע געלעגערס. זיי האָבן געזוכט קאָלדרעס; האָט מען געפונען באַ וועמען מער פון צוויי שטיק — האָט מען זיי צוגענומען. פון איין משפחה האָט מען אַרויסגעטראָגן 18 קאָלדרעס.

איטלעכער רעדט וועגן די געשעענישן פון היינטיקער נאַכט און אין זאַל ווערט לעבעדיקער. מען דערציילט אויך, אַז איינער פון די שעפן האָט געקראָגן אַ פּאַטש פון אַ זשאַנדאַר; דעם צווייטן שעף האָט מען געמסרט, אַז ער האַלט אום־פאַרשריבן מענטשן אין לאַגער און נעמט דערפאַר געלט. מען שמועסט, אַז ביידע ווערן שוין אויס שעפן און דער עולם פרייט זיך מיט זייער מפּלה...

אַרויסגייענדיק פון פרישטיק־עסן דערוויסט מען זיך, אַז די שמועות וועגן די צוויי לעפל־לייט זענען על פּי רוב ריכטיקע, אָבער ביים אמת וועלן זיי מסתמא נאָך בלייבן. עמעץ דערציילט מיר, אַז ס׳איז נאָך פאַראַן אַ חשד, זיי זאָלן האָבן גענומען געלט אויך ביים „אַזשאַינט" פאַר דעם לאַגער און נישט פאַרטיילט צו די מענטשן; שלאָגט ער מיר פאָר, איך זאָל זיך מטריח זיין און אויסגעפינען, צי ס׳איז טאַקע אַזוי. איך זאָג נישט צו: כ׳וויל זיך נישט פאַרנעמען מיט אַזעלכע ענינים.

ווייטער דערציילט מיר יענער, אַז די שעפן האָבן ספּעקולירט מיט כשר עסן...

— וואָס הייסט — מיט „כשר עסן?" — פרעג איך אים.

— איר זעט די לעצטנס אָנגעקומענע ווייבלעך מיט שייטלען און פּאַטשיילעכלעך אויף די קעפּ און די מענער אין קאַפּעליושן און מיט בערד? — ענטפערט ער מיר צו ערשט מיט אַ פראַגע. — די אַלע יידן זענען פון אַנטווערפּן; מיט זעקס טעג צוריק האָט מען זיי געבראַכט אַהער פון לושאָן. זיי האָבן נישט געוואָלט טועם זיין פון דעם אַלגעמיינעם קעסל און געבעטן כשר עסן. זענען די שעפן אַוועק צום קאָמיטעט אין טולוז און געמאָלדן, אַז יידן, וואָס ווילן נישט עסן קיין טריפה׳ס, הונגערן אינעם לאַגער (געוויס האָבן זיי מיטגעבראַכט דערויף אַ באַשטעטיקונג). זיי האָבן באַלד געקראָגן צו 10 פראַנק פאַר יעטוועדן און יידן זענען שוין געווען באַזאָרגט מיט „כשר" עסן.

אַזוי רעדנדיק, פאַרגייען מיר ביז צו דעם לעצטן באַראַק, וווּ ס׳וווינען טאַקע די פרומע. דאָס איז אַ פרויען־באַראַק. נאָך פון ווייטנס הערט מען אַ רעש און אַ געפּילדער. אין דרויסן, לעבן דעם באַראַק, ברענט אַ פייער. אַרום דעם פייער — יידן מיט בערד און אין יאַרמלקעס, ווייבער מיט קינדער. אַלע זענען פאַרפּאַרעט. טייל פון זיי שיילן קאַרטאָפ־ליעס, אַנדערע רייבן די טעפּ. איינער שרייט! — „ברענגט האָלץ!" — אַ צווייטער הייסט צוגיסן וואַסער און די קופּעס קאַרטאָפל־שאָלעכטס, דער ברוד און די בלאָטע גרייכן ביזן האַלדז.

אַ ביסל ווייטער, הינטער אַ שאָפּע — אַ פרישע גראַטשקע: דאָ שטייען יידן ביי אַ טיש מיט פליש. איינער שרייט צו אַן עלטערער יידע־נע: — „זשאַלעוועט נישט קיין ביסל זאַלץ; עס זאָלן אַזוי פעלן אונדזערע שונאים צרות, ווי ס׳פעלט ביי אונדז נישט קיין זאַלץ!..." — די יידענע בלייבט נישט שולדיק קיין ענטפער: — „פון אייער מויל, ר׳ייד — אין גאָטס אויערן...".

איך בלייב שטיין מיט אַ ביטער געפיל. ס׳קומט מיר פאָר, ווי יידן און יידענעס וואָלטן זיך דאָ בכיוון פאַרזאַמלט צו פראַווען יידישקייט אונטערן פרייען הימל אין לאַגער, מיט אַזאַ אויפגעריסנקייט, גלייך זיי

זענען ביי זיך אין דער היים און האָבן גאָרנישט קיין אַנדערע זאָרגן. די מענטשן באַנעמען אין גאַנצן נישט אונדזער אומגליק און ווייסן אויך נישט וויאַזוי זיך צו האַלטן אין אַן עת צרה, דערצו אין דער פרעמד. עס נעמט מיך אַרום פשוט אַ גרויל.

מיין באַגלייטער דערזעט, ווי דאָס ווירקט אויף מיר און פירט מיך אַוועק. מיר קומען אַן אינעם עס־זאַל. בינו לבינה איז געוואָרן מיטאָג־צייט און איך טרעף שוין דאָרט מיין משפחה ביים טיש.

אין עס־זאַל איז ווידער טומלדיק. עס לאָזן זיך אריין גאנצע משפחות מיט קינדער — קליינע און גרויסע; מען פאַרנעמט ערטער — צו 16 ביי איין טיש. אויף די טישן זענען שוין פאַרגרייט די עס־כלים. אַלץ ווערט סערווירט פון שפּאַניער. זיי לויפן אַרום די טישן און באַזאָרגן אַלץ, וואָס מען דאַרף; יידישע מיידלעך העלפן זיי צו אין דער אַרבעט.

דער עס־זאַל איז על פי רוב פאַרנומען פון יידן. פאַראַן אויך שפּאַ־ניער, אָבער נישט קיין סך. לויט דער שטימונג פון די עסערס דערקאָנט איר באַלד, ווער ס'איז דאָ אַ ייד און ווער — א שפּאַניער. די שפּאַניער זענען פול מיט לעבן, זיי רעדן, לאַכן, דערציילן פריילעכע געשיכטעס. אויך זייערע פרויען און קינדער זענען אין אַ גאַנץ גוטער שטימונג. מען דערקענט אויף זיי, אַז זיי האָבן דערוויילע שלום געמאַכט מיטן גורל און האָבן נישט איצטער קיין אַנדערע פּלענער: אַבי מען ווייסט, אַז די לאַגע איז בלויז אַ צייטווייליקע און אַז מ'וועט איבערלעבן דעם שונא — אַרט שוין מסתמא גאָרנישט. די יידן אָבער — אומרויקע, פאַרזאָרגטע, פאַר־צוויפלטע, קאָנען נישט איינזיצן; רעדן שטיל, סודותדיק — און אַלע גערעדערייען זייערע גייען אין איין ריכטונג:

— „צי זענט איר שוין לאַנג דאָ, אין לאַגער?"

— „צי שיקט מען אונדז ווייטער? וווהין?"...

— „וואָס רעכנט איר צו טאָן?"

און:

— „צי קען מען אַרויספאָרן פון דאַנען?"...

מען סודעט זיך, מען פרעגט אויס, מען באַשטימט עפּעס. אויף אַ סך דערקענט מען, אַז זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן פליטה. בכלל ווייסט

מען, אַז ס׳שטייט אונדז נאָך פּאָר פּאַרשידנס און מען זוכט עצות, וויאַזוי אָפּצוּווענדן דעם גזר. אָנקוקנדיק די אַלע היימלאָזע יידן, די שרעק און אומבאַהאָלפנקייט, וואָס ליגט אויף זייערע בלאַסע, אויסגעצויגענע פּנימער — ווער איך אַליין אויך נידערגעשלאָגן, פאַרצווייפלט.

וואַנדער־צרות

שוין אַ לאַנגע צייט נישט געמאַכט קיין פאַרצייכענונגען. היינט גלוסט זיך מיר ווידער אַראָפּרעדן זיך אַ ביסל פון האַרצן...

נישטאָ מיט וועמען צו טיילן דעם צער. קיינער באַנעמט נישט דעם גרויסן בראָך אונדזערן דאָ אינעם לאַגער, און די נאָך גרעסערע טראַגעדיע, וואָס ליגט אין דעם וואַנדערן פון איין לאַגער אין צווייטן; דאָס נישט וויסן, וווהין מען וועט אונדז פאַרוואַרפן, די שרעק, אַז ערגעץ־ווו אַנדערש קאָן זיין נאָך ערגער, דאָס שלעפּן פּעק אויף אייגענע פּלייצעס און אָנלאָדענען זיי אויף די פּלייצעס פון ווייב־און קינדער...

און אפשר איז בעסער ווינציקער צו פאַרשטיין און באַנעמען? אויב מ׳קאָן זיך סיי ווי נישט העלפן, צו וואָס טאַקע וויסן דאָס אַלץ ביזן גרונט?...

שוין ווידער אָנגעקומען אַ באַפעל אַרויסצושיקן יידן אין אַנדערע לאַגערן. און ווידער — פּעק, אָנגעוואָרפן איינס אויף ס׳אַנדערע, ווידער — נייע צרות און נייע היימלאָזיקייט... איך שטיי אין אַ זייט און קוק אויף די פרויען, קראַנקע, צעבראָכענע, פאַרוואָרפן מיט קינדער, כ׳הער זייערע געוויינען און יללות; כ׳זע די מענער, וואָס טאַראַראַמעווען — שרייען, שעלטן, מאַכן מיט די הענט און ווייסן נישט, אויף וועמען אויסצולאָזן זייער ביטער האַרץ. און איך טראַכט מיר: אַמאָל זענען כאָטש געווען גרויסע מענטשן, וואָס האָבן געקענט זאָגן דאָס וואָגיקע טרייסט־וואָרט, מיטוואַנדערנדיק אין די גלותן; דורך דעם טרייסט־וואָרט האָט יעדער

געפילט די געמיינזאַמקייט פון דעם יידישן גורל און ס׳איז געווען גרינ־גער דאָס וואַנדערן. אָבער היינט... יידישע שעפן קאָמאַנדעווען, וואַרפן פעק, קינדער, שרייען און בייזערן זיך, פאַרוואָס יידן זענען נישט „דיסצי־פּלינירט״; דערביי שטופן זיי איטלעכן און שטויסן, נישט שוינענדיק אויף אַלטע און קינדער.

פאַרשטייט זיך — אויך דאָ איז פאַראַן פּראָטעקציע. יעדער שעף האָט זיינע נאָכשלעפּער: וואַרפט מען אַראָפּ פרויען פון אַ וואָגן און מען זעצט אַרויף אַנדערע, לויטן ווילן פון די זעלביקע שעפן. מיר ווילט זיך צוגיין, אַנטקעגנשטעלן זיך די זעלבסט־באַשטימטע שעפן; שרייען וויל איך, פּראָטעסטירן קעגן זייער אויפפירונג און אויך — זאָגן אַ טרייסט־וואָרט, אויפמונטערן דעם עולם. אָבער איך פּיל זיך צו קליין און נישטיק אין אָנגעזיכט פון די גרויסע יידישע צרות: ווער בין איך? וואָס קאָן איך אויפטאָן? — טראַכט איך מיר און וואַג נישט צו רירן זיך פונעם אָרט.

צוריק קיין בריסעל

די געשעענישן לויפן זייער גיך, דער גאַנצער לאַגער גייט אויף רעדלעך ס׳זענען פאַראַן קלאַנגען, אַז דער לאַגער לעזט זיך אויף: אַלע יידן און אפילו די שפּאַניער ווערן צעשיקט אין אַנדערע לאַגערן.

און אָט פילט זיך שוין אין דער לופטן אַן אַנדערער רעזשים: עס באַווייזן זיך אין לאַגער פראַנצויזישע יוגנטלעכע מיט נאַגייקעס אין די הענט. חוצפּהדיק לויפן זיי אַרום איבער די באַראַקן און באַליידיקן אויף טריט און שריט.

אין איינעם אַזאַ טאָג, צווישן אַ גרופּע יידן, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין לאַגער — דערזע איך אויך מיין זון, מאיר... צוגיין צו אים לאָזט מען מיך נישט, לויף איך צום דירעקטאָר און בעט ביי אים, ער זאָל מיר אַרויסגעבן מיין זון פון דער גרופּע. דער דירעקטאָר בעט מיך —

וואַרטן, ביז מ׳וועט אָנהייבן די רעגיסטראַציע פון די ניי־צוגעקומענע יידן, דעמאָלט וועט ער אים קאָנען באַפרייען.

אָך, דאָס וואַרטן, יעדע מינוט איז געווען ביי מיר אַ יאָר!... מיין גאַנצע משפחה האָט אַרומגערינגלט די גרופּע יידן, צווישן וועלכע ס׳געפינט זיך אונדזער זון־און־ברודער.

ענדלעך הייבט זיך אָן די רעגיסטראַציע און מיין זון איז פון די ערשטע. ער באַוויזט דעם דירעקטאָר אַזאַ באַוועגונגס־שייך, וואָס ער האָט באַקומען פון דער דירעקציע אין „אגדא״. קיין טולוז — דערקלערט ער — איז ער געקומען לעגאַל עפּעס איינקויפן, האָט מען אים דאָרט פאַרכאַפּט און נישט געוואָלט נאָכקוקן זיינע פּאַפּירן ביזן אָנקומען אין קלערפאָן. דער דירעקטאָר האָט אים גלייך אַרויסגעשיקט צו אונדז. אונ־דזער פרייד איז נישט צום באַשרייבן.

און אָט דערציילט ער אונדז, אַז מיין איידעם איז געקומען פון בריסעל צוזאַמען מיט אַ בעלגיער, בכדי אונדז אַלע אַהיים צו נעמען. די פאַבריק אונדזערע גייט שוין. די דייטשן מאַכן בכלל נישט קיין שווערי־קייטן די צוריקגעקומענע ביים איינאָרדענען זיך; פאַרקערט, זיי ווילן, אַז אַלע יידן זאָלן צוריקקומען. אַזוי גיט איבער דער איידעם.

ער אַליין, מאיר וועט שוין קיין „אגדא״ נישט צוריקפאָרן. דער רעזשים איז דאָרט זייער אַ שטרענגער און אַ סך יידן אַנטלויפן. מאַכט מען אים, מאירן, פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך, און מאָרגן קאָן מען אים אפשר נישט אַרויסלאָזן מער פונעם לאַגער... ווייטער דערציילט ער, אַז כמעט אַלע חברים זענען שוין צוריק אין בריסעל און אַלע אַרבעטן זיי אויף די ערטער. זיכער איז נישט צו גלייבן, אַז די דאָזיקע גוטע באַציִונג מצד די נאַציס זאָל לאַנג אָנהאַלטן. אָבער דאָ האָבן די דייטשן סיי ווי שוין פאַרפלייצט גאַנץ מידי דע פראַנס און זיי וועלן באַלד פאַרנעמען אויך אַלע לאַגערן, ווייל די ווישי־רעגירונג גיט זיי פרייע הענט לגבי די יידן. טאָ וואָס זשע איז דער אונטערשיד: זיין דאָ ביי היטלערן, צי אין בריסעל? דאָרטן האָבן מיר לכל הפּחות אַ היים... — אַזוי האָט מיין זון אויפגע־קלערט אונדז די לאַגע.

די גאַנצע משפחה האָט זיך דערפרייט מיטן געדאַנק וועגן אַהיים־

פאָרן, ווייל אפילו אין אַזאַ מילדן לאַגער און ביי די פריווילעגירטסטע באַדינגונגען איז נישט געווען איבערצוהאַלטן דיליידן.

וואָס שייך מיר אַליין, האָב איך אַמווינציקסטן געגלייבט אין די „גוטע" צוזאָגעכצער פון די דייטשן. כ'האָב געוווסט, וואָס דאָס הייסט צוריקפאָרן קיין בריסעל צו היטלערן. נאָר סוף־כל־סוף האָב איך געמוזט זיך אונטערוואַרפן דעם ווילן פון מיינע קינדער — סיי די, וואָס זענען מיט מיר דאָ, סיי יענע, וואָס געפינען זיך שוין איצטער אין בריסעל — און איך האָב איינגעוויליקט צוריקצופאָרן.

אפגעזעגנט זיך מיטן טאגבוך

היינט איז אָנגעקומען אַהער מיין איידעם באַנאַנד מיטן בעלגיער. מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיטביידן.

ביי אונדז אין קלערפאָן איז שוין אַ פולשטענדיקע צערודערונג: מען איז זיכער, אַז דער לאַגער לעזט זיך אויף.

פון מיין לעצטן געשפרעך מיטן דירעקטאָר זע איך בפירוש, אַז ער איז אַן אויסגעשפראָכענער קעגנער פון דער ווישי־רעגירונג. ער האָט מיר פאַרטרויט, אַז ער ציט אָפּ קיין אַלזשיר. פון זיינע רייד האָט אויך אַרויסגעדרונגען, אַז איך דאַרף דאָ לענגער נישט בלייבן. הכלל, מיר פּאַקן איין אין די וואַליזעס אַלץ, וואָס מ'פאַרמאָגט, און אין באַשטאַנד פון 9 אונדזערע לאָזן מיר זיך אין וועג אַריין צוריק קיין בעלגיע.

און דאָ — צוליב די נאָך גרעסערע קאָפּדרייעניש און צרות, וואָס האָבן זיך ערשט רעכט אָנגעהויבן מיטן פאַרלאָזן קלערפאָן — האָב איך אויפגעהערט צו פאַרשרייבן אונדזערע איבערלעבענישן אין מיין אַזוי אויך נישט רעגולערן טאָגבוך...

פאַרצייכענענדיק איצטער די וויטערדיקע פּאַסירונגען פון יענער

צייט, מוז איך, ווי ביז דעם דאָזיקן טאָגבוך, פאַרלאָזן זיך אויסשליסלעך אויף מיין זכרון.

דער וועג „אהיים"...

אָנקומענדיק אין טולוז, האָבן מיר געזען, אַז אַלץ וואַנדערט טאַקע צוריק: ווער — טיפער אין פראַנקרייך, און ווער — קיין בעלגיע, ווי מיר. אומעטום האָט מען אָנגעטראָפן אויף דייטשע באַנדעס. אַ סך יידישע יונגעלייט, איינשליסנדיק זיך אין פראַנקרייכס „פרעמדן־לעגיאָן", זענען געלאָפן אין די פראַנצויזישע קאָלאָניעס, אַבי — אַוועק פון היטלערן וואָס ווייטער...

דער וועג אויף צוריק איז געווען זייער אַ שווערער: מיט באַנען, קאַמיאָנען; ס'איז אויך אויסגעקומען צו גיין הונדערטער קילאָמעטער צופוס. אויף די וואָקזאַלן האָבן געאַרבעט דייטשקעס — שוועסטער פון „רויטן קרייץ". זייער „העפלעכקייט" האָט מיך געשטאָכן, ווי מיט מע־סערס; דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז נישט צום גוטן.

וואָס ווייטער, אַלץ מער האָבן מיר איינגעזען, אַז די קינדער אין בעלגיע האָבן זייער גוט געטאָן, שיקנדיק אונדז די צוויי העלפער. באַזונדערס איז אונדז זייער צונוץ געקומען אונדזער באַגלייטער דער בעלגיער; אונדז אַליין וואָלט געווען שטאַרק אומבאַקוועם אָנצוקומען צו די דייטשן, האָט ער שוין אַלץ פאַרשאַפט פאַר אונדז און אומעטום, ווען נויטיק, אינטערווענירט. מיר האָבן אַזויאַרום אויסגעמיטן אַ סך קלאָפּאָטן. די דייטשן, ווידער, האָבנדיק צו טאָן מיט דעם בעלגיער, זענען געווען זיכער, אַז די גאַנצע גרופּע באַשטייט פון בעלגיער און נישט געמאַכט קיין ספּעציעלע שיקאַנעס. פון דעסטוועגן איז דאָס אַלץ נישט געווען אַזוי גרינג. מיט גרויס מאַטערניש, נאָך לאַנגע טעג און נעכט פון וואַנ־דערן, זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען קיין פּאַריז.

וואָס פאַראַ שווערן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט אָט די גרויסע, וועלטבאַרימטע שטאָט! דערשיטערט בין איך געווען צו זען, וואָס

די מלחמה האָט געמאַכט פון פּאַריז... אומרויק און מיט מורא איז מען געגאַנגען איבער די פּאַרלאָזענע, פּוסטע בולוואַרן. די טעג, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין פּאַריז, האָט גערעגנט, און דאָס האָט צוגעגעבן נאָך מער טרויער דער שטאָט, וואָס האָט אויסגעקוקט, ווי אַ גרויסער בית־עולם...

אויפגענומען אין פּאַריז האָט אונדז די אַרבעטער־היים פון „פּועלי ציון", כ׳וועל קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן די דעמאָלטיקע פאַר־וואַלטערין פון דער אַרבעטער־היים — חברטע טאָפּטשע — פאַר איר הילפס־גרייטקייט און געטריישאַפט צו מיר און מיין פאַמיליע. נישט בלויז צו אונדז האָט זי אַרויסגעוויזן אַזויפיל האַרציקייט, נייערט צו יעטוועדן דורכוואַנדערער דורך פּאַריז. די חברטע טאָפּטשע (מיט דרך־ארץ דערמאָן איך איר נאָמען!) איז אין יענע טעג געווען די איינציקע. וואָס האָט געווידמעט איר גאַנץ חיות פאַר די געליטענע, דורכוואַנדערנ־דיקע משפּחות, ווי פאַר די יידישע אַרבעטער אין פּאַריז גופא. זי איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו אַרבעטן פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, איינע אַליין, אַרויסגעבנדיק טאָג־טעגלעך פרישטיק, מיטאָג און נאַכטעסן צו הונדערטער נויטבאַדערפטיקע. מיט וואָס פאַראַ ליבשאַפט און איבערגעבנקייט זי האָט עס באַדינט די קינדער פון פּליטים־משפּחות און וויפל שווערע, פיזישע האַרעוואַניע, וויפל כוח זי האָט אַוועק־געלייגט אין אָט דער אַרבעטער־קיך!... (פון דער אַרבעטער־היים, טאַקע, שפּעטער דעפּאָרטירט געוואָרן און אומגעקומען אין אַ דייטשן לאַגער).

איך געדענק — אין איינעם אַן אינדערפרי איז איינגעפאַלן דער אייזער־נער אויוון, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געקאָכט דער מיטאָג און ס׳האָט געהאַלטן דערביי, די מענטשן זאָלן בלייבן הונגעריק יענעם טאָג. איז זי אַליין, חברטע טאָפּטשע, אַרונטערגעקראָכן אונטער דעם אויוון און מיט אירע שוואַכע פּלייצעס אים אויפגעשטעלט. אַ פרוי, וואָס איז געווען באַשעפטיקט ביים שיילן קאַרטאָפל, האָט אונטערגעשטעלט אַ קעסטל אַנשטאָט דעם איבערגעבראָכענעם פוס, און די קיך האָט ווייטער געאַר־בעט, און דער מיטאָג איז געווען צו דער צייט. וויפל טרייסט איז פאַראַן אין דעם, וואָס אין שווערע, ביטערע צייטן אַנטפּלעקן זיך אַזעלכע טרייע נשמות!.

ווידער אין בריסעל

נאָך אַ לאַנג־דויערנדיקן אַרומוואַגלען אויף דעם פראַנצויזישן שטח, מיט אַ וועג, וואָס איז פול געווען מיט פּיין און שרעק, מידע, נישט־דערעסן, נישט דערשלאָפן, זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען אין בעלגיע.

דאָס איז געווען דעצעמבער 1940. נאָך אַלע וואַנדערונגען אין די פראַנצויזישע לאַגערן פון מידי דע פראַנס און ביי די פּירענעען־בערג: קאזעריל און רעוועל, אגדא און קלערפאָן; דערנאָך איבער גאַנץ פראַנק־רייך אויף צוריק, שוין צווישן די היטלערישע מחנות — איז עס פאָרט געווען אַ גרויסע דערלייכטערונג אומצוקערן זיך ווידער קיין בריסעל. און כאָטש אַלץ איז נאָך געווען זייער אומזיכער, האָבן מיר זיך פשוט מחיה געווען: צוריק אין די היימישע ווענט פון אייגענעם הויז!

אין שטאָט האָבן מיר געטראָפן אַ היפּש ביסל יידן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט נאָך פאַר אונדז. דער עולם איז געווען נאַקעט און באָר־וועס. די פּעק, וואָס מ׳האָט מיטגעשלעפּט ביים אַנטלויפן, זענען געבליבן ערגעץ־ווו אויף די וועגן — צעהאַקט און צעבראָקט און סתם אומזיסט און אומנישט צעטרענצלט. טייל פון די צוריקגעקומענע האָבן נישט גע־האָט אפילו קיין דאַך איבערן קאָפּ, ווייל אין זייער אָפּוועזנהייט האָבן בעלגיער פאַרנומען זייערע דירות. אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, אַרבעטסלאָזע, אָן שום מיטלען צום לעבן, האָט מען אַרומגעשלייכט איצט אין גאַסן פון דער היימישער שטאָט.

נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג, ווי גלייבן דעם צוזאָג פון דער געסטאַפּאָ, אַז מ׳וועט די יידן אין בעלגיע נישט טשעפּען, און אַז זיי מעגן זיך נעמען צוריק צו זייערע באַשעפטיקונגען — האָט מען זיך ווידער גענומען איינאָרדענען צו ביסלעך.

אין אָנהייב איז אין דער הינזיכט אַלץ טאַקע געגאַנגען מער ווײ־ניקער כשורה. די בעלגישע מוניציפּאַליטעטן מיט זייערע בירגער־מייסטערס אין דער שפּיץ, האָבן געפירט שטילערהייט אַ קאַלטן און פאַר־זיכטיקן סאַבאָטאַזש קעגן דער היטלער־מאַכט און גלייכצייטיק אַרויס־געוויזן אַ באַזונדערס וואַרעמע באַציונג צו אונדז, יידן (צי האָבן זיי אפשר

פאַראויסגעזען אונדזער וויסטן סוף?...). דאָך האָט זיך דער יידישער עולם געשראָקן און געטוליעט איינער צום צווייטן.

עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט מיט זייער קליינע מיטלען, בעת גענייטיקט האָט מען זיך אין אַ גאַר ברייט פאַרצווייגטער הילפס־אַרבעט. ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך „פועלי ציון״ (לינקע) די „קעגנזייטיקע הילף״. צוגעטראָגן הילף האָט אויך „עזרה״ — אַ פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט, וואָס האָט עקזיסטירט נאָך פון פריער. כמעט אַלע פּאַרטייען האָבן איינגעשטעלט אַ הילף־טעטיקייט. דאָס אַלץ איז אָבער געווען, ווי אַ טראָפּן אין ים. ווי געזאָגט, האָט זיך געפּאָדערט אַ ריזיקע, צענטראַליזירטע אַרבעט, כדי צו באַפרידיקן די אומגעהייערע נויטן; פאַר אַזאַ אַרבעט האָט מען געדאַרפט האָבן באַדייטנדיקע געלט־סומען. פּאַרטייען האָבן אַזוינס נישט פאַרמאָגט. ס׳האָט זיך אויך געפּאָדערט אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן אַלע בעלגישע יידן און פאַרטיידיקן, לויט אירע מעגלעכקייטן, דעם יישוב קעגן דער געסטאַפּאָ־מאַכט. אַ שווערע און דעליקאַטע אַנגעלעגנהייט...

נאָך איידער איך האָב זיך אומגעקערט, זענען צוליב דעם זיך צונויפגעקומען אַלע יידישע געזעלשאַפטן און געמיינדעס און באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן איין יידישע פאַרשטייערשאַפט אין בעלגיע.

ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ קערפּערשאַפט, אין וועלכער ס׳זענען געווען פאַרטראָטן אַלע געזעלשאַפטן און פּאַרטייען; בעיקר — פאַרשטייער פון דער האָלענדישער געמיינדע, אַזוי גערופענע „יאַהודים״ און פון די „מחזיקי הדת״ — די צוגערייזטע יידן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטיקע טעטיקייט אויף אַלע געביטן. די פילאַנטראָפּישע „עזרה״ איז ביי דער קערפּערשאַפט געוואָרן די צענטראַלע הילפס־אינסטיטוציע. צו דער „עזרה״ זענען צוגעטיילט געוואָרן איינציקע פאַרשטייער פון פּאָליטישע פּאַרטייען: איך האָב פאַרטראָטן די לינקע „פועלי ציון״ און דער חבר פ ט א ש נ י ק, (שפּעטער — דערשאָסן דורך דער געסטאַפּאָ), איז געווען דער פאַרשטייער פון „סאָלידאַריטעט״, ד. ה. פון די יידישע קאָמוניסטן. מיר האָבן געדאַרפט ווירקן, אַז די הילפס־אַרבעט זאָל געפירט ווערן אויף אַ גערעכטן און פּלאַנמעסיקן אופן. צווישן די אַלטע „עזרה״־לייט

זענען געווען איניקע סימפּאַטישע מענטשן, וואָס מיט זיי האָט מען זיך געקאָנט פֿאַרשטענדיקן: צווישן אַנדערע — אַ געוויסער אַ ד אַ מ ס ק י (שפּעטער — דעפּאָרטירט) און אַ צווייטער — מיטן נאָמען פּ אַ ו ל אָ־ וו י צ ק י (געוואָרן אַ מיטגליד אין „קעגנזייטיקע הילף").

כדי צו פֿאַרגרינגערן די בודזשעט־פּראָגע, האָט מען קודם כל געדאַרפֿט שאַפֿן אַ בייטראַג־צאָלנדיקע מיטגלידערשאַפֿט און באַלד דער־נאָך איז מען צוגעטרעטן צו ווייטערדיקע ענינים. די אַרבעט פֿון דער ניי־געשאַפֿענער קערפּערשאַפֿט איז געווען באַשווערט צוליב דער פֿאַרשידנ־אַרטיקייט פֿון די אין איר פֿאַרטראָטענע ריכטונגען: פֿון איין זייט די האָלענדישע „יאָהודים" און דייטשע פּליכלינגען, און פֿון דער אַנדערער זייט — דער פּאַקטישער יידישער יישוב, די „פּרעמדע", די „צוגערייזטע", ווי מען פֿלעגט זיי רופֿן. ביי יעדן פּראָבלעם פֿלעגן זיך צעפֿלאַקערן גרויסע דיסקוסיעס און קריגערייען. פֿון דעסטוועגן איז געלונגען צו באַשאַפֿן איין רעפּרעזענטאַטיווע אינסטיטוציע פֿון דעם גאַנצן יידישן יישוב, צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַלע פּראָבלעמען פֿון יידישן לעבן אין בעל־גיע. ס'איז געשאַפֿן געוואָרן אַ קיך אויף רי רויזברוק און אַן אָפּטיילונג אין סאַן זשיל, אויף רי וולאגאר. מען האָט אויך געעפֿנט אַ ביבליאָטעק אין הויז פֿון דער האָלענדישער געמיינדע, ווו מען איז זיך צוזאַמענגעקו־מען ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן. דאָס גאַנצע הויז פֿון דער האָלענדישער געמיינדע מיט אירע גרויסע זאַלן איז געווען אַ מקום מקלט פֿאַר יידן פֿון בריסעל און פֿון דער פּראָווינץ: יידן פֿלעגן זיך צונויפֿקומען אויף אַן „עונג שבת". פּאַרטייען האָבן דאָרט געפֿירט אומלעגאַל זייער אַרבעט. דאָרט האָט מען געגעבן געלט־שטיצע, מעדיצינישע הילף, אַרויסגעגעבן טויט־שיינען, חתונה־שיינען... מיט איין וואָרט: דאָס איז געווען דאָס איינציקע אָרט, ווו די יידן אין בעלגיע האָבן זיך געקאָנט צונויפֿטרעפֿן.

נישט אומזיסט זאָגט מען: „אַז מ'געוויינט זיך צו צו די ליידן, לעבט מען מיט זיי אין פֿריידן"... אַזוי איז געווען ביי אונדז אין אָנהייב מיטן היטלער־רעזשים: בלית ברירה האָט מען מיט דער צייט זיך איינ־געאָרדנט ווי נישט איז; צוריק געעפֿנט געשעפֿטן, פֿאַבריקן; גענומען אַרבעטן, האַנדלען... אויך די פּאַרטייען האָבן פֿאַרשטאַרקט זייער טעטי־

קייט. די לינקע „פועלי ציון" האָט ווייטער אַרויסגעגעבן — איצט אומלעגאַל — אַ חודשלעכן זשורנאַל און יעדער אַרטיקל אין אים האָט גערופן צו סאַבאָטאַזש און קאַמף קעגן דער היטלער־אָקופּאַציע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט געשמעקט מיט טויט, אָבער חברים האָבן זיך טראָץ דעם געשטעלט צו דער אַרבעט. די פּאַרטיי האָט אויך געפירט אַ פאַרצווייגטע הילפס־אַקציע דורך „קעגנזייטיקע הילף" און געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער בעלגישער אונטערגרונד־באַוועגונג. אויבנאויפיק האָט דאָס לעבן אָנגעהויבן אויסצוזען „נאָרמאַל".

עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און אַ נייער פּחד האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן ייִדישן ישוב אין בעלגיע: די געסטאַפּאָ־לייט האָבן שוין, קענטיק, געמאַכט פּלענער, וויאַזוי צו ליקווידירן די ייִדן פון גאַנצן לאַנד. פּלוצלונג זענען אָנגעקומען „איינלאַדונגען" צו אַלע פאָרשטייער פון די געוועזענע ייִדישע אינסטיטוציעס, ספּאָרט־קלובן, פּאַרטייען און געמיינדעס. דערביי האָבן די דייטשן אויסגעפונען די ריכטיקע אַדרעסן און נעמען. מען האָט גערופן זיך צושטעלן אין ביוראָ פון דער געסטאַפּאָ אויף אַווענױ לויס — צו צוויי אָדער צו דריי מיטגלידער, און אפילו די גאַנצע פאַרוואַלטונג.

אויף דער אויפפאָדערונג, וואָס איך האָב באַקומען, איז געווען אָנגעגעבן די דאַטע און שעה — ווען זיך צו מעלדן, און אַז איך דאַרף מיטברענגען מיין „פּאַרטנער". דאָס איז געווען מ א י ר ס ל ו ש נ י. אויף אַזאַ אופן זענען מיר גערופן געוואָרן אַלס פאַרזיצער און סעקרעטאַר פון דער שעדלעצער לאַנדסמאַנשאַפט אין בריסעל.

דאָס אַרויסרופן די פאָרשטייער אין געסטאַפּאָ האָט אַלעמען באַאומרויִקט; ס'איז אויך געווען פאַר אונדז אַ רעטעניש פון וואַנען טרעפן זיי אַזוי ריכטיק די נעמען... איך האָב זיך דערטראַכט, אַז זיי באַנוצן זיך מיט דעם פאַרכאַפּטן אַרכיוו פונעם ראַט פון די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויף הפקר (אין דעם אַרכיוו זענען געווען רעגיסטרירט אַלע פאָרשטייער פון געזעלשאַפטן און פּאַרטייען).

נישט נאָר צוליב דעם רופן די פאָרשטייער האָט מען געשפּירט אין דער לופטן, אַז די געשעענישן הייבן זיך אָן. אַריינקומענדיק אין דעם

ביורא פון געסטאפא, האבן מיר באלד דערפילט, פון זייער „אויפנאמע״, וואס עס דערוואַרט אונדז, די יידן פון בעלגיע, מען האט אונדז מכבד געווען מיט דעם גאנצן טיטל: „פערפלוכטע״ — און אזוי ווייטער...

מען האט אונדז פאררעגיסטרירט און ארויפגעשיקט אויפן 4־טן שטאק, ווו מיר האבן שוין געטראפן א סך ארויסגערופענע. זיי זענען גע־שטאנען נעבעכדיקע און פול מיט אימה, בעת די ס.ס.־אויסוואורפן האבן זיך געוויצלט איבער זיי.

באלד איז אריין א יונגער, הויכער מחבל און אונדז צוגערופן — מיך מיט מיין פארטנער — צו א טיש. אליין האט ער זיך אוועקגעזעצט, אויסגעזוכט א דאסיע. בינו לבינה האט ער אונדז דורכגעשפיזט מיט זיינע מערדערישע אויגן, נאר — געזען, אז מיר ווייזן נישט ארויס קיין פחד, האט ער גארנישט געזאגט, אונדז געהייסן זיצן און געפרעגט, וואס איז דאס אזוינס די שעדלעצער לאנדסמאנשאפט און מיט וואס האט זי זיך פארנומען?.

מיר האבן אים אויפגעקלערט, אז דאס איז געווען א געזעלשאפט, וואס האט געזאמלט געלט פאר קהלשע אינסטיטוציעס אין שעדלעץ, וואס די שטאט אליין האט נישט געקענט אויסהאלטן.

ער האט אונדז געגעבערט א האלבע שעה צייט מיט פארשידענע פראגן, און צום סוף געוואלט וויסן, צי מיר ווילן אויך ווייטער אויפהאלטן די געזעלשאפט. נאך אונדזער ענטפער, אז דערווייל זענען קיין שעדלע־צער דא נישטא, האט ער אונדז באפרייט. ווען מיר זענען אהיימגעקומען, האט מען אונדז באטראכט, ווי צוריקגעקומענע פון יענער וועלט...

אויף צומארגנס האב איך באקומען א מעלדונג, צושטעלן זיך אין געסטאפא אלס פארשטייער פון „פועלי ציון״ (לינקע). מיין פארטנער איז דאס מאל געווען חבר ד א מ ב. אויך מיין עלטסטן זון האט מען גערופן, אלס פארשטייער פון ספארט־קלוב „שטערן״.

די פאניק אויף דער יידישער גאס איז צו יענער צייט געווארן גרעסער פון טאג צו טאג. די בעלגישע „רעקסיסטן״, וואס האבן איצט געבושעוועט סיי אויף דער בעלגישער, סיי אויף דער יידישער גאס, האבן גענומען מסורן און אנווייזן אויף וועמען ס׳איז זיי נאר איינגעפאלן.

דורך זיי, דורך די „רעקסיסטן", האָט די געסטאַפּאָ אויך אָרגאַניזירט כלומרשטע אַרבעטס־ביוראָען אויף צו שיקן אַרבעטער קיין פראַנקרייך. מען האָט איינגערעדט דעם יידישן עולם, אַז די, וואָס וועלן זיך פריוויליק פאַרשרייבן, וועלן געשיקט ווערן בלויז אויף עטלעכע חדשים קיין פראַנקרייך; מען וועט זיי באַצאָלן פאַר דער אַרבעט און אויף דעם אופן וועלן זיי אויך אויסמיידן געשיקט צו ווערן קיין דייטשלאַנד.

דאָס אַלץ, ווי אויך דאָס אַרויסרופן אין געסטאַפּאָ געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טוער האָט געוויזן בפירוש, וואָס פאַראַ ווערט ס'האָבן די נאַצישע צוזאָגענישן, אַז מ'וועט זיך דאָ ווידער קאָנען איינאָרדענען...

אין ביוראָ פון דער געסטאַפּאָ האָבן מיר — דער חבר דאַמב און איך — שוין געטראָפן אַ שיין ביסל אַנדערע דעלעגאַציעס: פאַרשטייער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, פון ספּאָרט־קלוב „שטערן", פון דער געמיינדע „מחזיקי הדת" און נאָך. דאָס מאָל האָט מען אונדז געלאָזט לאַנג וואַרטן; וואַרטנדיק אַזוי, איז מיך באַפאַלן אַן אומרויקייט: כ'האָב געטראַכט, אַז היינט וועל איך שלעכט אָפּשניידן. שוין דאָס צווייטע מאָל, ווי זיי רופן מיך: דאָס ערשטע מאָל — אין שייכות מיט אַ בירגערלעכער אינסטיטוציע — איז עס נישט געווען אַזוי געפערלעך. אָבער אַלס פאַרשטייער פון די לינקע „פועלי ציון", איז עס דאָך אַ פּאָליטישער ענין, און דאָ איז די לאַגע מער ערנסט. איך בין אויך שטאַרק אומרויק געווען צוליב אונדזער זון, מאיר... מיר האָבן זיך איבערגעקוקט. איך האָב געלייענט אין זיינע אויגן: — „טאַטע, האַלט זיך!"... און ער אין מיינע אויגן דאָס אייגענע: — „מאיר, האַלט זיך!"...

און מיר האָבן זיך טאַקע גוט געהאַלטן, נישט אַרויסגעוויזן קיין אומרו. אויך מיין חבר דאַמב, וואָס איז שטענדיק געווען אַ שוואַכער, אַ בלאַסער, האָט איצט גוט אויסגעזען, געווען פאַררויטלט און זיך געוויצלט. דאַקעגן די יידן פון מאַנכע אינסטיטוציעס האָבן אויסגעזען זייער בעבעכדיק, און געציטערט, גלייך ס'וואָלט שוין טאַקע געווען דער סוף. אונדז איז געווען אַ בושה פאַר די געסטאַפּאָ־לייט און זיי, די אויסוואורפן, האָבן געשריגן: — „שוויינען־יודן! מיר פרעסן דאָך אייך נישט אויף!".

ענדלעך זענען דריי געסטאַפּאָ־פאַרשוינען — צוויי עלטערע און

איינער אַ יונגער, געוועז גרייט צו פאַרנעמען זיך מיט די אַרויסגערופענע ייִדן.

דער יונגער איז צו צו אונדזער טיש; מיר איז גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן, ווען כ'האָב דערזען, אַז דאָס איז נישט דער אייגענער, וואָס האָט געפאָרשט די שעדלעצער. ער האָט זיך ברייט אַוועקגעזעצט, אויסגעזוכט אַ דאסיע, ווו ס'איז געווען אָנגעשריבן אויף דייטש: לינקע „פועלי ציון"; באַפוילן אונדז זיך צו זעצן, גענומען אַ בלאַנקן פּאַפּירבלאַט, פאַרצייכנט די דאַטע און פאַרשידענע באַמערקונגען, אויסגעפרעגט אונדזערע נעמען, דעם עלטער און אַנדערע פּרטים. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון ערגעץ אַן אויסגעפולטן דאָקומענט, אים דורכגעקוקט און געווענדט זיך צו מיר מיט דער פראַגע:

— וואָס איז דער אונטערשיד פון לינקע „פועלי ציון" ביז די רעכטע „פועלי ציון"?

ביז דעם מאָמענט בין איך געווען פאַרנומען מיט איין געדאַנק: וואָס וועט דער געסטאַפּאָ־מחבל אונדז פרעגן? איך האָב אַליין צוגעטראַכט די פראַגן און געפרוווט צוגרייטן די ענטפערס. איך האָב זיך קאָנצענטרירט אַרום איין פעסטן באַשלוס: אין קיין שום פאַל נישט לאָזן פאַלן קיין נעמען פון חברים און אויך נישט — אַדרעסן. פון דער געשטעלטער פראַגע האָט אָבער אַרויסגעדרונגען, אַז דערוויל האַנדלט זיך נישט וועגן נעמען פון חברים און מען פאָרשט אויך נישט איצט זייערע וווין־ערטער. עס הייסט בלויז, אַז איך דאַרף אויפקלערן די פּראָגראַמען פון ביידע פּאַרטייען.

אַזוי ווי דער בעל דבר האָט געפרעגט און גערעדט לאַנגזאַם, איז ביי מיר אין געדאַנק געבוירן געוואָרן בעת מעשה אַ גאַנץ נייער „פּראָגראַם" פאַר „פועלי ציון" — לינקע און רעכטע. איך האָב גענומען רעדן הויך און דייטלעך (צו מיין מזל האָט ער מיך אויפגעפאָדערט צו רעדן לאַנגזאַם, ווייל ער וויל אַלץ פאַרפּראָטאָקאָלירן).

איך האָב אָנגעהויבן מיין אויפקלערונג דערמיט, אַז ס'האָבן עקזיסטירט צוויי פאַרטייען — אַ רעכטע און אַ לינקע: די רעכטע „פועלי ציון" האָבן געהאַלטן, אַז די ייִדישע יוגנט, וואָס וויל פאָרן קיין

פּאַלעסטינע, מוז פריער דורכמאַכן אַ קורס פון פּאַרמעריי: (הכשרה), לער־נען ערד־אַרבעט, פּי־צוכט און אויך די העברעאישע שפּראַך. פאַר דעם צוועק פלעגט מען דינגען שטחים ערד און גרופּנוויז דורכמאַכן די דער־מאנטע קורסן. דאָס האָט געדויערט עטלעכע יאָר. ערשט נאָך דעם האָט מען געקאָנט פאָרן קיין פּאַלעסטינע.

דאַקעגן איז די לינקע „פּועלי ציון"־פּאַרטיי געווען ביי דער מיינונג, אַז די יידישע יוגנטלעכע, וואָס זענען אַרבעטסלאָז און לעבן אין נויט, דאַרפן גלייך, אָן די אַלע צוגרייטונגען פאָרן קיין פּאַלעסטינע און מיט זייער אַרבעט מאַכן מעגלעך, אַז אַנדערע זאָלן קאָנען נאָכקומען וואָס גיכער. אַזויאַרום וועלן אַלע יידן קאָנען אַהין קומען. די שעפער פון דער פּאַרטיי האָבן געהאַלטן, אַז אין איינקלאַנג מיט דעם פּראָגראַם פון די רעכטע „פּועלי ציון" איז דער פּראָצעס אַ צו לאַנגזאַמער און וועט גורם זיין, עס זאָל צו לאַנג געדויערן, ביז די יידן וועלן זיך קענען באַזעצן אין פּאַלעסטינע... — און אַזוי ווייטער אין דעם־אָ נוסח. אין משך פון מיין רעדן האָב איך באַמערקט, אַז מיין געסטאַפּאַניק, ימח שמו, שמייכלט צופרידן, וואָס ער האָט די מעגלעכקייט צונויפצושטעלן אַזאַ גרויסן פּראָטאָקאָל.

ווען כ'האָב געענדיקט, האָט ער מיר געשטעלט נאָך פאַרשידענע פראַגן, ביז עס איז אים געוואָרן אין גאַנצן „קלאָר" דער חילוק צווישן די צוויי פּאַרטייען. דערביי איז געווען צו זען, אַז ער קוועלט פּשוט פון מיין הויכן און דייטלעכן רעדן, וואָס מאַכט אים די אַרבעט גאָר גרינג.

מיט מיין רעדן די גאַנצע צייט אַזוי הויך, אויף אַ קול, האָב איך געהאַט אַ געווויסן ציל: כ'האָב געוואָלט, אַז די אַנדערע יידישע דעלעגאַ־ציעס זאָלן מיך הערן: טאָמער שטעלט מען זיי אויך די זעלביקע פראַגן, זאָלן זיי פאַרשפּאָרן צו זוכן אַנדערע אויפקלערונגען.

פאַרענדיקט שרייבן דעם פּראָטאָקאָל, האָט דער געסטאַפּאַניק, מיט דעם אייגענעם שמייכל גענומען אים פאַרלייענען פאַר אונדז. דער פּראָ־טאָקאָל האָט פאַרנומען צוויי זייטן פון אַ גרויסן פּאַפּיר־בויגן. אַלע מאָל האָט ער מיך איבערגעפרעגט, צי ס'איז ריכטיק און פּינקטלעך פאַרפראָ־

טאַקאַלירט. (מיין חבר דאַמב האָט, פאַרשטייט זיך, געדאַרפט שווייגן וואָרעם צו אים האָט מען זיך נאָכגישט געוואָנדן).

ער איז מיט דעם פּאַפּיר אַריין אין אַ צווייטן צימער, ווו ער האָט זיך פאַרזאַמט אַ לענגערע צייט.

כ׳האָב באַלד באַמערקט, אַז אַלעמענס אויגן זענען געווענדט צו אונדזער טיש. איך האָב אויך דערהערט מיין זונס שטימע — ווי ער גיט אָפּ זיינע דערקלערונגען וועגן דעם ספּאָרט־קלוב „שטערן״. ער איז באַלד באַפרייט געוואָרן. ביי זיין אַרויסגיין האָב איך אַוועקגעקוקט אין אַ זייט, כדי די געסטאַפּאָ־לייט זאָלן זיך נישט משער זיין, אַז מיר האָבן עפּעס אַ שייכות איינער צום צווייטן.

מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ פרייד — זעענדיק, אַז מיין זון איז שוין אַרויס פון דאַנען, און אַז אונדזער פרייע האַלטונג ביים טיש האָט געהאַט אַ דערמוטיקנדיקע ווירקונג אויף אַלע יידן אַרום: זיי האָבן זיך שוין גע־האַלטן מוטיקער, געגעבן איצטער די אויפקלערונגען מיט מער שטאָלץ און אָן פּחד...

ענדלעך איז אונדזער געסטאַפּאַניק צוריקגעקומען און מיר געהייסן אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל. מיר האָבן געמיינט, אַז איצט ווערן מיר שוין זייער פּטור. ער האָט אָבער נאָך אַ מאָל געגומען אין האַנט די פריער־דיקע דאסיע, זיך פאַרטיפט אין איר און פּלוצים געווענדט זיך צום חבר דאַמב מיט עטלעכע פראַגן פאַר אַ מאָל: צי קען ער אים אויפקלערן ווער עס איז ד״ר הערצל, ווו ער וווינט און מיט וואָס ער באַשעפ־טיקט זיך?

עס איז אונדז זייער שווער אָנגעקומען צו אונטערדריקן דאָס געלעכטער, וואָס עס האָבן אַרויסגערופן אָט די נאַרישע שאלות. חבר דאַמב האָט אָבער מיט אַן ערנסטן טאָן, הויך און דייטלעך, געגומען אויפ־קלערן — אַז הערצל לעבט שוין נישט, אַז געלעבט האָט ער אין ווין, געווען אַ זשורנאַליסט, און געשאַפן די ציוניסטישע באַוועגונג.

מיין חבר דאַמב — גלייך מיר וואָלטן זיך אָפּגערעדט — האָט גע־האַט דעם אייגענעם מיין, וואָס איך, רעדנדיק אַזוי הויך און דייטלעך...

נאָך אַ גאַנצער ריי אַנדערע פראַגן — אַלץ נאָך וועגן ד״ר הערצל

— האָט דער געסטאַפּאָ־פאַרשוין פאַרענדיקט דעם פּראָטאָקאָל און ענדלעך אונדז באַפרייט.

צוויי אַ זייגער זענען מיר אַרויס. אַהיימקומענדיק, האָב איך גע־טראָפן מיין משפחה, חברים און פריינד, וואָס האָבן מיט ציטערניש אַרויס־געקוקט אויף מיין צוריקקומען.

די געסטאפא-גזירות

אין יאָר 1942 האָט דער יידישער יישוב גענומען שטאַרק פילן די שווערע לאַפּע פון נאַצי־רעזשים. דער ערשטער קלאַפּ פאַר די יידן אין בעלגיע איז געווען די פאַראָרדענונג, אַז יעדער ייד מוז אָפּגעבן זיין ראַדיאָ אין אָבער פעלד־קאָמענדאַנטור. דאָס האָט אונדז אַלעמען אָפּגע־שניטן פונעם לאַנד, פון דער וועלט.

ווער ס׳האָט נישט געזען דאָס טראַגישע בילד, וויאַזוי יידן טראָגן די ראַדיאָס דורך בריסעלער גאַסן!. איך וועל שטענדיק געדענקען דעם צער, מיט וועלכן מיין זון, יצחק, האָט אַרויסגעטראָגן דעם ראַדיאָ פון שטוב — ווי אויך דעם טרויער און דאָס שטומע ליידן פון די קינדער און פון דער גאַנצער משפחה.

פאַר מיר ליגט איצט די באַשטעטיקונג פון דער „אָבער פעלד־קאָמענדאַנטור, וואָס מיין זון האָט געבראַכט פאַר דעם ראַדיאָ.

ווי שווער ס׳האָט אָבער נישט געזאָלט זיין אַוועקצוגעבן די ראַ־דיאָס, איז נאָך שווערער געווען דער באַוווסטזיין, אַז דאָס איז נישט די לעצטע גזירה, נאָר פאַרקערט: די געשעענישן הייבן זיך ערשט אָן...

די צווייטע גזירה איז געווען — אַז יידן טאָרן זיך נישט ווייזן אויף די גאַסן נאָך 6 אַ זייגער אין אָוונט.

שווער זיך פאַרצושטעלן די ליידן פון די מענטשן. אָן אַ פאַר־בינדונג פון ראַדיאָ האָט מען אַריינגעפּאַקט די גאַנצע יידישע באַפעלקע־רונג אין די שטיבער; פאַרבאָטן אפילו אַרויסצוגיין אויף אַ באַלקאָן. פאַר 6 אין אָוונט האָט מען טאָג־טעגלעך געזען אונדזערע מענטשן, ווי זיי יאָגן

זיך אַהיים — מיט פּחד אין האַרצן, טאָמער וועט מען נישט אָנקומען צו דער באַשטימטער צייט...

אַזוי האָבן אויף אונדזערע קעפּ געגומען זיך שיטן גזירות איינע נאָך דער אַנדערער. אָבער דאָס זענען אַלץ נאָך געווען די ערשטע סימנים, אַז מען גרייט צו די ליקווידאַציע פון יידישן יישוב אין בעלגיע.

דערקייקלט זיך צו א יודנראַט

אין דער פריער געשאַפענער בשותפותדיקער געמיינדע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט לעזן פאַרשידענע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ העפטיקער און פאַרביסענער קאַמף פאַר איר ווייטערדיקער עקזיסטענץ. יעדע פראַגע, וואָס פלעגט שטיין אויף דער טאָג־אָרדענונג, האָבן די „יאַהודים" געוואָלט אַנטשיידן נישט לטובת דעם יישוב. שטרעבנדיק פאַר יעדן פּרייז נושא חן צו זיין ביי דער געסטאַפּאָ, זענען זיי אַלע מאָל גרייט געווען אַנטקעגנקומען איר ווילן.

וואָס אַ מאָל איז געוואָרן אַלץ קלאָרער, אַז די „יאַהודים" וועלן אין קיין פאַל נישט ריזיקירן אַנטקעגנצושטעלן זיך די דייטשן און זיי וועלן אויספירן הכנעהדיק פאַראָרדענונגען. ביי אַזאַ לאַגע האָבן די פאַר־שטייער פון דער געמיינדע איינגעזען, אַז זיי טאָרן בשום אופן נישט לאָזן דעם יישוב אויף הפקר, אויסליפערנדיק אים צו די „יאַהודים", געסטאַפּאָ־לייט און בעלגישע רעקסיסטן; האָבן זיי מיט אַלע כוחות זיך געמיט די געמיינדע זאָל ווייטער פונקציאָנירן. די „יאַהודים" האָבן אָבער געהאַט אַנדערע פּלענער און געאַרבעט מעשים, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ יודנראַט, ווו זיי אַליין זאָלן האָבן צו זאָגן איבערן יישוב. און זיי האָבן דערגרייכט דאָס זייעריקע.

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער געמיינדע און פאַרבינדלער צווישן איר און דער געסטאַפּאָ איז געווען פריינד ראַדקעל — אַ ייד, וואָס פלעג איינשטעלן זיין לעבן פאַרן יישוב. נישט איין מאָל האָט מען אים געדראָט מיטן רעוואָלווער, בעת ער האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט פאַרשי־דענע גזירות (געקעמפט אויך קעגן דעם שאַפן פון יודנראַט). און אָט

האָט פריינד ראדקעל, אַ פאַרביטערטער, געלאָזט וויסן, אַז דער יודנראַט איז שוין אַ געשעענער פאַקט: די געסטאַפּאָ מיט זייער עלטסטן, אשער י״ש, האָבן, מיט דער צושטימונג פון די „יאָהודים״, סיי דייטשע און סיי אויך די בעלגישע, נאָמינירט דעם שענדלעך־באַוווּסטן יודנראַט...

דער יודנראַט האָט זיך גלייך אָפּגעטיילט פון דער געמיינדע, זיך באַזעצט אויף קעי דע קאמערס נומער 18 און באַלד גענומען אויספירן אַלע שמוציקע אַרבעטן, וואָס די געסטאַפּאָ האָט פאַראָרדנט קעגן דעם יידישן ישוב.

אָט איז דער צוזאַמענשטעל פונעם יודנראַט:*)

1) ראַבינער אולמאַן,
2) מארסעל בלום,
3) פרעדי בלום, — זיין זון,
4) וואַנדענבערג,
5) מאַקס דארף,
6) נאָך איין ברודער דארף, וואָס איך וויס נישט זיין פאַר־נאָמען.
7) דוד לאזאר,
8) אייבער,
9) בענעדיקטוס,
10) נאזיצער,
11) מילוואַרם,
12) האלצינגער,
13) ראָזנפעלד,
14) בערלין,
15) הערץ,
16) פייערטאַג.

אָט די כנופיה האָט זיך פאַנאַנדערגעטיילט אין צוויי קאָמיטעטן:

*) מעגלעך, אַז פון דער דאָזיקער רשימה האָבן עטלעכע נישט געהערט אָפיציעל צום יודנראַט, נאָר געשטאַנען אין זיין דינסט.

אַ צענטראַלן און אַ לאָקאַלן, און אויך אין פאַרשידענע אָמטן. צייטנווייז פלעגן זיי איבערגרופירט ווערן אויפן באַפעל פון געסטאַפּאָ.

אַ חוץ די אויסגערעכנטע האָבן מיטגעאַרבעט, אומאָפיציעל, אַ געוויסער פ ע ל י ק ס מ י י ע ר און איינער אַ ג אָ ט ע ס מ אַ ן. די צוויי האָבן געאַרבעט אויף אייגענער האַנט ביי דער געסטאַפּאָ. פאַר גרויסע געלט־סכומים האָבן זיי אַלץ דערליידיקט.

דאָס איז געווען דאָס הויפּט־געזינדל, וואָס האָט צוליב אייגענע אינטערעסן מפקיר געווען דעם יידישן יישוב און זיך באַרייכערט מיט ריזיקע פאַרמעגנס אויפן חשבון פון יידישער לייד און פּיין. נאָך זיי האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ גאַנצע באַנדע גרעסערע און קלענערע לעפּל־לייט, וואָס האָבן געלעבט אין זייער זכות.

אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט האָט אויך עקזיסטירט די שוין דערמאַנטע צענטראַלע קערפּערשאַפט — די געמיינדע. איר פאַרבינדלער — איצט ביי דער א. זש. בע.*) (יודנראַט) איז ווייטער געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר ראָטקעל.

אַז איך באַטראַכט היינט דעם גערענגל פון יידישן יישוב אין בעלגיע און אויך אין אַנדערע ערטער צו יענער צייט, איז מיר ממש שווער צו פאַרשטיין, וויאַזוי האָבן די דעמאָלטיקע פּאַרטיי־פירער און ערנסטע כלל־טוער געקאָנט זיך אָן עצה געבן מיט די אַלע סתירהדיקע פּראָבלעמען, וואָס די נאַצישע גזירות האָבן אומאויפהערלעך אַרויסגערופן אין אונדזער לעבן. כ׳באַנעם ערשט איצטער, ווי כיטרע די געסטאַפּאָ־משחיתים האָבן דעזאָריענטירט דעם יידישן עולם, בכדי מען זאָל זיך נישט כאַפּן, אַז דאָס שיקן „אויף אַרבעט” מיינט אין דער אמתן נישט עפּעס אַנדערש, ווי ד ע פּ אָ ר ט אַ צ י ע א י ן ד י ט ו י ט ־ ל אַ ג ע ר ן.

מען ווערט איבער נאכט אביונים

די גזירה — אַריינצושיקן דייטשע קאָמיסאַרן אין אַלע יידישע

*) Association juif en Belgique.

געשעפטן און פאַבריקן, און זיי „פאַרקויפן" צו בעלגיער, אָדער צו אַמאָ־ליקע דייטשע אײַנוווינער — אויסרויבנדיק אַזוי אַרום דאָס יידישע האָב און גוטס — האָט ארויסגערופן אַ נייע פּאַניק צווישן די יידן. מען איז אַרומגעלאָפן, ווי משוגעים, נישט געוווסט, וואָס צו טאָן מיט די פאַרמעגנס. ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ צענטראַלע פון אַ בעלגיער מיטן נאָמען לאמפּערט, וואָס האָט אָפּגעקויפט אַלע סחורות פון יידישע מארקי־נעריסטן *) און שוך־פאַבריקאַנטן כמעט פאַר אומזיסט: ס'האָט אויס־געקוקט, אַז וויפל מען קריגט איז ווי געפונען.

ביי מיר אין פאַבריק איז אויך געווען אַ דייטשער קאָמיסאַר. איך אַ געוויסן טאָג איז צו מיין הויז פאַרפאָרן אַן אויטאָ מיט עטלעכע אַרבע־טער. מיט זיי איז געווען אַן אָנפירער, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ דייטש. ער איז אַריין אין ביוראָ און באַוויזן אַ באַשטעטיקונג, אַז דער קאָמיסאַר האָט אים פאַרקויפט אַלע מאַשינען פאַר 3000 פראַנק (דאָס איז געווען דער דירעקטאָר פון דער מאַשינען־פירמע „פאפּס").

איך האָב געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז דאָס איז נישט געקויפט, נאָר גערויבט — האָט ער מיר געדראָט מיט אַרעסט. בין איך געוואָרן גאָר אויפגעבראַכט און געוואָלט אים נאָך עפּעס אַריינזאָגן — האָט מיך מיין זון מאיר אַרויסגעפירט און מיר „אויפגעקלערט" קורץ און קלאָר:

— „טאַטע, אַזוי איז עס; דו קענסט גאָרנישט ענדערן".

די רויבער האָבן אַלץ אַרויסגערוימט און אַוועק.

*

צוליב דער ליקווידאַציע פון יידישע אונטערנעמונגען איז אין משך פון עטלעכע טעג דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון יישוב געוואָרן צעשטערט. אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג איז איבער־נאַכט געבליבן פאַר־אָרעמט.

ס'האָט זיך אָנגערוקט אַ צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט און פון הונגער־

*) דאַמען־טאַשן פּראָדוצענטן.

און פּאָר די פּאַרטייען און זייערע הילפס־אינסטיטוציעס זענען איצט געשטאַנען גאָר שווערע אויפגאַבן. מען האָט געמוזט געבן הילף צו טויזנטער אַרבעטער און סתם יידישע מענטשן, וואָס האָבן נאָך נעכטן געאַרבעט, געהאַנדלט־געוואַנדלט און זענען היינט געבליבן אָן ברויט. אין צווישן האָבן די רעקסיסטישע ביוראָען ווערבירט אַרבעטער אויף אַרויסצושיקן קיין פראַנקרייך — האָט מען זיי אויך געמוזט באַקליידן, מיטגעבן עפּעס געלט אויפן וועג און פאַרזאָרגן די פרויען און קינדער, וואָס זענען געבליבן אויפן אָרט אָן באַשפּייזער.

אַ וויטערדיקע גזירה, אַ פרישע פאַראָרדענונג פון געסטאַפּאָ: אַלע יידן מוזן זיך רעגיסטרירן אין די זעלביקע רעקסיסטישע ביוראָען. מען האָט מיך דעמאָלט אינפאָרמירט, אַז די דייטשן האָבן זיך פריער געהאַט געוואָנדן אין די בעלגישע מוניציפּאַליטעטן און נאָך דעם, ווי מען האָט זיך דאָרט קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אַזעלכע רשימות אַרויסצוגעבן, האָבן זיי דאָס דערגרייכט אויפן וועג פון דער נייער פאַראָרדענונג.

יידן זענען אויפסניי אַריין אין אַ פּאַניק: וויאַזוי זאָל מען האַנדלען? זיך יאָ רעגיסטרירן, צי נישט? סוף כל סוף איז מען געלאָפן און זיך רע־גיסטרירט.

מיט דער צייט איז דאָס שיקן אין פראַנקרייך אויף „אַרבעט” גע־וואָרן אַ מוז־זאַך: אַז מען האָט זיך אויפגעהערט מעלדן פרייוויליק, איז מען אויפגעפאָדערט געוואָרן זיך צוצושטעלן. פּאַרטיי־חברים האָבן אונטערגענומען כלערליי אַקציעס צו באַפרייען, ווען עס האָט זיך געלאָזט. אין איינצלנע פאַלן פלעגט מען דאָס דערגרייכן, אינטערווענירנ־דיק ביי בעלגיער, אַמאָליקע פערזענלעכע פריינד און היינט — רעקסיסטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אין די ביוראָען.

*

שווער איז געווען די לאַגע פון אַרבעטער־הילפס־אינסטיטוציעס, ווייל זיי האָבן פונקציאָנירט אומלעגאַל. קיין שום אינסטיטוציע, אַ חוץ די „עזרה”, האָט נישט געטאָרט אויסטיילן קיין הילף. די „עזרה”, וואָס האָט

פריער עקזיסטירט ביי דער געמיינדע, איז איצט געווען טעטיק ביי דער א. זש. בע. און איר אַרבעט איז געווען לעגאַליזירט דורך דער געסטאַפּאָ. האָבן די אַרבעטער־הילפס־אינסטיטוציעס געהאַט בלויז איין מעגלעכקייט: צו פירן זייער אַרבעט דורך דער „עזרה" און אין איר לאָקאַל.

צוליב דער הילפס־אַרבעט איז דער לאָקאַל אויף זשאַזעף־קלאַס 43 געוואָרן דער צענטער פון יידישן לעבן אין בריסעל; די גרופּירונגען מיט אַלע זייערע פּראָבלעמען זענען איבערגעפירט געוואָרן אויף אָט דעם אַדרעס.

די „עזרה", וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז „יאַהודים" (אַ חוץ עטלעכע, שוין פריער דערמאַנטע, ערנסטע און פּראָגרעסיווע יידן), האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אויפן אַלטן אופן. אייניקע פאָרשטייער פון דער געמיינדע זענען צוגעטיילט געוואָרן צו דער „עזרה" לשם געזעל־שאַפטלעכער קאָנטראָל. די נעמען, וואָס כ'האָב פאַרגעדענקט, זענען גע־ווען, ווי ביז דער אַנטשטייונג פונעם יודנראַט: חבר פאַטאַשניק פון „סאָ־לידאַריטעט" און איך — פון „קעגנזייטיקע הילף".

אויף וויפל דאָס איז נאָר געווען מעגלעך, זענען מיר געשטאַנען אויף דער וואַך. נישט צוגעלאָזן קיין פּראָטעקציע, געצוווּנגען צו באַציען זיך מענטשלעך צו אַלע נויטבאַדערפטיקע און געבן הילף אויך צו יענע משפחות, וועמען מען האָט געדאַרפט צושטעלן די פּראָדוקטן אַהיים.

די „יאַהודים" פון דער „עזרה" האָט נישט געשמעקט אונדזער מיטאַרבעט מיט זיי; זיי האָט פאַרדראָסן, וואָס, נישט קאָנענדיק זיין אַליין די בעלי־בתים, מוזן זיי זיך רעכענען און אָננעמען אין אַ געוויסער מאָס אונדזערע פאָרשלאַגן בנוגע דעם פאַרטיילן הילף.

זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אונדז, וויסנדיק, אַז מיר זענען דעלע־גירט פון דער געמיינדע און גלייכצייטיק אויך מיטגלידער פון פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס שטייען אין קאָנטאַקט מיט דער בעלגישער אונטערגרונט־באַוועגונג. דערצו האָבן נאָך די פּראָלעטאַרישע הילף־אינסטיטוציעס גע־פירט זייער אַרבעט אין דעם זעלביקן „עזרה"־לאָקאַל, וועלכער איז שטענדיק געווען באַלאַגערט דורך אַקטיווע מיטגלידער, וואָס האָבן אומ־אָפיציעל קאָנטראָלירט די גאַנצע הילפס־טעטיקייט.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאנען די אקטיווע חברים פון „קעגנזייטיקע הילף״, וואָס כ׳האָב זיי שטענדיק געטראָפן ביי דער אַרבעט; זיי האָבן דער הילפס־טעטיקייט אָוועקגעגעבן זייער גאַנצע ענערגיע. דאָס זענען געווען די חברים: אברהם דאָמב, זיסקינד ראָבינאָוויטש (געשטאָרבן נאָך דער מלחמה אין בריסעל, מאיר טאַבאַקמאַן (שפּעטער דעפּאָרטירט און הערשאָסן דורך דער געסטאַפּאָ), יחזקאל וויינריב און בראָדער.

נאָך אַ זאַך האָט די „עזרה״־מיטגלידער געשראָקן: דאָס איז געווען די אומלעגאַלע צייטונג פון „לינקע פועלי ציון״ — „אונדזער וואָרט״, וואָס איז דערשינען יעדן חודש. די צייטונג האָט רעאַגירט אויף שיקאַנעס — סיי מצד דעם אָקופּאַנט, סיי מצד דעם אונטערטעניקן יודנראַט, פאַרצייכנט יעדן פאַרראַט און גענאַגלט יעטוועדן פאַררעטערישן נאָמען. דאָס האָט געווירקט, אַז די „יאָהודים״ זאָלן פאַר אונדז האָבן דרך־ארץ.

נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם און טראָץ דעם, וואָס מיר האָבן זיך באַמיט אויף כלערליי אופנים צו קאָנטראָלירן און רעגולירן די טעטיקייט פון דער „עזרה״, זענען פאַרט פאַרטאַכליעוועט געוואָרן הונדערטער און טויזנטער פראַנקן אָן אַ חשבון; הינטער אונדזערע פּלייצעס פלעגט זיי נישט איין מאָל געלונגען אָפּצוטאָן פאַרשידענע שטיק. פאַר אַלעמען איז אָבער געווען קלאָר, אַז אָן אַזאַ מין געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל וואָלט געווען אַ סך ערגער.

אז מ׳טרינקט זיך — כאַפּט מען זיך אָן אין אַ שטרוי...

שווער איז דעמאָלט געווען פאַר די פאַרטיי־פירער און פאַר אַלערליי ערלעכע, ערנסטע כלל־טוער אָנצופירן מיט דעם קאַמף, פאַרטיידיקן דעם יישוב קעגן פאַרשידענע אַטאַקעס און גזירות, וואָס יעדע פון זיי האָט געבראַכט צעשטערונג און אומגליק.

ווען איך שרייב וועגן פאַרטייען, וואָס האָבן צו יענער צייט געפירט

דעם שווערן פאַרטיידיקונגס־קאַמף, מיין איך הויפּטזאַכלעך די פּאַרטייען, וואָס כ'האָב זיי טאָג־טעגלעך געזען ביי דער אַרבעט: די לינקע „פּועלי ציון" מיט אַלע אירע חברים און די „סאָלידאַריטעט" (יידישע קאָמוניסטן) מיט אירע מיטגלידער. פון „פּועלי ציון" — רעכטע האָב איך געזען יעדן טאָג נאָר דעם חבר אליהו קובאָוויצקי, וואָס האָט איינגעשטעלט און אַוועקגעגעבן זיין לעבן.

כדי צו דעזאָריענטירן און דעמאָראַליזירן די יידישע באַפעלקערונג, האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן איין גזירה נאָך דער אַנדערער. דורך דער א. זשי. בע. איז געקומען די פאַראָרדענונג, אַז פון דעם און דעם טאָג אָן — מוזן אַלע יידן טראָגן אויף דעם פאָדערשטן טייל פון מלבוש דעם געלן מגן־דוד. פאַר נישט טראָגן, אָדער פאַרשטעלן דעם צייכן פלעגט מען גלייך דעפּאָרטירט ווערן. גלייכצייטיק האָט מען געלאָזט וויסן דער „עזרה", אַז אַלע, וואָס וועלן אַרבעטן אין אירע אונטערנעמונגען, ווי: אין קיך, ביים אַרויסגעבן פּראָדוקטן און ביים באַאַרבעטן שטחים ערד פאַר אירעווירט־שאַפטן, וועלן נישט אַוועקגעשיקט ווערן אין דער פרעמד אויף אַרבעט; מיט דער הילף פון ספּעציעלע באַשייניגונגען וועלן זיי זיך קאָנען פריי באַוועגן. וועגן דעם האָט מען געלאָזט וויסן פון די רעקסיסטישע ביוראָען צו די יעניקע, וואָס זענען געשטאַנען מיט זיי אין קאָנטאַקט.

נאָך האָט מען אינפאָרמירט, אַז אויב מען וועט קריגן אין וועלכן נישט איז שטעטל אַ פאַרלאָזענעם שטח ערד, אָפּגעזונדערט פון דער בעל־גישער באַפעלקערונג — וועלן די אַרבעטער, דאָרט באַשעפטיקטע מיט ערד־אַרבעט, זיין באַפרייט פון געשיקט ווערן קיין דייטשלאַנד. אויך זיי וועלן — מיט אַ באַשייניגונג פון געסטאַפּאָ — זיך קאָנען פריי באַוועגן...

און אָט — אַ פרישע בראָך: איידער וואָס, ווען, האָבן יידן פלוצעם גענומען אויסאַרבעטן פאַר דעם דייטשישן אָקופּאַנט פוטערנע וועסטלעך, פעלצן, היטלען. מען האָט געעפנט פראַנק און פריי פאַבריקן אין יידישן פערטל און גערופן, אַז יידן זאָלן קומען אַרבעטן. אויך דאָ איז מען פאַר־זיכערט געוואָרן, אַז אַלע באַשעפטיקטע אין דער פּראָדוקציע וועלן נישט געשיקט ווערן קיין דייטשלאַנד; אַדרבא, זיי וועלן נאָך גוט פאַרדינען.

דאָס אַלץ האָבן די דייטשן גענוי אויספּלאַנירט, בכדי צו צעברעכן די מאָראַל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די הבטחות פון געסטאַפּאָ, אַז באַשעפטיקטע אַרום דער „עזרה", אָדער ביי ערד־אַרבעט, וועלן מיט אַן אמת זיין פּריווילעגירט; דאָך האָבן מיר מיט די דאָזיקע ענינים געמוזט זיך פאַרנעמען. מיר האָבן פאַרלאַנגט פון דער „עזרה" — אויב זיי האַלטן, אַז מען קאָן באמת ווערן דורך דעם פּריווילעגירט, זאָלן קודם כל אָנגע־שטעלט ווערן אין איר· אינסטיטוציע אַלע פּאַרטייאיש טעטיקע מענטשן און סתם ענערגישע כלל־טוער; ד. ה. אַזעלכע, וואָס זענען נוצלעך און פעיק און גרייט איינצושטעלן דאָס לעבן, ווען ס׳וועט נייטיק זיין פאַר דעם יישוב; נאָך זיי זאָלן באַשעפטיקט ווערן די לויט דער ריי פאַרשריבענע פאַמיליע־מענטשן.

די „עזרה"־לייט האָבן אָבער אין דעם ענין „פּריווילעגירטע אַרבע־טער" געזען אַ קוואַל פון הכנסה און האָבן גענומען פּ אַ ר ק ו י פ ן אַר־בעטס־פּלעצער מיטן אויסרייד, אַז די אינסטיטוציע דאַרף דאָס געלט פאַר דער הילפס־טעטיקייט, וואָס זי פירט. דרך אגב, איז עס אפילו ווי אַ תירוץ נישט געווען ריכטיק, ווייל ווי פאַראָרעמט די יידישע באַפעלקערונג איז געווען, האָט זי פון דעסטוועגן געליפערט גענוג שפּייז און מלבושים, און אויך בייגעשטייערט געלט פאַר אַלע נויטבאַדערפטיקע.

מיט דער צייט האָבן זיי אָנגעהויבן האַנדלען נאָך מיאוסער: גענומען געלט ביי איינעם און צוגעשטעלט אַ צווייטן צו דער אַרבעט. אַזוי האָבן די „יאַהודים" פון „עזרה" אויף אַ שענדלעכן אופן אויסגענוצט די טראַגישע סיטואַציע.

צו דער שאַנד פון אַזאַ מין ספּעקולאַציע איז נאָך צוגעקומען „פּריי־וואַטער האַנדל" פון אויסקויפן רייכע יידן, זיי זאָלן נישט געשיקט ווערן קיין פראַנקרייך אָדער דייטשלאַנד: ווען אַ רייכער ייד האָט באַקומען אַ מעלדונג זיך צוצושטעלן אין איינעם פון די רעקסיסטישע ביוראָען, האָט ער מיט אַ באַשטעטיקונג פון אַ דאָקטאָר, אַז ער איז קראַנק, געקאָנט זיך אויסקויפן פאַר אַ גרויסער סומע געלט (די פּרייזן פלעגן זיין אין הויך, פון 100 טויזנט פראַנק און נאָך מער). עס האָבן זיך שוין געפונען אַזוינע מעק־

לער־יידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען דערמיט פריוואַט. די געלט־גייציקע יידן, צווישן זיי אויך אַזוי גערופענע „„שיינע" און „אָנגעזעענע" יידן, האָבן פאַרגעסן, אָדער געמאַכט זיך נישט־וויסנדיק אין וואָס פאַרא מצב מיר לעבן און געלאָזט זיך אויפן וועג פון אַזעלכע שאַנד־פאַרדינסטלעך. דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אַז אויפן אָרט פון געזונטע, וואָס האָבן אויסגע־קויפט זיך פאַר געלט — זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אַלטע, קראַנקע און פאָטערס פון גרויסע פאַמיליעס.

עס האָבן נישט געהאָלפן אונדזערע פראָטעסטן; היינט וואָס איז שוין שייך געווען צו טאַדלען די „פריוואַט־הענדלער", אויב „עזרה" האָט אויך נישט געוואָלט אָפּזאָגן זיך פון איר דרך. בקיצור — דער האַנדל איז אָנגעגאַנגען גאָר גרויס; די פרייזן האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן און צוזאַמען דערמיט איז אויך געשטיגן די פּאַניק. דער פסיכאָז, אַז דורך זיין אָנגעשטעלט אין דער „עזרה" וועט מען אויסמיידן אַרויסגעשיקט צו ווערן קיין דייטשלאַנד, האָט נאָך פאַרדאָפּלט די אַזוי אויך געגוג גרויסע צערודע־רונג. יעדער איינער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען. המונים האָבן געשטראָמט אויף דער זשאָזעף־קלאַס, אין דער „עזרה"; די געשרייען, געוואַלדן, דער געדראַנג און די שטופעניש ביי דער טיר זענען געווען אין לשער. און ווען מען האָט געזען, אַז די „עזרה" האָט טאַקע געקראָגן אַ צענדליק העקטאַר ערד הינטער בריסעל און שיקט אַרויס די ערשטע פּאַרטיע אויף אַרבעט, איז ערשט געוואָרן לעבעדיק. און די „יאַהודים" פון „עזרה", באַזיצנדיק אין זייערע הענט אַזאַ „רעטונגס־מיטל", האָבן פאַרריסן די נעז און נישט געלאָזט צו זיך ריידן.

מיר האָבן דערויף רעאַגירט, באַקעמפט ווי אַמשאַרפסטן זייער האַנדלונג סיי אין וואָרט, סיי אין דער אומלעגאַלער פרעסע. די צייטונג „אונדזער וואָרט" איז אַרויס מיט אַ וואָרענונג צו דער באַפעלקערונג — נישט צו לאָזן זיך אויף אַזעלכע גליטשיקע וועגן, וואָרעם די דייטשן מיינען נישט אונדזער גוטס — קאָנצענטרירנדיק גרויסע מאַסן יידן אויף אייניקע ערטער. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. באַוווסטזיניקע יחידים האָבן פאַרשטאַנען די לאַגע, די מאַסן האָבן אָבער נישט געוואָלט זיך אַריינ־טראַכטן: ווי טרינקענדיקע, וואָס כאַפּן זיך אָן אין אַ שטרוי, אַזוי האָבן זיי

געשטורעמט די טירן פון דער „עזרה״; האָבן די חברים פון „קעגנזייטיקע הילף״ נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג און אויך געמוזט מיטאַרבעטן אויף דעם געביט.

די „עזרה״־אָנפירער, ווילנדיק יוצא זיין לגבי די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען, — האָבן צוגעטיילט אַ געוויסע צאָל אַרבעטס־פּלעצער אויך פאַר אונדזערע מיטגלידער. אַזוי האָט „קעגנזייטיקע הילף״ באַקומען 20 אַזוינע ערטער.

ביי מיר, אַלס פאַרוואַלטער פון קיך־אָפּטיילונג אין ראַיאָן סאַן־זשיל, האָט זיך געפונען דער שליסל פון קיך. יעדן טאָג, נאָך מיטאָג, פלעג איך איבערגעבן דעם שליסל צו חברים פון „קעגנזייטיקע הילף״ און אין דער קיך האָבן זיי אָנגעפירט זייער אַרבעט. אויף אַ פאַרזאַמלונג, כלומרשט ביי אַ טעלער זופּ, האָבן זיך חברים אַרויסגעזאָגט דעמאָלט קעגן די „אַרבעטס־פּריווילעגיעס״ פון די דייטשן. ס׳זענען אָבער אויך געווען מיינונגען, אַז ווי באַלד עס איז אַ מיטל צו באַוועגן זיך פריי, אפילו בלויז צייטווייליק — דאַרף מען נישט טראַכטן, וואָס שפּעטער וועט זיין; דערביי איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אויך די יוגנט־אָרגאַניזאַציע ביי די רעכטע „פּועלי ציון״ האָט שוין געשאַפן אַזאַ פערמע און שיקט אַרויס יוגנטלעכע אויף הכשרה. לסוף איז מיט אַ מערהייט שטימען באַשלאָסן געוואָרן, אַז אויסער די צוואַנציק אַרבעטס־פּלעצער, וואָס מען האָט באַקומען, זאָל „קעגנזייטיקע הילף״ זיך פאַרנעמען מיט שאַפן אַן אייגענע קאָלאָניע. די דאָזיקע אויפגאַבע איז איבערגעגעבן געוואָרן צו מאיר טאַבאַקמאַן, וועלכער איז פערזענלעך געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט עטלעכע, פאַרהעלטנישמעסיק פריינדלעכע צו אים רעקסיסטן (ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט פריער, פלעגט ער דורך זיי אויך באַפרייען איינצלנע חברים פון געשיקט ווערן אויף אַרבעט, אָנגעבנדיק אַלס סיבה זייער שלעכטן געזונט־צושטאַנד).

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און מאיר טאַבאַקמאַן האָט געבראַכט אַ קאָנטראַקט, אונטערגעשריבן דורכן בירגערמייסטער פון אַ קליין שטעטל הינטער בריסעל — אקעגאם. אין דעם קאָנטראַקט האָט דער בירגער־מייסטער באַשטעטיקט, אַז צוליב דעם, וואָס עס פעלן אויס בעלגיער און די ערד ווערט פאַרנאַכלעסיקט, גיט ער איבער פאַר 50 יידישע אַרבעטער

2 אקער לאַנד צו באַאַרבעטן. אין קאָנטראַקט איז אויסגענומען געוואָרן אַ תנאי: די יידישע אַרבעטער מוזן זיין אָפּגעזונדערט פון דער בעלגישער באַפעלקערונג. די דעקלאַראַציע איז געווען אונטערגעשריבן דורך דעם בעלגישן אייגנטימער פון אַקערלאַנד פ. דע שעפער און דורך מאיר טאַבאַקמאַן פון „קעגנזייטיקע הילף״. פאַר מיר ליגט די דעקלאַראַציע, געשריבן אין פראַנצויזיש און פלעמיש, אַרויסגעגעבן פון בירגערמייסטער אקעגאם.

אויף איינער פון די שפעטערדיקע פאַרזאַמלונגען, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער קיך אויף רי וולאגאר, האָט מאיר טאַבאַקמאַן אָפּגעגעבן אַ באַריכט און פאָרגעלייענט דעם קאָנטראַקט, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון אַלע פאַרזאַמלטע. ס'האָבן זיך פאַרשריבן 50 חברים, וועלכע די רעקסיסטן האָבן באַשטעטיקט און פאַר זיי אַרויסגעגעבן סערטיפיקאַטן. די חברים האָבן אויפגעזאַמלט אַ סומע געלט, איינגעקויפט אַרבעט־ און ווירטשאַפט־מכשירים און אַרויס צו דער אַרבעט. דאָס איז געווען, מיין איך — אין חודש יולי, 1942.

דער יודנראט ביי דער ארבעט

צו יענער צייט האָט מען שוין אויפגעהערט נעמען אויף אַרבעט קיין פראַנקרייך; דער גאַנצער אַפּאַראַט איז געלענקט געוואָרן אויף אַרויסצושיקן קיין דייטשלאַנד און די אומרויקייט און שרעק איז געוואקסן ביים יישוב פון טאָג צו טאָג.

די געסטאַפּאָ, זעענדיק, אַז דער יודנראַט פירט אויס געטריי אַלע אירע פאַראָרדענונגען, האָט זי איבערגעגעבן דעם גאַנצן ענין פון צושטעלן יידן קיין דייטשלאַנד אין זיינע הענט.

די בעלגישע מוניציפּאַליטעטן־באַאַמטע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן רשימות פון יידן; די פריערדיקע געמיינדע אַלס גאַנצע וואָלט זיכער אָפּגעוואָרפן דעם נידעריקן פאָרשלאָג צו פאַרגרינגערן דער געסטאַפּאָ די

אַרבעט, און ווען די דייטשן וואָלטן געדאַרפט אַליין אויספירן אַזאַ אַרבעט, וואָלט געוויס געווען אַ סך ווינציקער קרבנות. די א. זש. בע׳ניקעס האָבן זיך אָבער נישט געשעמט מיט דער גרויזאַמער, שענדלעכער אַרבעט. אויך דאָ האָבן זיי אַרויסגעוויזן זייערע פעיקייטן און גוטן ווילן צו דינען די דייטשן: פלייסיק גענומען אָרגאַניזירן די גרעסטע ביוראָ־אַפּאַראַטן, אויס־געשטאַט מיט שרייב־טישן, מיט צענדליקער שרייב־מאַשינען און צונויפ־גענומען אַלע רעגיסטראַציעס פון יידישע נעמען. אויף מיטצוהעלפן אין דער דאָזיקער שענדלעכער אַרבעט האָט מען איינגעלאַדן די יידישע יוגנט פון בעלגיע; מען האָט צוגעזאָגט אַ גוטן געהאַלט און פאַרזיכערט — דורך בריוו פון געסטאַפּאָ — אז זיי וועלן נ י ש ט געשיקט ווערן קיין דייטש־לאַנד. און די יוגנט האָט זייער טיכטיק געאַרבעט: געשריבן די „איינלאַ־דונגען” און אין די הונדערטער — טאָג־טעגלעך צעטראָגן זיי אין די שטיבער לויט אָנגעוויזענע אַדרעסן.

דער פאַרבינדלער מיט דער געסטאַפּאָ איז געווען דער יודנראַטלער ה א ל צ י נ ג ע ר; יעדן פאַרנאַכט האָט ער געבראַכט אַ רשימה פון נעמען און אַדרעסן פון די יעניקע, וואָס דאַרפן צוגעשטעלט ווערן קיין מאלין (דאָרטן פאַרנעמען זיך אַנדערע מיט אָפּשיקן זיי ווייטער...). דער זעלבער האָלצינגער איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער פון דער א. זש. בע. פאַר צושטעלן יעדן טאָג אַ געוויסע צאָל יידן אין דעם דערמאנטן מאלין. פאַר גרויסע געלט־סומען איז אויך געווען אין זיין מעגלעכקייט צו באַפרייען וועמען ער האָט געוואָלט...

שרייבנדיק איצטער די שורות, לעב איך נאָך אַ מאָל איבער דעם גאַנצן קאָשמאַר פון יענע פינצטערע טעג אויף דער יידישער גאַס אין בריסעל: דאָס אַרומלויפן איבער די גאַסן פון יענע, וואָס האָבן באַקומען דעם באַפעל זיך צו מעלדן קיין מאלין, דאָס נישט וויסן וואָס צו טאָן — צושטעלן זיך, אָדער זיך אויסבאַהאַלטן? אויב יאָ, איז ווו זוכט מען דירות און פון וואַנען נעמט מען געלט אויף די דירות? און מיט וואָס אויס־האַלטן די משפחה?... (די, וואָס האָבן געהאַט מעגלעכקייטן, האָבן זיך טאַקע אויסבאַהאַלטן).

און אָט איז געשען נאָך אַ בראָך: אין איינעם אַ טאָג האָט דער יודנ־

ראַט אַרויסגעלאָזט דעם טרויעריק־באַרימטן אויפרוף צו דער יידישער באַפעלקערונג מיט דעם ווייטערדיקן טעקסט (פאַר מיר ליגט אַ קאָפּיע פון דעם אויפרוף — אין פראַנצויזיש און פלעמיש — מיט אַלע אונטער־שריפטן):

„די אָקופּאַציע־מאַכט גיט אונדז היינט איבער אַן אַרבעטס־באַפעל, אויסגעשטעלט אויף אייער נאָמען.

די א. זש. בע. דאַרף ווי אַמשנעלסטן אייך דאָס איבערגעבן.

לויט די פאַרזיכערונגען, געגעבן פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, האַנדלט זיך באמת וועגן אַן אַרבעטס־פליכט, און נישט וועגן אַ דעפּאָרטאַציע־מאָסמיטל.

באַזאָרגט זיך מיט דער נייטיקער צידה לדרך, וואָס איז פאָרויסגעזען אין דעם אַרבעטס־פליכט־באַפעל.

אין פאַל, ווען געוויסע זאַכן וועלן אייך אויספעלן, קענט איר זיך ווענדן צו דער „עזרה", אָדער אין לאָקאַלן קאָמיטעט פון דער א. זש. בע. פון אייער אומגעגנט — אויב איר וווינט אויף דער פּראָווינץ.

די ערנסטע געשעענישן פון די לעצטע טעג פאַר־פליכטן אונדז צו ציען אייער אויפמערקזאַמקייט אויף דעם פאַקט, אַז דאָס נישט אויספירן די פאַראָרדענונג פון אַר־בעטס־פליכט קאָן ברענגען שלעכטע קאָנסעקווענצן פאַר אייערע משפחה־מיטגלידער, ווי אויך פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין בעלגיע.

אונטערגעשריבענע:

1) ס. אולמאַן — פרעזידענט פון א. זש. בע. 2) מאַר־סעל בלום — פאָרזיצער פון דער יידישער געמיינדע אין בריסעל. 3) מ. וואנדערבערג — פרעזידענט פון בריסעלער לאָקאַלן קאָמיטעט; 4) בענעדיקטוס — אַדמיניסטראַציע־שעף פון דער א. זש. בע.; 5) ב. נאַזשיצער — פרע־

זידענט פון ליעזשער לאָקאַלן קאָמיטעט; 6) מעלוורם — פּרעזידענט פון שארלערואַר לאָקאַלן קאָמיטעט; 7) ד. לאזאר — פּרעזידענט פון דער „עזרה" אין בריסעל; 8) האלצינגער.

דאָס זענען די אַלע, וואָס האָבן אונטערגעשריבן יענעם שענדלעכן אויפרוף צו דער יידישער באַפעלקערונג אין בעלגיע.

איך האָב שוין אין מיין לעבן געזען אַ סך מאַסן־פאַרצווייפלונגען און מאַסן־פּסיכאָזן; כ'האָב געזען, ווי טויזנטער מענטשן זענען געלאָפן זיך ראַטעווען פון טויט און אַריינגעפאַלן דעם טויט אין די הענט... נאָר אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַזאַ מאַסן־דעזאָריענטאַציע און פּאַניק, וואָס האָט באַהערשט די יידן אין בריסעל, נאָכן דערהאַלטן דעם דאָזיקן בריוו, האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט בייגעוווינט. מיר זענען פּראָסט־פּשוט אַרומגעלאָפן, ווי משוגעים. די יוגנט האָט געהאַט צוטרוי צום ראַבינער אולמאַן, וואָס איז געווען געחתמעט אויף דעם בריוו; און, ווילנדיק ראַטעווען זייערע משפחות און נישט צעשטערן די היימען, זענען זיי מאַסנוויז געלאָפן זיך צושטעלן צו דער אַרבעט־פליכט. די עלטערן אָבער האָבן דערפילט, אַז דאָס איז נישט גלאַט קיין אַרבעט; זיי האָבן נישט געוואָלט ברענגען פאַרן מויל וואָס דאָס מיינט. איז מען געלאָפן איינער צום אַנדערן און געפרעגט: — „וואָס טוט מען? וואָס טוט א י ר? זאָל מען זיך באַהאַלטן? ווו? און אפשר — זיך נישט באַהאַלטן? און וואָס זאָגן אייערע קינדער?" — מען האָט געהערט אָפט: — „אונדזערע קינדער ווילן לויפן".

איך אַליין בין געווען אַ פאַמיליע־מענטש פון 15 נפשות: זין, טעכטער און איידעמס, שנורן און אייניקלעך; נאָר אין יענע טעג האָב איך פאַרגעסן, ווי גרויס ס'איז מיין אייגענער בראָך. כ'האָב זיך אָפּגעגעבן מיט אַלעמען אַרום און געטרייסט יעדן אויף אַן אַנדערן אופן. עפּעס האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז מען דאַרף זיך באַהאַלטן; האָב איך אַלעמען געראָטן, דאָס צו טאָן און נישט צושטעלן זיך קיין מאלין.

אין מיין שטוב איז שטענדיק געווען אַ גערודער און שטענדיק איז זי געווען געפּראָפּט מיט מענטשן. חברים האָבן דאָ אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען; סתם יידן זענען געקומען דערוויסן זיך עפּעס נייעס, זיך האַלטן אַן עצה, אויסגעפינען וועגן קריגן הילף. אונדזער שטוב איז געווען אָפן פאַר

אַלע יידן פון דער סאָן־זשילער געגנט — און ס'איז געווען זייער פּאַר־שטענדלעך: ערשטנס, איז אין דער סביבה נישט געווען קיין געזעלשאַפט־לעכער לאָקאַל, ווו מען זאָל זיך מעגן צונויפקומען, צווייטנס — זענען אַלע מיינע קינדער, פונעם עלטסטן ביזן יונגסטן, געווען אין יענער צייט פּאָלי־טיש און געזעלשאַפטלעך אַקטיוו; איטלעכער פון זיי האָט געהאַט זיינע

ראַשעל טאַבאַקמאַן
אומגעקומען אין אוישוויץ, אין עלטער פון 16 יאָר

אויפגאַבן און אַלע אין איינעם האָבן זיך אונטערגעוואָרפן דער פּאַרטיי־דיסציפּלין, און דאָס האָט געמיינט — זיך אָפּגעבן אין גאַנצן דעם יידישן יישוב; דריטנס, איז מיין יונגסטע טאָכטער, ראַשעל — געווען די איינציקע געהילפין ביים סעקרעטאַר ראַדקעל אין דער דעמאָלט נאָך עקזיסטירנדי־קער געמיינדע. אין יענע טעג האָט די געמיינדע נאָך געהאַט פאַרבינדונגען

מיטן יודנראַט און יעדן פאַרנאַכט פלעגט מיין טאָכטער, ראשעל, ברענגען אַהיים די קאָפּיע פון דער רשימה מיט נעמען און אַדרעסן פון די יעניקע, וועמען מען האָט אויפגעפאָדערט צושטעלן זיך קיין מאלין. יידן האָבן גע־ ווּוּסט דערוועגן און זענען געקומען אויסגעפינען, צי זענען זיי אויף דער רשימה. דאָס אַלץ אין איינעם האָט גורם געווען, אַז אונדזער שטוב זאָל יעדן דינען מיט עפּעס און זי איז שטענדיק געווען פול מיט מענטשן.

*

דער יודנראַט איז מיט דער צייט געוואָרן די רעכטע האַנט פון דער געסטאַפּאָ: האָט אויסגעפירט אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט אַלע אירע באַפעלן, געטריי געאַרבעט ביים אַרויסשיקן אירע פאַראָרדענונגען, געדראָט דער באַפעלקערונג מיט רעפּרעסיעס פון דער געסטאַפּאָ און קיינמאָל נישט אַנטקעגנגעשטעלט זיך און געזאָגט: שוין גענוג קרבנות געגעבן!...

טאָג־טעגלעך האָט מען געבראַכט רשימות פון דער געסטאַפּאָ און כסדר געשיקט יוגנטלעכע פאַנאַנדערצוטראָגן באַפעלן אויף די אָנגעגעבענע אַדרעסן. עס האָט נישט געהאָלפן דער סאַבאָטאַזש־אַקט פון פאַרברענען זייער ביוראָ מיט די אַלע רעגיסטראַציעס; ס'האָט נישט געהאָלפן, וואָס די פּאַרטיי־פירער און אומלעגאַלע פרעסע האָבן געפאָדערט אָפּצושטעלן און סאַבאָטירן די אַרבעט. די געסטאַפּאָ אַליין האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ געטרייער מיטאַרבעט פון די יודנראַטלער, אַ דאַנק וועלכער זיי זאָלן קאָנען יעדן פאַרטאָג אַרויסשיקן אין די טויטנלאַגערן קיין דייטשלאַנד טראַנספּאָרטן פון טויזנטער יידן.

אויך איך האָב אין איינעם שיינעם פרימאָרגן דערהאַלטן אַזאַ „איינלאַ־ דונג" דורך פּאָסט, צוצושטעלן זיך מיט דער גאַנצער משפחה קיין מאלין. ווייזט אויס, אַז צו מיר האָבן זיי מורא געהאַט שיקן אַ שליח אין שטוב אַריין, האָט מען זיך אַרויסגעהאָלפן מיט דער פּאָסט.

פון דער דאָזיקער מודעה בין איך אין גאַנצן אויפגעטרייסלט געוואָרן און צו דער אַלגעמיינער ביטערער שטימונג איז צוגעקומען די פּאַניק פון מיין משפחה. איך האָב זיך בּאַראַטן מיט מיין עלטסטן זון, מאיר, און מיט

חברים; עס איז געבליבן, אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן די דירה און זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן. דאָך האָב איך באַשלאָסן, זיך פריער באַראַטן מיט דעם סעקרעטאַר פון דער געמיינדע.

מיט מיין זון, מאיר, בין איך אַוועק צו פריינד ראדקעל. ווען כ׳האָב אים באַוויזן די מעלדונג, וואָס כ׳האָב באַקומען, איז ער געבליבן, ווי פון אַ דונער געטראָפן. ער האָט צו זיך אַליין געמורמלט: „אויך צו אַזעלכע נעמען זיי זיך, זיי ווילן פטור ווערן פון אונדז אַלע״. און צו מיר האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— „קומט, פריינד טאַבאַקמאַן!״.

איך האָב קיין אַנונג נישט געהאַט, וואָס ער וויל טאָן. מיר זענען צוגעפאָרן אויף קעי דע קאמערס, צו דער א. זש. בע. שוין ביים ארייננגאַנג האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף מענגעס רעזיגנירטע, פאַרצווייפלטע מענטשן. דער טומל און די בהלה איז געווען זייער גרויס. דערזעענדיק אונדז, האָבן עטלעכע פרויען און מענער געפרעגט:

— „אויך אייך האָט דאָס אומגליק געטראָפן?״

איך ענטפער זיי צוריק מיט אַ פראַגע:

— מיט וואָס בין איך בעסער פון אייך?

איך הער ווי הינטער מיינע פלייצעס זאָגט איינער:

— „האָט נישט קיין מורא, ז י י וועט מען באַפרייען!״

איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין.

פריינד ראטקעל איז אַרויף מיט אונדז אין ביוראָ און אַריין אין דער ערשטער טיר.

דאָרט — אַן אַנדער מין געטומל און קלאַפעריי פון צענדליקער שרייב־מאַשינקעס, ווי אין דעם גרעסטן רעגירונגס־אַמט. אַלע אָנגע־שטעלטע זיצן אַזוי ערנסט פאַרטיפט אין דער אַרבעט, גלייך זיי וואָלטן געטאָן דאָס אַלץ — צו ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק און נישט עס — אומצוברענגען. אַ געקלאַפעריי פון טירן אַריין און אַרויס; פרויען וויינען, מענער שרייען.

פריינד ראטקעל פירט אונדז אריין אין אַ זייטיקן צימער און אַליין

פאַרשווינדט ער. מיין זון נוצט אויס זיין אָפּוועזנהייט און גיט מיר אַ זאָג:
— „צי וואָלט נישט גלייכער געווען וואַרפן אַ באָמבע אויף דעם דאָזיקן הויז און מאַכן אַ סוף צו דעם געזינדל?״.

אין צווישן איז אָנגעקומען פריינד ראטקעל מיט דעם פאַראַנטוואָרט־לעכן פונעם יודנראַט פאַר דער געסטאַפּאָ — האלצינגער.

ראטקעל נעמט ביי מיר די „איינלאַדונג״, ווייזט איר האלצינגערן און זאָגט צו אים: — „וואָס ווילסטו פון די מענטשן? נעמסט זיך שוין אויך צו זיי? איך וויל, דו זאָלסט זיי באַפרייען. וואָס ווילסטו פון דער קליינער ראשעל?״ —

האלצינגער איז געשטאַנען אַ ווײַלע ווי צעמישט, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— „דו זעסט דאָך, אַז די אויפפאָדערונג איז פון געסטאַפּאָ אַליין געשיקט געוואָרן דורך פּאָסט! איך וועל זיך באַמיען, אַז נישט די גאַנצע פאַמיליע זאָל זיך דאַרפן צושטעלן. אָבער צוויי מיטגלידער פון דער משפּחה וועלן מוזן גיין.״ — דערביי האָט ער פאַרזיכערט מיט זיין ערן־וואָרט, אַז דאָס איז נישט קיין דעפּאָרטאַציע, נאָר צוואַנגס־אַרבעט.

זיין פאַרזיכערונג האָט אונדז אין גאַנצן צעטומלט און מיר זענען אַרויס פון דער א. זש. בע. אָן לשון. אויך פריינד ראטקעל איז אַוועק, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט צו אונדז, ווי איינער זאָגט: גלייבט אים יאָ און גלייבט אים נישט, טוט, ווי איר פאַרשטייט!.

דעם גאַנצן וועג אַהיים האָב איך נישט אויסגערעדט אַ וואָרט מיט מיין זון. אין שטוב האָט די גאַנצע משפּחה געוואַרט אויף אונדזער צוריק־קומען. ווען מיר האָבן איבערגעחזרט די ווערטער פון האלצינגער, האָבן מיינע יונגסטע צוויי זין — יצחק און חיים — זיך געוואָרפן צו מיר מיט אַ געבעט: — „פּאַפּאַ, לאָז אונדז; מיר ווילן ראַטעווען אונדזער פאַמיליע, מיר ווילן נישט ברענגען דערצו, זיי זאָלן אומברענגען אונדזער היים. מיר קאָנען אַרבעטן, מיר וועלן אויסהאַלטן און קומען צוריק. די גאַנצע יוגנט פון בריסעל שטעלט זיך צו״.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אַ דאַנק דעם פאַרברעכערישן רעי־קאָמאַנדיר־בריוו, אונטערגעשריבן פון דעם ראַבינער אולמאַן, איז אַריינ־

געבראַכט געוואָרן אַ צעמישעניש אין דעם יידישן יישוב. אפשר שיקט מען טאָקע אויף אַרבעט?

און דער בריוו פונעם יודנראַט האָט דאָך געסטראַשעט: אויב די אויפגעפאָדערטע וועלן נישט קומען, וועט מען כאַפּן די עלטערן. די יידישע יוגנט האָט געוואָלט ראַטעווען זייערע היימען, געוואָלט מיט זיך אויסלייזן די עלטערן. אויסגעשטאַט מיט די בעסטע זאַכן וואָס מעגלעך אין די וואַליזעס און מיט אָנגעפּולטע רוקזעק אויף די פּלייצעס, איז דאָס יונג־וואַרג געלאָפן איבער די בריסעלער גאַסן צו די טראַמווייען, וואָס האָבן זיי געפירט קיין מאלין. די געוויינען און געשרייעןביים געזעגענען זיך קלינגען מיר נאָך איצט אין די אויערן. די קינדער האָבן געטרייסט די עלטערן, געבעטן זיך נישט צו זאָרגן. — „מיר וועלן צוריקקומען!" — זענען געווען זייערע לעצטע ווערטער.

דער ווילן צו לויפן, בכדי אויסצומיידן צרות פאַר דער משפחה, איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיין שום זאַך האָט נישט געקאָנט אָפּהאַלטן. עס האָבן נישט געהאָלפן די אויפרופן, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן קעגן דעם יודנראַט און קעגן דעם עקלדיקן רעקאָמאַנדאַציע־בריוו זייערן: די אויפרופן האָבן געוואָרנט די באַפעלקערונג און די יוגנט, נישט צו האָבן קיין צוטרוי צו דעם בריוו און צו די אונטערשריפטן פון די פאַרברעכער; געוואָרנט, אַז דאָס איז יאָ דעפּאָרטאַציע און אומקום, און דעריבער זאָל מען זיך נישט צושטעלן, נאָר אַנטקעגנשטעלן, אָדער, לכל הפחות, זיך אויסבאַהאַלטן. עס האָט אָבער אַלץ נישט געהאָלפן: מען איז געלאָפן אין די טויזנטער, און טויזנטער...

בלויז איינצלנע האָבן געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז מען לויפט אַנטקעגן עפּעס אַ באַרבאַריזם, וואָס האָט נישט זיין גלייכן. מען האָט זיך פאַרגעשטעלט שווערע אַרבעט, הונגער, קלעפּ, פּייניקונגען און דערנידערונג. מען האָט געדענקט די דייטשן פון די צייטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווער האָט אָבער געקאָנט טראַכטן, אַז עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מאָ־דערנער, טעכנישער אַפּאַראַט אויף צו פאַרגאַזן, פאַרברענען מענטשן?, וועמען האָט געקאָנט איינפאַלן, אַז מען פאַרפּייניקט און מען צעשיסט מענטשן אין די מיליאָנען אָדער, אַז מען באַגראָבט זיי לעבעדיקערהייט?...

איך אַליין און מיינע עלטערע זין זענען געווען ווי צעמישט. איך האָב זיך געפינען צווישן אַלערליי פייערן. כאָטש אַלע האָבן געוווּסט, אַז איך בין די גאַנצע צייט קעגן דעם, מען זאָל זיך צושטעלן, האָבן זיך פּאַרט אָפּגעזוכט אַזעלכע, וואָס הינטער מיינע פּלייצעס האָבן זיי געמורמלט, אַז מיינע קינדער וועט מען באַפרייען, אַז איך וועל זיי אויסבאַהאַלטן, אַז — „טאַבאַקמאַן וועט שוין באַוואָרענען זיינע קינדער".

וועלנדיק אויסמיידן אַזוינע רייד, האָב איך געטראַכט: אפשר זאָלן זיי טאַקע אויך גיין? צוריקגעשמועסט: פאַרוואָס עפּעס זאָל איך זיין אַן אויסנאַם. אויב כ׳בין אַ פּאַרטיי־פאַרשטייער, אַ כלל־טוער, דאַרף איך דאָך אוודאי טיילן דעם גורל פון אַלעמען: אַלע יוגנטלעכע שטעלן זיך צו, טאָ פאַרוואָס נישט אויך מיינע קינדער?.

גלייכצייטיק האָט אַ פייער געברענט אין מיר: פאַרוואָס זאָל איך מפקיר זיין מיינע צוויי זין, אויב דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז מ׳דאַרף זיך באַהאַלטן? טאָמער וועלן זיי דאַרטן נישט אויסהאַלטן? דערצו האָט מיין פרוי געהאַלטן אין איין וויינען און געהאַט אַ גערעכטע טענה: — „מיר אַליין זאָלן אַוועקשיקן אַזעלכע צוויי שיינע, געראָטענע קינדער צו היטלערן?!.

אַלץ אין איינעם האָט אויף מיר אַזוי געווירקט, אַז כ׳בין געווען ווי פאַרשטאַרט. איך ווייס נישט וויאַזוי דאָס איז געשען — צי מ י ט מיין הסכמה, צי אָ ן מיין הסכמה, נאָר אין אַ וויסטן פרימאָרגן, צווישן צענדליקער יוגנטלעכע מיט פּלעצאַקעס אויף די רוקנס, האָבן אויך אונדזערע קינדער מאַרשירט אויף דער גאַס עמיל פעראן, ווו איך האָב געוווינט, צום טראַמווייַ, וואָס פירט קיין מאַלין... עס זענען נאָכגעגאַנגען עלטערן, שוועסטער און ברידער; מען האָט זיך געזעגנט און געווּנטשן, זיי זאָלן באַלד קומען צוריק.

אין גאַנצן אַ צעמישטער, האָב איך זיך אויך נאָכגעשלעפּט און געהערט, ווי מיינע קינדער געזעגענען זיך מיט מיר און טרייסטן מיך:

— „פּאַפּאַ, זאָרג נישט: מיר פאָרן אַרבעטן און מיר וועלן באַלד צוריקקומען; מירן דיר שרייבן גאָר גיך...

און אַזוי זענען זיי אַוועק פון אונדז ביז אויף הייַנטיקן טאָג...

ישראל טאַבאַקמאַן

דער קאמף פון די פראלעטאריישע פארטייען

וואָס געטרייער און טיכטיקער די א. זש. בעניקעס האָבן אויסגע־
פירט די אַרבעט פון דער געסטאַפּאָ, אַלץ מערער האָט זיך געשטאַרקט אויך



חיים טאַבאַקמאַן
אומגעקומען אין אוישוויץ אין עלטער פון 14 יאָר

דער אונטערגרונד פון די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען און זייער סאַבאָטאַזש־אַרבעט. איך מוז דערביי אונטערשטרייכן, אַז די לאַגע פון די יידישע קאָמוניסטן איז געווען אַ סך גרינגער, ווי פון די לינקע „פּועלי ציון". די יידישע קאָמוניסטן, ווי אַ טייל פון דער בעלגישער לאַנד־פּאַרטיי, האָבן נישט געדאַרפט זאָרגן פאַר קיין מענטשן־מאַטעריאַל און נישט פאַר געווער.



יצחק טאַבאַקמאַן
אומגעקומען אין אוישוויץ

אַנדערש איז געווען מיט די לינקע „פּועלי ציון": נישט געקוקט אויף די כסדרדיקע אונטערהאַנדלונגען מיט דער בעלגישער אונטערגרונד־באַוועגונג, האָט מען זי פאַרט נישט געוואָלט אָנערקענען ווי אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזירטע גרופּע; אַזוי, אַז פירנדיק אין אייגענע ראַמען אַ זעלבשטענדיקע אונטערערדישע פּאַרטיזאַנער־אַרבעט, איז מען אין דעם געראַנגל מיט דער היטלער־בעסטיע געווען אָנגעוויזן אויף זיך אַליין. דורך פּריוואַטע חברישע קאָנטאַקטן האָט מען געדאַרפט זיך פאַרשאַפן געווער און אויך אינסטרוקטאָרן אויף אויסצושולן חברים פאַר סאַבאָטאַזש־אַקטן; אַליין

אויסגעפינען אונטערערדישע דירות אויף אויסבאַהאַלטן חברים און סתם משפחות, וואָס האָבן זיך נישט צוגעשטעלט קיין מאלין. ס'איז אויסגעקומען אַליין צו פאַרשאַפן פינאַנסן, כדי אויסצוהאַלטן יענע חברים און משפחות, וואָס האָבן זייער לעבן אַוועקגעגעבן פאַרן כלל: אַרומגעלאָפן אויסטיילן הילף, געאַרבעט ביי דער צייטונג, פאַרשפּרייט די צייטונג, געקלעפּט אויפרופן. ווי ווייט מעגלעך, האָט מען געמוזט שאַפן פאַר זיי אויך באַשעפטיקונג, בכדי אויף דעם אופן צו „דעקן" די דאָזיקע חברים, וואָרעם אָן דעם וואָלטן זיי נישט געקאָנט באַוועגן זיך אויף די גאַסן און טאָן די נייטיקע אַרבעט. אַ גרויסע און וויכטיקע אַרבעט איז געווען דאָס אויסבאַהאַלטן קינדער אין בעלגישע אינסטיטוציעס. בקיצור — קיין אויפגאַבן האָבן בכלל נישט געפעלט און ביים דערפילן די מינדסטע, האָט מען געשפּילט מיטן לעבן.

דער ערשטער וויכטיקער אויפטו פון די לינקע „פּועלי ציון" איז געווען דאָס אָרגאַניזירן אַלע חברים און חברטעס צו מיליטערישער דיסציפּלין. קיינער האָט נישט געטאָרט אַרויספאָרן, אָדער אויסבאַהאַלטן זיך אָן דעם וויסן פונעם פּאַרטיי־קאָמיטעט. אויף אַזאַ אופן איז די גאַנצע מיטגליידערשאַפט מאָביליזירט געוואָרן קעגן דער היטלער־מאַכט. אין דער ערשטער ריי איז דער קאַמף געצילט געוואָרן קעגן די יודנראַטלער, וואָס האָבן מיט אַזויפיל פלייס געאַרבעט ביים אויסליפערן די טויזנטער יידן צו דער געסטאַפּאָ. האַלצינגער האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט ביים ברענגען די רשימות פון געסטאַפּאָ, אַריינגעצויגן די יוגנטלעכע אין דער מיטאַרבעט און גורם געווען דאָס אַוועקשיקן אין די טויטנלאַגערן יעדן טאָג טראַנספּאָרטן פון מענער און פרויען, זקנים און קינדער. אָט דער יודנראַטלער איז אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערשאָסן געוואָרן און געקראָגן אַזוי אַרום זיין פאַרדינטע שטראָף.

דער קאַמף קעגן די יידישע ווערסטל־מאַכער

ווי כ'האָב שוין דערמאָנט פריער, האָבן זיך יידן גענומען אויסאַרבעטן פאַר דעם דייטשן אָקופּאַנט פוטערנע וועסטן, היטלען און פאַרשידענע

אַנדערע זאַכן. נישט געקוקט אויף דער בהלה און פאַרצווייפלונג, וואָס האָבן באַהערשט דאָס יידישע לעבן, נישט געקוקט אויף די אַרויסשיקונגען אין די טויטלאַגערן, האָבן זיך יידן געכאַפּט אַרבעטן פאַרן דייטש; מיט חוצפּה און אָן שאַנד האָט מען געעפנט פאַבריקן אין יידישן פּערטל, גע־ווירקט אויף יידישע אַרבעטער, זיי זאָלן זיך באַשעפטיקן, באשר אַזוי אַרום וועלן זיי זיין געדעקט און דערצו גוט פאַרדינען. הונדערטער אַרבעטער זענען געשטאַנען פאַר דעם נסיון: צי זאָלן זיי זיך באַהאַלטן און אויסגיין פון הונגער אין די באַהעלטענישן, אָדער — גיין אַרבעטן פאַר די דייטשן און זיין געדעקט?.

דאָ האָט מיטגעווירקט אַ זייער טראַגישער פאַקט:

צום באַדויערן זענען געווען פאַלן, אַז בונדיסטן האָבן זיך געכאַפּט צו דער דאָזיקער אַרבעט, פאַרפירט פון זייער באַרעכטיקטער פאַרביטער־רונג צוליב דעם סטאַלין־היטלער פאַקט. די דאָזיקע דערשייַנונג האָט אָפּגעשוואַכט דעם ווידערשטאַנד צווישן סתם יידן, וואָס האָבן אין דעם פאַקט געפונען אַ הכשר אויך פאַר זיך.

אויף דעם געביט האָט די ווידערשטאַנד־באַוועגונג געפירט אַ העפּ־טיקן קאַמף, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. אויפן טראָטואַר, פאַר די טירן פון די וועסטל־מאַכער, האָט מען יעדן פרימאָרגן געקאָנט לייענען אויפשריפטן, אויסגעמאָלן מיט אַזאַ פאַרב, וואָס ס׳איז שווער אָפּצוואַשן; די אויפשריפטן האָבן צו וויסן געטאָן, אַז דאָ וווינט דער און דער פאַררעטער, וועמען עס ווערט געדראָט מיט נקמה. אויסער דעם האָט מען זיי געשיקט בריוו, אין וועלכע זיי זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן נישט צו אַרבעטן פאַר דעם דייטשן מיליטער. מ׳האָט זיי געוואָרנט, אַז זיי וועלן באַקומען זייער שטראָף. פון צייט צו צייט זענען אויך דערשינען אויפרופן צו דער באַפעלקערונג מיט אַ שוואַרצער ליסטע פון יענע, וואָס אַרבעטן פאַרן אָקופּאַנט. גלייכצייטיק האָט די אָרגאַניזאַציע „קעגנזייטיקע הילף" גענומען אויף זיך דעם עול אויסצוהאַלטן די משפחות פון אַרבעטער, וואָס די נויט האָט זיי געקענט באַוועגן צו אַזאַ מין אַרבעט. מען האָט פאַר זיי געדונגען קאָנספּיראַטיווע וווינונגען, און אַ דאַנק דער הילף, וואָס זיי האָבן באַקומען, האָבן צענדליקער פאַמיליעס אויסגעמיטן יענעם שענדלעכן וועג.

סוף כל סוף איז אויך דערשאָסן געוואָרן איינער פון די טיכטיקסטע וועסטלמאַכער — וויטלסאָן: שטייענדיק אויף דער שוועל פון זיין הויז, אויף דער גאַס זשאָזעף קלאַס — האָט ער באַקומען זיין פסק. דער אויס־פירער פון אָט דעם פסק איז אויף אַ וועליסאָפּעד דורכגעפאָרן רויק די גאַס און קיינער פון דער באַפעלקערונג האָט אים נישט געשטערט צו אַנטלויפן.

אַזוי זענען אָפּגעראַמט געוואָרן צוויי פאַרעטער — האַלצינגער און וויטלסאָן.

די רעאָרגאַניזאַציע פון געסטאַפּאָ און פון דער יידישער אונטערגרונד-באַוועגונג

דאָס אָפּראַמען די צוויי פאַרעטער אין בריסעל האָט געבראַכט צו אַן איבערקערעניש אין אַלע יידישע קרייזן פון בעלגיע. די יידישע באַפעלקע־רונג איז געווען שטאַרק און צופרידן, וואָס מ׳האָט זיך אָפּגערעכנט מיט די פאַרברעכער; גלייכצייטיק אָבער האָט מען געלעבט אין שרעק פאַר די רעפּרעסיעס, וואָס די דייטשן וועלן אָננעמען. די רעפּרעסיעס האָבן טאַקע נישט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן.

די יודנראַטלער זענען אין גאַנצן צעטומלט געוואָרן. די יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיי געדינט, ווי געטרייע און טיכטיקע אַגענטן, זענען זיך אַלע צעלאָפן. איינער פון די אָפּיציעלע א. זש. בעניקעס האָט זיך אויסבאַהאַלטן. און באַלד איז געקומען דער באַפעל פון געסטאַפּאָ, דער יודנראַט זאָל זיך רעאָרגאַניזירן. מען האָט אים צוגענומען דאָס רעכט פון אַרויסשיקן „איינ־לאַדונגען" צו דער יידישער באַפעלקערונג אויף געשיקט צו ווערן קיין דייטשלאַנד. יידן האָבן זיך שוין בכלל נישט אַזוי גערן צוגעשטעלט, ווייל מען האָט איינגעזען, אַז ס׳איז נישט אַזוי גלאַטיק מיט די טראַנספּאָרטן. די דייטשן אַליין האָבן זיך אויך דעמאַסקירט, ווען אַרומרינגלענדיק די

אַרבעטס־פּלעצער פון „עזרה״ און פון דער הכשרה, האָבן זיי פאַרכאַפּט גאַנצע גרופּן אַרבעטער און אָפּגעשיקט קיין מאלין. זינט דעמאָלט האָט מען זיך אויפגעהערט צו באַנוצן מיט „דעק״־אַרבעט און די חברים פון לינקע „פּועלי ציון״ האָבן זיך אָפּגעטראָגן פון אקעגאם, איבערלאָזנדיק דאָרט אַלע מכשירים.

די געסטאַפּאָ־לייט, זעענדיק אַז זייערע מעשים זענען דעמאַסקירט און די באַפעלקערונג ווייסט שוין, וואָס עס באַטייט דאָס שיקן טראַנספּאָרטן קיין דייטשלאַנד, האָבן אַליין איבערגענומען דאָס ברענגען יידן קיין מאלין און דערביי אָנגעוואָנדן די ווילדע מעטאָדן פון כאַפּן יידן אויף די גאַסן, דורכפירן אַבלאַוועס ביינאַכט אויף גאַנצע יידישע קוואַרטאַלן. אין דעם האָבן זיי געהאַט די הילף פון יידישע מוסרים. דער געפערלעכסטער איז געווען אַ פאַרשוין פון דער אונטערוועלט מיטן נאָמען ז ש אַ ק. דאָס איז געווען דער געשיקטסטער שפּירהונט פון דער געסטאַפּאָ. מען האָט געמאַכט אויף אים דריי אַטענטאַטן, עס האָט געקאָסט דאָס לעבן פון עטלעכע יונגעלייט, אָבער ער האָט זיך יעדעס מאָל אַרויסגעדרייט און געאַרבעט אַזוי ביזן סוף.

די יודנראַטלער האָבן גענומען אויף זיך די אָנפירונג פון ווירטשאַפטלעכער פאַרזאָרגונג אינערהאַלב דער יידישער באַפעלקערונג. פריער פון אַלץ האָט מען פאַרזאָרגט מאלין מיט אַלע ס.ס.׳ניקעס — די זעלביקע ס.ס.׳ניקעס, וואָס האָבן געפייניקט די געכאַפּטע מענער און פרויען, קינדער און אַלטע לייט אַזוי לאַנג, ווי די קרבנות האָבן זיך געפונען אין זייער רשות. באַנאַנד מיט די ווילדע ס.ס.׳ניקעס האָט מען געמוזט אויסהאַלטן זייערע הוליאַנקעס און זייערע זונות... ס׳האָט אויך געהייסן, אַז מען האַלט אויס דעם יידישן יישוב מיט די רעליגיעזע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

אַזוי זענען די יודנראַטלער געוואָרן די גאַנצע באַלעבאַטים פון יידישן יישוב. זיי האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אין איינעם פון די גרעסטע הייזער אויף בולוואַר דע אנוערס, זיך דאָרט איינגעאָרדנט און צעטיילט צווישן זיך די „מלוכה״. די איבערגרופּירונג אינעם יודנראַט איז פאַר־

געקומען אויף אַזאַ אופן: דער צענטראַל־ראַט איז איצט באַשטאַנען פון דייטשע „יאַהודים" און אין די לאָקאַלע קאָמיטעטן זענען געווען פאַר־טראָטן בעלגישע „יאַהודים". מיט דער געסטאַפּאָ זענען טאָג־טעגלעך געשטאַנען אין קאָנטאַקט די באַקאַנטע דריי „יאַהודים": ראָזענפעלד, הערץ און בערלין. ביים אויספירן די פּראַקטישע אַרבעט האָבן זיי מיטגעהאָלפן די בעלגישע „יאַהודים": בלום, דארף, לאזאר, וואנדענבערג, אולמאן און אויך אַנדערע פון דער פּראָווינץ.

נאָך דעם, ווי די געסטאַפּאָ האָט צוגענומען און דעפּאָרטירט דעם געמיינדע־סעקרעטאַר, פריינד ראטקעל, איז די גאַנצע געמיינדע פאַר־שוווּנדן; יעדער האָט שוין געמוזט אויף אייגענער האַנט זיך געבן אַן עצה, ווי נאָר ער האָט געקאָנט.

היות דאָס כאַפּן יידן אין זייערע שטיבער און אויף די גאַסן האָט אָנגעהאַלטן אָן אויפהער, און ס'איז אוממעגלעך געוואָרן דאָס באַוועגן זיך אויף דער פריי, האָבן די יידישע אָרגאַניזאַציעס געמוזט אַזוי איינאָרדענען זייער אַרבעט, אַז מען זאָל זיך נישט וואַרפן דעם שונא אין די אויגן. אַזוי איז געקומען אַ צייט, ווען צוליב די אַלץ וואַקסנדיקע רעפּרעסיעס פון דער געסטאַפּאָ, זענען די פּאַרטייען געווען געצוווּנגען צו רעאָרגאַניזירן זייער טעטיקייט.

ווען ס'איז שוין בכלל נישט מעגלעך געווען צונויפצוקומען זיך אין אַ גרעסערער צאָל, האָבן די לינקע „פּועלי ציון" אָרגאַניזירט זייערע חברים אין פינפטלעך; יעדעס פינפטל האָט געהאַט זיין אָנפירער און זיין געביט פון אַרבעט, ווי: פינאַנסן, דירות, פּרעסע, געווער; שאַפן אינסטרוקטאָרן אויף אויסצושולן פינפטלעך פאַר סאַבאָטאַזש־אַקטן, פון צייט צו צייט אָרגאַניזירן פאַרזאַמלונגען אין די וועלדער, קאָנטאַקט מיט דער בעלגישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, קאָנטאַקט מיט דער יוגנט, קאָנטאַקט מיט דער פּראָווינץ.

אַ גרעסערער גרופּע חברטעס — מיט דער חברטע ש פ ר ה ו ע ר־ב ע ר אין דער אָנפירערשאַפט — איז אָנפאַרטרויט געוואָרן די קינדער־פאַרזאָרגונג. דאָס איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע אַרבעטס־געביטן;

אויסצוהאַלטן קינדער אין די הונדערטער און הונדערטער. צו ראַטעווען קינדער איז אויך געווען טעטיק אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע ביים נאַציאָנאַלן פּאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט, ווו ס׳איז אויך געווען טעטיק פרוי פּ ע ל י א פּ ע ר ל מ אַ ן (פון יענער אָרגאַניזאַציע איז מיר דעמאָלט באַקאַנט געווען

אַבוש ווערבער
פירער פון דער פועלי־ציון אונטערגרונט־באַוועגונג אין בעלגיע, היינט אין ישראל

בלויז דער איינער נאָמען). אין כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט איר זענען געשטאַ־
נען די שוין דערמאנטע שפרה ווערבער און חברטע פ א ל י נ ע ט ר אָ צ ק י.
האָבנדיק פאַרבינדונגען מיט אָנגעזעענע בעלגיער פון דער רעזיסטאַנץ־

ש פ ר ה ו ו ע ר ב ע ר

טעטיק ביי קינדער־פאַרזאָרגונג אין דער אונטערגרונט, הײַנט אין ישראל



N° 945

Nom
Naam
Name
TABAKMAN

Prénom
Voornaam
Vorname
Srol

Domicilié à
Wonende te
Wohnhaft in
Bruxelles

Rue No
Str. Nr
140, rue E. Féron

Signature
Handteeken
Unterschrift

ישראל טאַבאַקמאַן

אידענטיטעט־קאַרטע, אַרויסגעגעבן פאַר די מיטגלידער פון דער קהלה

Association des Juifs en Belgique

Fondée en vertu de l'Ordonnance de l'Autorité Occupante, du 25-11-41, Verordnungsblatt page 799

Jodenvereeniging in België

Opgericht ingevolge de Verordening van de Bezettende Overheid van 25-11-41, Verordnungsblatt Bz. 799.

Vereinigung der Juden in Belgien

Gegründet infolge der Verordnung des Militärbefehlshabers für Belgien und Nordfrankreich vom 25-11-41, Verordnung [illegible] 799.

SIEGE : ZETEL : SITZ :

QUAI DU COMMERCE, 18, HANDELSKAAI

BRUXELLES — BRUSSEL

CERTIFICAT D'EMPLOI

ARBEIDSBEWIJS

ARBEITSBESCHEINIGUNG

Le présent certificat reste la propriété du Comité Directeur de l'A.J.B. et devra lui être restitué à la première demande.

Dit arbeidsbewijs blijft het eigendom van het Hoofdbestuur van de J.V.B. en moet op eerste aanvraag teruggegeven worden.

Diese Arbeitsbescheinigung bleibt das Eigentum des Vorstandes der V.J.B. und muss auf die erste Anforderung zurückgegeben werden.

יידישע קינדער, אויסבאַהאַלטן דורך קריסטן אין אַ יתומים־הויז אין דער געגנט פון בריסל.
אין ווייסע מענטעלעך: גאַבי און מנחם — אייניקלעך פון ישראל טאַבאַקמאַן

ג אַ ב י (אויבן)

מ נ ח ם (אונטן)

היינט אין ישראל

באַוועגונג, האָבן זיי זיך פאַרנומען אויך מיט שאַפן באַשעפטיקונג פאַר יידישע פרויען ביי בעלגישע פאַמיליעס, אָדער אין בעלגישע אינסטיטוציעס, און אַזוי אַרום אויסגעהיט די פרויען פון דער געסטאַפּאָ.

בראש פון די לינקע „פועלי ציון" איז געשטאַנען דער חבר אבוש ווערבער, וואָס איז אויך געווען אַ מיטגליד פון נאַציאָנאַלן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט. ער האָט קאָנטראָלירט די אַלע טעטיקייטן און געווען אין פאַרבינדונג מיט אַלע אָנפירנדיקע חברים.

די אַרבעט פון די לינקע „פועלי ציון" איז געוואָרן פּלאַנמעסיק איינגעטיילט און מיליטעריש דיסציפּלינירט; יעדער מיטגליד אירער איז גרייט געווען איינצושטעלן דאָס לעבן פאַר דעם יישוב.

ס'איז געווען אַ בפירושע סכנה געכאַפּט צו ווערן אַלס ייד אין גאַס און אין שטוב. דאָך האָב איך זיך געטראָפן טאָג־טעגלעך מיט חברים ביי דער אַרבעט: חבר אבוש — מיט אַן עכט יידישן אויסזען, האָט אין פאַרשידענע קאַפעען אָפּגעהאַלטן יעדן טאָג זיצונגען מיט אָנפירנדיקע חברים און באַוויזן זיך איבער די גאַסן. חבר מאיר טאַבאַקמאַן, אויך מיט אַ יידישן אויסזען — איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט די בעלגישע פאַרטיזאַנען און איז אויך טאָג־טעגלעך געווען אויף די גאַסן; (ער און אַ סך אַנדערע זענען שפּעטער דערשאָסן געוואָרן פאַר סאַבאָטאַזש־אַקטן), די חברים: זיסקינד ראבינאָוויטש (געשטאָרבן אין בריסעל), א. דאָמב, נחום פּאָמעראַנץ — איז שטענדיק אויסגעקומען צו באַוועגן זיך אויף די גאַסן, צוליב די וויכטיקע אויפגאַבן, וואָס די פּאַרטיי האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. אין די לאָקאַלן פון דער א. זש. בע. און אין פאַרשידענע אַנדערע געפערלעכע ערטער האָב איך אויך כסדר געטראָפן אַזעלכע חברים און חברטעס, ווי: מאניק קאנקאָווסקי, ריבא (רעדאקטאָר פון דער אומלעגאַלער צייטונג „אונדזער וואָרט"), פייגע און אליהו ווייסגלוס (באַשעפטיקט ביים דרוקן די צייטונג), שפרה ווערבער, מלכה פּאָמעראַנץ, מיינע קינדער — לייטשע, פרידע, לייבל און רייזל טאַבאַקמאַן (די לעצטע — מיין שנור), פייגע דאָמב, שרה באגלייטער און נאָך צענדליקער און צענדליקער, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן צו ראַטעווען אַנדערע.

איך אַליין בין צוגעטיילט געוואָרן צו דער סאָציאַלער הילפס־אָרגאַניזאַציע פון יידישן נאַציאָנאַלן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט, וואָס האָט געגעבן אונטערשטיצונג כמעט דעם גאַנצן יידישן יישוב. די ערשטע געלטער צום פאַרטיילן האָב איך באַקומען פון פּראָפעסאָר **חיים פערלמאַן** — זייער אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן. באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש זענען מיר געוואָרן נאָענט צווישן זיך, ווי מיר וואָלטן זיך שוין געקאָנט פון לאַנג. איך בין געווען פאַרוווּנדערט פון דעם גרויסן אינטערעס, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו די באַהאַלטענע יידן און ווי ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן, קומענדיק מיט גרויסע געלט־סומען אין די פאַרוואָרפנסטע ערטער. ער איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער „סאָלידאַריטעט" און אַנדערע, געפירט מיט זיך חשבונות און אַדרעסן. אויך איך האָב געהאַט 120 אַדרעסן פון אויסבאַהאַלטענע יידן; דאָס הייסט — כ'האָב באַזאָרגט הילף צו 120 פאַמיליעס, וואָס זענען געווען צעוואָרפן אין פאַרשידענע געגנטן אַרום בריסעל. אַלע חשבונות פלעג איך איבערגעבן צו פּראָפעסאָר חיים פערלמאַן. מיט אַ צייט שפּעטער בין איך אינפאָרמירט געוואָרן, אַז די שוין דערמאָנטע פעליא פערלמאַן איז זיין פרוי. כ'מוז זאָגן, אַז איך בין געווען גליקלעך, וואָס אין אַזעלכע ביטערע צייטן האָבן זיך געפונען אַנגעזעענע, גרויסמוטיקע מענטשן, גרייטע אויף אַלע קרבנות. אויף מיין אָנפראַגע צו פּראָפעסאָר חיים פערלמאַן, פון וואַנען ער נעמט אַזויפיל געלט פאַר דער גרויסער הילפסאַרבעט? האָט ער מיר געענטפערט, אַז עטלעכע רייכע יידן שפּענדן גרויסע געלט־סומען יעדן חודש פאַר דעם צוועק (זייערע נעמען האָט ער נישט דערמאָנט); ער האָט אויך קאָנטאַקט מיט דער שווייץ און אַ ביסל געלט רייסט מען אַרויס פון די יודנראַטלער...

אָט אַזוי איז אין דעם זומער פון יאָר 1942 פון איין זייט אָנגעגאַנגען די דעפּאָרטאַציע און אומקום פון דעם בעלגישן יידנטום און פון דער אַנדערער זייט — דער פאַרצווייפלטער געראַנגל צו ראַטעווען, וואָס עס לאָזט זיך, פון מבול...

די אבלאוועס

אין חודש יולי 1942, איז פאָרגעקומען די ערשטע מאַסן־אַבלאַווע פון געסטאַפּאָ. אין איין נאַכט, ווען די יידישע משפּחות זענען אַלע געווען אין זייערע וווינונגען (מען האָט נאָך אַלץ דעמאָלט געצווייפלט, צי זאָל מען

פּ ע ל י אַ

די פרוי פון לייבל טאַבאַקמאַן, אומגעקומען אין אוישוויץ

פאַרלאָזן די היימען און זיך באַהאַלטן), האָט אַן אָפּטיילונג פון ס.ס.־לייט מיט זייערע גרויסע וואָלף־הינט אַרומגערינגלט אַ גאַנצע רייע גאַסן אין ראַיאָן פון סאַן זשיל און באַפאַלן אַלע יידישע הייזער אין דער געגנט. עס

האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געיעג, באַגלייט פון זידלערייען און מערדערלעכע קלעפּ. יונג און אַלט זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון די שטיבער; קראַנקע, אַלטע פרויען, וואָס האָבן נישט געקאָנט גיין, האָט מען אַרויסגע־שלעפּט פון די בעטן און געוואָרפן זיי פון די טרעפּ, נישט שאַנעווענדיק אפילו קיין קינדער. מוראדיק זענען געווען די געשרייען און געוואַלדן, יאָמערלעך — דאָס קרעכצן פון קראַנקע און דער געוויין פון די קינדער. העלפן האָט מען דאָ גאָרנישט געקענט, די יעניקע, וואָס האָבן זיך אַנט־קעגנגעשטעלט, זענען געוואָרן מערדערלעך צעשלאָגן.

אויף דער גאַס זענען געשטאַנען גרייט וועגענער, וווהין מען האָט אַריינגעפּאַקט די מענטשן, אָפּגעפירט זיי און ווידער געקומען נאָך פרישן טראַנספּאָרט. ווער ס׳האָט איינגעשטעלט צו אַנטלויפן — האָבן אים די הינט געכאַפּט און צעביסן. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויף דעם אופן זענען אַרויסגעריסן געוואָרן ביז דריי טויזנט יידן, און זייערע הייזער מיט זייער האָב און גוטס זענען געבליבן הפקר פאַרן טייוול. אויף צו מאָרגנס זענען געקומען גאַנצע באַנדעס ס.ס.׳ניקעס און רעקסיסטן מיט וועגענער און אַלץ צוגערעאַבעוועט.

דערנאָך האָבן שוין אַלע יידן אָן אויסנאַם באַשלאָסן אַוועקצוגיין אין באַהעלטעניש, ווייל אַזעלכע מאַסן־אַבלאַוועס זענען כסדר פאָרגעקומען אין אַלע קוואַרטאַלן, ווו יידן האָבן געוווינט. חוץ דעם זענען ס.ס.־ניקעס מיט דעם מסור זשאַק, ווי די הינט־שלעגער אַרומגעפאָרן יעדן טאָג מיט קעטשלעך איבער די גאַסן און געיאָגט זיך נאָך יידן. מען האָט געלעבט אין טויט־שרעק; אין דעם אייגענעם הויז נישט געטאָרט זיין, און אויך אין די באַהאַלטענע שטיבער איז מען געזעסן פאַרציטערטע, מיט פּחד פאַר מסירה און אומאויפהערלעך געפלאָטערט, אַז אָט, אָט, קען קומען אַהער די געסטאַפּאָ. אַזוי זענען מיין זון, לייבל, מיט זיין פרוי, און מיין טאָכטער ראשעל, וואָס האָט געאַרבעט אין דער געמיינדע — געכאַפּט געוואָרן באַהאַלטענע אין אַ וווינונג. דאָס לעצטע קאַרטל, וואָס זיי האָבן אַראָפּגע־וואָרפן פון דער באַן, האָט מיטגעטיילט: „זאָרגט זיך נישט, ליבע עלטערן, מיר פאָרן אַרבעטן אין אַ צוקער־פאַבריק. מיר וועלן באַלד קומען״...

צוזאַמען מיט די זין יצחק און חיים, האָב איך שוין געהאַט פינף

קרבנות. מיין הארץ איז צעגאַנגען פון ווייטיק. איך האָב מורא געהאַט צו טראַכטן וועגן גורל פון מיינע קינדער און וועגן דעם גורל פון אַלע יידן, וואָס ווערן אַוועקגעשיקט, כלומרשט אויף אַרבעט... דערנאָך האָב איך אויך פאַרלאָזט מיין היים, וואָס איז אין עטלעכע טעג אַרום, ווי אַלע אַנדערע היימען צעראַבעוועט געוואָרן.

אַזוי האָט עס זיך געצויגן טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך און יאָר נאָך יאָר.

דער יודנראַט טוט ווייטער זיין ארבעט

אויף בולוואַר ד'אַנווערס 36 איז געווען לעבעדיק. ווי איך האָב שוין פריער דערציילט, האָט זיך דער יודנראַט איינגעטיילט מיט די פונקציעס; דער באַוווסטער הערץ האָט גענומען אויף זיך דאָס באַשפּייזן און באַקליידן מאַלין. פאַר דעם צוועק האָט ער פאַרנומען דעם אונטערשטן גרויסן זאַל אין דעם בנין, וווּ ס'האָט זיך געפונען דער יודנראַט. דאָרט איז געוואָרן איינגעאָרדנט אַ לאַנגער ביוראָ, ווי אין אַ באַנק. די משפחות פון געכאַפּטע קרבנות פלעגן ברענגען פּעקלעך פאַר זייערע קרובים. פון יענער זייט ביוראָ זענען געשטאַנען אַ גאַנצע ריי יידן, וואָס האָבן זיך געפאָרעט ביים צונעמען און קאָנטראָלירן די פּעקלעך. פאַרן פרייז פון זיך באַשעפטיקט ביי דער דאָזיקער אַרבעט האָבן אַזוינע יידן געצאָלט אין די צענדליקער טויזנטער פראַנקען אַ חודש. ווי אַלע אַנגעשטעלטע אין די אינסטיטוציעס פון א. זש. בע., זענען זיי געווען געשיצט דורך ספּעציעלע קאַרטן פון געסטאַפּאָ.

ביי דער טיר פון דעם יודנראַט־בנין, סיי אינעווייניק און סיי פון דרויסן, האָט שטענדיק געהערשט אַן אומרויקע שטימונג. אַלע מאָל האָט מען דאָרט געכאַפּט יידן, אָבער שטענדיק האָט מען אַהין געבראַכט פּעקלעך פאַר די קרובים אין מאַלין. געקומען איז מען נערוועזע און איבערגעשראָקענע: איבערגעלאָזט די שטוב מיט דער משפחה, און ווער קאָן וויסן, צי

וועט מען זיך נאָך צוריקקערן אַהיים ?. שוין אויפן וועג אַהינצו האָט מען געמוזט וואַרפן אויגן אין אַלע זייטן — צי פּאַרט נישט דאָס געסטאַפּאָ־קעטשל. קומענדיק אין יודנראַט, האָט יעדערער געוואָלט וואָס גיכער זיך אָפּפּאַרטיקן און גיין צוריק אַהיים. אָבער דאָ איז מען נישט געווען קיין בן־יחיד; דאָ האָט מען געטראָפן צענדליקער און צענדליקער מענטשן — פאַר דער טיר און אויף יענער זייט טיר. דער רעזשים ביים צונעמען די פּעקלעך איז געווען זייער אַ שטרענגער, ממש אַ געסטאַפּאָ־רעזשים: דאָ שטעל זיך און דאָרט דאַרפסטו נישט זיצן; נישט רעדן צו הויך און צופיל נישט פרעגן. און אויב שטעלסטו זיך אויף דאָס מינדסטע אַנטקעגן, מעגסטו זיין גרייט אַרויסגעוואָרפן אַז ווערן מיטן פּעקל אין איינעם.

אַ חוץ יענעם זאַל אין דעם יודנראַט־בנין, האָט הערץ געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע אַ גרויס הויז אויף בולוואר דע מידי 40, ווו ער האָט איינגעאָרדנט דעם הויפּט־מאַגאַזין פון אַלערליי סחורות און שפּייז. דאָרט איז געווען פון אַלעם גוטן: אָנהויבנדיק מיט כל מיני טעקסטיל־שטאָפן ביז פאַרטיקע קליידער, פון רוי־לעדער ביז גרייטע שיך, אויך עסנוואַרג פון פאַרשידענע מינים און סאָרטן. כ׳וועל נישט איבערטרייבן, אויב איך וועל זאָגן, אַז דאָרט האָבן זיך געפונען זאַפּאַסן אין ווערט פון מיליאָנען פראַנק.

מיטן אויסנאַם פון ווינציקע, נאָר באַגלייבטע מיטאַרבעטער פון אַט דעם הערץ, האָט קיינער נישט געקענט אַריינקומען אין דעם הויז אויף דע מידי 40. דערפאַר האָט מען נישט געקאָנט וויסן, וואָס דאָרט קומט פאָר. ער אַליין, הערץ, איז געווען דער איינקויפער און דאָס גאַנצע א. זש. בע־געזינדל איז רייך געוואָרן אויף דעם בלוטיקן חשבון פון יידישן חורבן. אין דעם הויז האָבן געאַרבעט אַ היפּש ביסל אָנגעשטעלטע. זייער אַרבעט איז באַשטאַנען אין צוגרייטן פּעקלעך פאַר משפּחות, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן און ס׳איז נישט געבליבן, ווער עס זאָל פאַר זיי זאָרגן, און פאַר אָרעמע משפּחות, וואָס זייערע קרובים אויף דער פרייַ, האָבן נישט געהאַט קיין שום געלט־מיטלען צו שיקן אַ פּעקל.

אַט אַזוי האָט זיך געשאַפן אין יידישן לעבן אַ נייע פונקציע — ביים שיקן די פּעקלעך. אַ צווייטע פונקציע האָבן גענומען פאַר זיך ראָזענפעלד און בערלין. זייער אויפגאַבע איז געווען צו באַפרייען געכאַפּטע יידן פון

קעלער, ווו זיי פלעגן געהאַלטן ווערן, ביז מען האָט זיי אָפּגעשיקט קיין מאַלין. אויך האָבן די צוויי יודנראַטלער געדאַרפט באַפרייען יידן פון מאַלין. דאָ האָבן זיי אָפּגעטאָן זייערע מיאוסע שטיק: אונטערן אויסרייד, אַז מען באַפרייט אַלטע און קראַנקע, פרויען און קינדער, האָט מען באַרפייט סתם רייכע יידן און געגומען פון זיי שווערע סומען געלט.

ראָזענפעלד און בערלין האָבן פאַרנומען פאַר זיך די גרויסע צימערן פון ערשטן שטאָק טיר נומער 2. די אינטערוועגצן ביי דער געסטאַפּאָ האָט בערלין געמאַכט. לויט ווי איך האָב פאַרשטאַנען, איז ער געווען מער אָנגענומען ביי די ס.ס.־לייט און מיט זיין „אַרישן״ פּנים האָט ער בעסער אויף זיי געווירקט. ראָזענפעלד, וואָס האָט געהאַט אַ מער יידישן אורסזען, האָט געפירט די אונטערהאַנדלונגען מיט די קליענטן און אויסגעדונגען די פּרייזן. מיט די צוויי איז געווען נאָך אַ דריטער, וואָס האָט נישט באַלאַנגט צום יודנראַט, נאָר געווען איז ער אַ קנעפּל שבקנעפּל מיט דער געסטאַפּאָ; בעיקר טאַקע מיט דעם עלטסטן פון זיי — אשער אָט דער דריטער — דאָס איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען גאָטעסמאַן (זיין פאַרנאָמען איז מיר נישט באַקאַנט), איז שטענדיק אַרומגעפאָרן מיט געסטאַפּאָ־לייט. אים האָט מען געדאַרפט אָפּגעבן דין וחשבון פון אַלע געלטער, וואָס זענען גענומען געוואָרן פאַר באַפרייען עמעצן און ער אַליין האָט געשאַצט, וויפל מען דאַרף נעמען. פאַר מיר ליגט איצט אַ פאַרצייכענונג, געמאַכט דורך מיר בקיצור לויט דעם, וואָס פריינד פּאַוולאָוויצקי, אַ מיטאַרבעטער פון „עזרה״ — האָט מיר דערציילט וועגן יענער צייט, ווען זיין פרוי איז געכאַפּט גע־וואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און געשיקט געוואָרן קיין מאַלין. אָט זענען די ווערטער: — „ראָזענפעלד האָט מיך איינגעלאַדן צו פאַרהאַנדלען וועגן באַפרייען מיין פרוי פון מאַלין. ער האָט פאַרגעלייגט, איך זאָל אים געבן אַ גרויסע סומע געלט. דאָס געלט, האָט ער געזאָגט, וועט גענוצט ווערן אויף צו פאַרבעסערן די אַלגעמיינע לאַגע אין מאַלין. דאָס וועט שטאַרק אימפּאָנירן דעם נייעם געסטאַפּאָ־עלטסטן, וואָס זיין נאָמען איז ערדמאַן. ערדמאַן וועט זיין צופרידן דערפון.

אַזוי האָט מיר „אויפגעקלערט״ ראָזענפעלד. ווען איך האָב געענט־פערט, אַז קיין גרויסע סומע קאָן איך נישט געבן, האָט ער געבעטן, איך

זאָל די קליינע סומע איבערגעבן צו הערצן אויף אַזאַ אופן, אַז גאַטעסמאַן זאָל דערפון נישט וויסן. הערץ האָט די קליינע סומע צוגענומען און מיר געזאָגט, אַז דאָס געלט גייט פאַר דער געהיימער קאַסע".

אַט אַזוי האָבן די יודנראַטלער געהאַנדלט מיט באַפרייען מענטשן און געטיילט צווישן זיך דאָס געלט, וואָס זיי האָבן אויסגעפּרעסט פון יידישע קרבנות.

די טיר נומער 2 איז שטענדיק געווען באַלאַגערט פון יידן, מענער און פרויען, וואָס מען האָט ביי זיי געהאַט צוגעכאַפּט די קינדער, זייערע קראַנקע מענער, צי פרויען, אָדער אַלטע פאָטערס און מוטערס. מען האָט געוווּסט, אַז די דייטשן כאַפּן יידן אויף אַרבעט, אָבער צו וואָס דאַרפן זיי האָבן קינדער, אָדער קראַנקע און אַלטע ?... איז מען געקומען צו ראָזענפעלדן הינטער דער טיר נומער 2, ער זאָל אינטערוועניר. ראָזענפעלד האָט צוגעזאָגט. אינעווייניק, אין גרויסן ביוראָ, איז געזעסן אַ פּריילין, וואָס האָט אויפגענומען די אַלע פאַלן צום אינטערוועניר און געהייסן קומען נאָך אַן ענטפער. שעהן־לאַנג פלעגט מען אָפּשטיין הינטער דער טיר און וואַרטן אין ציטערניש אויף דעם ענטפער. הינטער דער טיר, האָט מען געוויינט מיט בלוטיקע טרערן און געבעטן רחמים פאַר די נאָעטסטע, וואָס מ'האָט אַוועקגעריסן און מען וויים נישט ווו זיי געפינען זיך איצטער, אָבער ק י י ן ע נ ט פ ע ר איז פאַר זיי נישט געווען, ווייל זיי האָבן קיין געלט נישט געהאַט. באַפרייט האָט מען יענע, וואָס האָבן געצאָלט גרויסע געלטער, זיי האָבן נישט געדאַרפט שטיין הינטער דער טיר; מיט זיי האָט מען פאַרהאַנדלט אין סאַלאָנען. און אויב אַ מאָל יאָ שוין אָן געלט — האָט מען גיכער באַפרייט „היימישע", מיט פּראָטעקציע פון דייטשישע פליטים.

איך האָב אַמאָל בייגעוווינט אַזאַ מין באַפרייונג פון 13 מענטשן אין מאלין. וועגן דער דאָזיקער באַפרייונג האָבן די יודנראַטלער, ראָזענפעלד און בערלין, געגעבן צו וויסן מיט וואָכן פריער. מען האָט געמיינט, אַז זיי וועלן כאָטש באַפרייען אַ 50 יידן פון צווישן די אַלטע, קראַנקע און קינדער. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען כ'האָב דערזען, זייענדיק צופעליק אין גרויסן זאַל פון טיר נומער 2, ווי עס האָבן אַריינמאַרשירט 13 חברהלייט מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס און אָנגעלאָדן מיט וואַליזעס. אַריין זענען

זיי מיט פריילעכע אויסגעשרייען אין דער דייטשער שפּראַך. איך בין פּאַרציטערט געוואָרן, געמיינט, אַז דאָס איז ווידער עפּעס אַן אינוואַזיע פון ס.ס.־ניקעס. נאָר באַלאַד איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס זענען די באַפרייטע פון מאַלין, אַלע — געזונטע, בלאַנדע יונגען, איינס, איינס ווי אמתע אַריער; קיין איין ייד פון יישוב נישט צווישן זיי — אַ חוץ דער פרוי פון ד״ר מארגולין. אַזוי האָבן אויסגעזען די „אינטערוועננצן" פון די א. זש. בע־לייט... און יעדן טאָג, ווען איך בין געקומען אין יודנראַט, פלעג איך דאָרט טרעפן די אייגענע מחנה יידן. באַליידיקטע, אויסגעחוזקטע, מיט טרערן אין די אויגן, זענען זיי געשטאַנען אויף די טרעפּ, פון אונטן ביז אַרויף צו דער טיר נומער 2, געשטאַנען און געוואַרט אויף ענטפער...

איך האָב זיך איינמאָל געוואָנדן מיט אַ פּראָטעסט צו די אינטער־ווענץ־מאַכער, הלמאי זיי פּייניקן די מענטשן פון הינטער דער טיר מיט צוזאָגן, וואָס זיי האַלטן גאָרנישט ביי אויספירן. די מענטשן שטעלן דאָך אין זייער לעבן, קומענדיק אַהערצו און אויך אַוועקגייענדיק פון דאַנען מיט גאָרנישט.

האָט מיר בערלין געענטפערט:

— „מען טוט וואָס מען קאָן; מיר זענען נישט שטאַרקער פון דער געסטאַפּאָ!"

איך האָב זיי נאָך צוגעוואָרפן:

— איר באַפרייט דאָך טאָג־טעגלעך יידן פון מאלין, אָבער אַלץ נישט יענע, וועגן וועלכע עס באַמיען זיך די פון הינטער דער טיר: ז י י שפּייזט איר בלויז מיט הבטחות; ווער בעט אייך, איר זאָלט זיי צוזאָגן??!

אויף דעם האָט ראָזענפעלד מיט אַ גוטמוטיקער מינע געענטפערט, אַז ביי אים „זענען אַלע יידן גלייך".

זיי האָבן געוווסט, אַז איך קום נישט צו זיי ווי אַ פּריוואַטע פּערזאָן, און אין אַ געוויסער מאָס האָבן זיי מורא געהאַט פאַר מיר; אָבער די גרוי־סע געלט־סומעס האָבן געהאַלטן אין איין לאָקן. דערצו נאָך האָבן זיי געצי־טערט פאַר דער אייגענער הויט און געוואָלט פאַר יעדן פּרייז צופרידן־שטעלן דעם פירער פון געסטאַפּאָ — ערדמאַן. האָט מיין פּראָטעסטירן ווינציק וואָס געהאָלפן און זיי האָבן געטאָן, ווי זיי האָט געטויגט.

די דריטע פונקציע האָט פאַר זיך גענומען, אָדער — בעסער געזאָגט — האָבן די יודנראַטלער צוגעטיילט דעם יונגן פרעדי בלום: די אויפזיכט איבער קינדער, וועלכע די געסטאַפּאָ פלעגט כאַפּן און איבערגעבן צו די יודנראַטלער אויף זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט; ער האָט אויך געדאַרפט באַשטימען אָנגעשטעלטע פאַר א. זש. בע.־אינסטיטוציעס. אין אַלגעמיין האָט עס געהייסן, אַז אים איז איבערגעגעבן געוואָרן די „אויפזיכט" איבער קינדער־היימען, מושב־זקנים און שפּיטאָלן, און באַנאַנד מיט דעם אויך דאָס שאַפן נייע אינסטיטוציעס, וואָס זענען נייטיק געווען דער געסטאַפּאָ אין די ראַמען פון זייערע פּלענער — וואָס גיכער צו ליקווידירן דאָס בעלגישע יידנטום. די באַנדיטן האָבן אַלץ געגנוי אויסגערעכנט; זייער פּלאַן איז געווען: צו צענטראַליזירן און קאָנצענטרירן באַשטימטע גרופּן אויף איין אָרט אַזוי, אַז ווען ס׳וועט קומען די צייט, זאָלן זיי קאָנען אומברענגען אַלץ לויט אַ סדר: אַלע קינדער מיט אַ מאָל, אַלע אַלטע לייט מיט אַ מאָל און אַלע קראַנקע מיט אַ מאָל...

אַט דער פרעדי בלום, אַ געזונטער און שיינער יונג, האָט זייער גוט „געפּאַסט" פאַר דער דאָזיקער אַרבעט און איז געווען איינער פון די בעסטע און געטרייסטע אויף דעם געביט; די יודנראַטלער און די געסטאַפּאָ־לייט האָבן גוט געוווּסט, אַז ס׳איז דאָ אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. ער האָט זיך אויך באַוואָרנט מיט געטרייע אָנגעשטעלטע — צוויי מיידלעך פון זיין אייגענעם שניט: איינע איז געווען אָנגעשטעלט אין דער קינדער־היים און די צווייטע — ביי אים אין ביוראָ, אינעם יודנראַט, טיר נומער 3.

ביי פרעדי בלום ארויסצוקריגן אַ קינד, אָדער אַרויסגנבענען עס — איז געווען אוממעגלעך. מיר אַליין איז אַ מאָל אויסגעקומען איבערצולעבן אַזאַ ענין:

איין מאָל אין אַ נאָכמיטאָג בין איך אַריינגעקומען אין א. זש. בע. (אויף בולוואַר ד׳אַנוועַרט 36) און באַלד ביי דער טיר געטראָפן אַ סומאַ־טאָכע: עס זענען דאָרט געווען פאַרזאַמלט זייער אַ סך מענטשן, ס׳האָבן זיך געהערט געוויינען און געשרייען פון ווייבער און מענער. אין דעם הויז בין איך צו אַזעלכע סצענעס שוין געווען צוגעוווינט, אָבער נישט אין דער צייט פונעם טאָג: וואָס זשע האָט געקאָנט געשען איצט, אין די נאָכמיטאָג־

שעהען? ווייזט זיך באַלד אַרויס, אַז היינט האָט די געסטאַפּאָ געכאַפּט עטלע־כע צענדליק קינדער און זיי איבערגעגעבן צו פרעדי בלום. אין צווישן האָבן זיך איינע פּאַמיליעס דערוווסט, אַז זייערע געכאַפּטע קינדער געפי־נען זיך אין א. זש. בע. ריזיקירנדיק אַליין געכאַפּט צו ווערן, זענען זיי געקומען צו לויפן נישט טויט, נישט לעבעדיק, און געבעטן, אַז פרעדי בלום זאָל זיי אומקערן זייערע קינדער. אָבער פרעדי זאָגט: — לאָ! ער איז פאַראַנטוואָרטלעך צו דער געסטאַפּאָ פאַר דער צאָל קינדער, וואָס ער האָט דערהאַלטן. אויב עס וועט ווער וואָגן אַרויסצונעמען אַ קינד, טעלע־פאָנירט ער גלייך צו דער געסטאַפּאָ, און די קאָנסעקווענצן דערפון זענען דאָך קלאָר. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין געוויינען און קיין געשרייען: אַז פרעדי בלום זאָגט עפּעס, קען מען זיך פאַרלאָזן, אַז ער וועט אַזוי טאָן.

די קינדער האָבן זיך געפונען אין אַ זאַל, וואָס נאָך דעם זאָל מיט די פּעקלעך און מיט אַ שומר ביי דער טיר. דעמאָלט איז גראָד אָנגעקומען דער חבר דאָמב. איך דערצייל אים די געשיכטע און מיר באַראַטן זיך ביידע, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן די קינדער פון דעם הויז. מיר האָבן אָבער נישט געפונען קיין מעגלעכקייטן דערצו. בינו לבינה זענען מיר צוגעגאַנגען צו דער טיר פונעם זאַל, וווּ ס׳זענען געווען צונויפגעזאַמלט די קינדער, און געוואָלט אויסגעפינען, וועמענס קינדער דאָס זענען און וויפל — אין צאָל. דער שומר ביים טיר האָט זיך פאַר אונדז דערשראָקן. ער האָט אונדז גע־קאָנט; וועגן אים האָב איך געהאַט געשריבן אַ נאָטיץ און פאַראורטיילט זיין „געטרייע" אַרבעט קעגן דעם יידישן כלל. האָט ער זיך איצט געמאַכט נישט זעענדיק, חבר דאָמב האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו די קינדער.

מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער זיך צוריקגעקערט פון דעם קינדער־זאַל אַ צעקאָכטער. וואָס איז געשען? ער האָט דאָרט דערקענט אַ חברס אַ קינד, וואָס זיינע עלטערן זענען שוין געווען דעפּאָרטירט און די קינדער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. צווישן די געכאַפּטע האָט ער איצט געזען איינס פון די קינדער.

מיר האָבן באַשלאָסן דאָס קינד פון דאַנען אַרויסצונעמען מיט אַלע מיטלען: מיר האָבן גלייך טעלעפאָנירט צו דער חברטע פאַלינע טראָצקי און געבעטן, זי זאָל אַרויפקומען וואָס גיכער. זי איז באַלד געקומען און

תּיכּף פאַרשטענדיקט זיך טעלעפאָניש מיט עמעצן וועגן אַן אָרט פאַר דעם קינד. איצט איז געגאַנגען אין דעם, ווי אַזוי דאָס קינד אַרויסצובאַקומען און צוגיין מיט דעם צום טראַמוויי. חבר דאַמב האָט זיך ווידער אַ מאָל אַריינגעכאַפּט אין זאַל פון די קינדער. אין הויז האָט זיך עפּעס געמאַכט אַ טומל, חבר דאַמב האָט דאָס אויסגענוצט און אַרויס מיט אַ קינד אויף דער האַנט. איך בין אים נאָכגעלאָפן און די חברטע פאַלינע איז שוין געווען ביי דער טראַמוויי־סטאַציע. זי האָט שוין געהאַלטן ביי נעמען דאָס קינד וואָס איז גראָד אָנגעקומען. אין דער רגע איז, ווי אַ בייזע חיה, אויסגעוואַקסן לעבן אונדז פרעדי בלום מיט געוואַלדן: — „גיב אַוועק דאָס קינד — אַז נישט, גיי איך מעלדן אין געסטאַפּאָ!‟ — ער האָט גענומען רייסן פון חבר דאַמבס הענט דעם קליינעם קרבן און נאָך אַ מאָל געסטראַשעט, אַז ער וועט טעלעפאָנירן צו דער געסטאַפּאָ. דערווייל האָט אַרום אונדז זיך אויפגעזאַמלט אַ רעדל פון בעלגיער און דייטשן; די לאַגע איז געוואָרן העכסט געפערלעך — און דאַ האָט פרעדי דאָס קינד צוגענומען. דער חבר דאַמב האָט אים געוואָלט דערלאַנגען מיט עפּעס איבערן קאָפּ און איך האָב אים קוים אָפּגעהאַלטן, ווייל כ׳האָב מורא געהאַט פאַר מערערע קרבנות. בקיצור — דער ענין איז לעת עתה דורכגעפאַלן.

אָט אַזוי געטריי האָט דער פאַרשוין פרעדי בלום געאַרבעט פאַר די דייטשן. ער האָט אָבער אויך געוווּסט, ווער מיר זענען, און אַליין זיך דערשראָקן פאַר דעם, וואָס ער האָט דאָס מאָל אָפּגעטאָן. אויף צו מאָרגנס האָט מען מיר דערציילט, אַז נאָך מיין אַוועקגיין האָט פרעדי צוריקגעגעבן דאָס קינד צו חבר דאַמב; פאַרענטפערט האָט ער זיך מיט זיין שטענדיקן פּזמון — אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך צו דער געסטאַפּאָ, ממילא מוז ער אויספירן אירע באַפעלן.

נישט נאָר ביים אָפּהיטן די פאַרכאַפּטע קינדער האָט פרעדי בלום אַרויסגעוויזן זיין „לייטישקייט‟ און געטריישאַפט צו דער מאַכט; אויך ביים אויספירן אַנדערע פונקציעס איז זיין אכזריות געקומען צום אויסדרוק: פרעדי האָט געדאַרפט אָננעמען אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פאַר אינסטיטוציעס. די אַרבעטער, וואָס האָבן טאָג און נאַכט, ממש אַן איבעררייס, געהאָרעוועט ביי שוואַרצער, פיזיש־שווערער אַרבעט, האָט ער גע־

צאַלט הונגער־לוינען, ווייל דאָס האָט ביי אים געהייסן „געדעקטע אַרבעט".
צו צענדליקער און צענדליקער אַזעלכע אַרבעטער האָב איך צוגעטיילט הילף, ווי אַ צוגאָב צו זייערע קאַרגע פאַרדינסטן, בכדי זיי זאָלן נישט אויסגיין פון הונגער ביי זייער שווערער אַרבעט.

פון רייכע יידן האָט פּרעדי בלום געשינדן די הויט, נעמענדיק ביי זיי אין די הונדערטער טויזנטער פראַנק אַ חודש פאַר „געדעקטער" אַרבעט אין א. זש. בע., ביי מיטלמעסיק פאַרמעגלעכע האָט ער גענומען אין די צענדליקער טויזנטער פראַנק אַ חודש. אויף אַזאַ אופן האָבן אין א. זש. בע.־הויז שטענדיק זיך אויפגעהאַלטן פון 30 ביז 40 יידן — קאַנדידאַטן אויף אַרבעט. באַשעפטיקן פלעגט מען זיי, ווען עס האָט זיך געמאַכט דער „סעזאָן", ד. ה. — ווען דער יודנראַט האָט געמאָלדן, אַז מען שיקט אַוועק אַ טראַנספּאָרט „אויף אַרבעט" (ווי דאָס איז קלאָר געוואָרן שפּעטער, האָט עס געמיינט טויט־לאַגערן).

דעמאָלט פלעגן די משפחות נעמען טראָגן פּעקלעך פאַר די קרובים אין וועג אַריין: עסנוואַרג, קליידער און שיך. זיי האָבן געבראַכט די לעצטע פּעק פאַר זייערע נאָנטסטע און טייערסטע, וואָס ווערן פון זיי אַוועקגעריסן און פאַרשיקט — ווער ווייס וווהין און ווער ווייס, צי וועט מען נאָך זען זיי צוריק ?.

דאָס יודנראַט־הויז אויף בולוואר ד'אַנווערס 36 איז אַזוי אַרום טאָג איין, טאָג אויס, געווען באַלאַגערט פון הונדערטער צעבראָכענע און פאַר־צווייפלטע פרויען און מענער.

אָט אין אַזאַ צייט פלעגן די 30—40 „געדעקטע" יידן ווערן שטאַרק באַשעפטיקט; זיי פלעגן פיבערהאַפטיק אַרבעטן. און אַזוי ווי די טראַנספּאָרטן האָבן גענומען אָפּגיין אַלץ אָפטער, זענען זיי כמעט שטענדיק געווען באַשעפטיקט.

אין אַזאַ „סעזאָן" פלעג אויך די באַוועגונג פון טאַקסיס און לאַסט־אויטאָס זיין זייער אַ גרויסע. אויטאָס מיט פּעק און מיט קאַסטנס האָט מען געבראַכט און אַוועקגעפירט. אין טאַקסיס פלעגן אַלע מאָל צוקומען געסטאַפּאָניקעס באַנאַנד מיט אַנדערע פאַרשוינען. אַ שרעק פלעגט אַרומ־כאַפּן די וואַרטנדיקע, דערזעענדיק די אַלע נייע „געסט" אין באַגלייטונג

פון ס.ס.־ניקעס. די באַוועגונג אין דעם גאַנצן א. זש. בע.־הויז איז געוואָרן אַלץ גרעסער: די טיר האָט זיך כמעט נישט פאַרמאַכט, די לעפּל־לייט פון יודנראַט האָבן נישט גערוט: מען איז אַריין און אַרויס, אַרויס און אַריין, און אַלץ — מיט אַזאַ ערנסטקייט, גלייך זיי וואָלטן געאַרבעט אויף צו ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק. דאָס זענען געווען די גאַטעסמאַנס, די פעליקס מאירס און אַנדערע אונטערלעקער, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין טראָגן „שטאַפּעטן" פון געסטאַפּאָ און צו געסטאַפּאָ, וואָס האָבן „געקויפט" און „פאַרקויפט" און געהאַנדלט מיט „באַפרייען" און „דעקן"...

ביי פרעדיס טיר נומער 3, פלעגן טאָג־טעגלעך שטיין לאַנגע רייען מענער און פרויען, אַלטע און יונגע: דאָס זענען זיי געקומען בעטן עפּעס אַן אַרבעט, כדי צו קאָנען דערהאַלטן די נשמה אין זייערע משפחות, וואָס באַהאַלטן זיך אויס. אַלע האָבן זיי געוווסט, אַז גייענדיק ערגעצווו, שטעלט מען איין בפירוש דאָס לעבן, אָבער די האָפנונג צו קריגן וועלכע נישט איז אַרבעט, האָט זיי געטריבן אַהער. אַזוי זענען זיי געשטאַנען גאַנצע טעג און געוואַרט, די טיר זאָל זיך פאַר זיי עפענען. און פרעדי בלום מיט זיין אַנגעשטעלטער — וואָס ביי איר, ווי ביי אַ קראַנקן־שוועסטער בעת אַן אָפּעראַציע, איז געווען פאַרבונדן דאָס מויל מיט דער נאָז מיט אַ ווייס טיכל, בכדי זי זאָל זיך נישט אָנשטעקן פון די באַזוכער — די צוויי פלעגן לאַנג צעגערן, ביז זיי האָבן באַוויליקט אַריינצולאָזן די וואַרטנדיקע, שוין ביז גאָר מידע און אויסגעשעפּטע פון לאַנגן שטיין. שטענדיק זענען די וואַרטנדיקע אַרויסגעקומען פון דאָרט מיט טרערן אין די אויגן און דער־ציילט, מיט וועלכע ציניִשע באַמערקונגען, עס פלעגט באַגעגענען סיי פרעדי, סיי זיין אַנגעשטעלטע די יונגע פרויען, וואָס האָבן געבעטן אַרבעט.

נישט איין מאָל פלעגן מיך דאָרט אויף די טרעפּ באַגעגענען מענער און פרויען און צו מיר זאָגן: — „אוי, פריינד טאַבאַקמאַן, אַז גאָט וועט אונדז העלפן און מיר וועלן דאָס אַלץ איבערלעבן..." — זיי האָבן נישט דערזאָגט ביזן סוף, נאָר בלויז געביילט די פויסטן און געקריצט מיט די ציין; איך האָב שוין גוט פאַרשטאַנען, וואָס זיי מיינען.

צוליב אָט די צעבראָכענע, אויסגעמוטשעטע און פאַרצווייפלטע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אויף די טרעפּ, הינטער די טירן פון

יודנראַט, פלעג איך זיך יעדן טאָג אַרומדרייען דאָרטן, אַרומגיין אויף די טרעפּ אַרויף און אַראָפּ. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז די דאָזיקע מענטשן פילן זיך אַ ביסל שטאַרקער, זיכערער און דערמוטיקט מיט מיין זיין צווישן זיי. אויך די אָנגעשטעלטע אינעווייניק האָבן זיך בעסער באַצויגן צו די מענטשן, וויסנדיק, אַז איך בין דאָ: מען האָט פאַר זיי אָפּטער געעפנט די טירן און אַמאָל אויך געוויזן אַ זשעסט און דערליידיקט געוויסע בקשות.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס הויז פונעם יודנראַט אויף בולוואַר ד׳אַנווערס 36, ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע יידישע לעבן פון בעלגיע, מיט אַלע זיינע נויטן און ווו ס׳זענען אויפן חשבון פון די ליידנדיקע, רייך געוואָרן אַזעלכע מנוולים, ווי: די ראָזענפעלדס, בערלינס, בלומס און אַנדערע.

א קיך אונטער פרעדי בלומס הערשאפט

ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען באַזוכן די קיך אויף דער גאַס רויזברוק (דעם נומער געדענק איך שוין נישט), האָט דער גאַנצער באַשטאַנד פון דער קיך געמאַכט אויף מיר אַ שוידערלעכן איינדרוק. אַריינקומענדיק אין טויער, איז גענוג געווען אָנצוקוקן די פינצטערע פּנימער, וואָס האָבן געוואַרט אויף דעם ביסל עסן, טייל, מיט כלים אין די הענט אויף אַהיימצונעמען שפּייז, און טייל — אָפּצועסן דאָ אויפן אָרט. פון זייער אָנבליק אַליין האָט מען זיך אויך געקאָנט משער זיין, ווי גרויס ס׳איז דער בראָך.

אַרום — הויכע, פאַרשוואַרצטע ווענט, באַוואַקסן מיט פּייכטן, גרינעם מאָך; די ווינקלען באַהאָנגען מיט געדיכטן שפּינוועבס, פאַר־יואָרלאָזט אַזוי זינט יאָרן.

דער הויף האָט אויך נישט אויסגעקוקט בעסער: אַ פּירעקיקער קאַסטן, אויסברוקירט מיט אַלטע, גרויסע שטיינער, אייך שטיין אַרויף, דער צווייטער אַראָפּ. גייענדיק איבער זיי, האָט מען גרינג געקענט צעברעכן

די פּיס. פון אַלע זייטן — פּעסער, אָנגעפּולטע מיט פאַרשידענעם אָפּפאַל פון קרויט, בוראַקעס און אַנדערע גרינסן; אַלטע וועגענער און קאַסטנס, אָנגעשטעלט איינער אויפן אַנדערן, כמעט נישט געווען, ווו צו גיין. צווישן דעם אַלעמען האָב איך באַמערקט אַרום אַ צענדליק פאַרחושכטע פּרויען, וואָס זענען געזעסן אויף נידעריקע קעסטלעך, פאַרנומען מיט שיילן קאַר־טאָפּליעס, רייניקן גרינס און מיט אַנדערער אַרבעט. איך בין געשטאַנען און באַטראַכט די אָפּגעצערטע געשטאַלטן אין שמאַטעס, מיט זעק אָנשטאָט פאַרטיכער, און מיט צעריסענע שיך אויף די פּיס. כאָטש קוק היינט, קוק מאָרגן: ס׳איז אוממעגלעך געווען צו דערקענען, צי זענען דאָס יונגע, אָדער עלטערע פּרויען. דערזען פאַר זיך עפּעס אַ ניי פּנים, האָבן אויך זיי מיך נייגעריק באַטראַכט.

דורך אַ גלעזערנער טיר בין איך אַריין אין קיך, און ס׳האָט לאַנג געדויערט, ביז איך האָב געקאָנט עפּעס דערזען: קיין פענצטער איז דאָ נישט געווען און אַ געדיכטע פּאַרע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אַרויס־גאַנג, האָט אויסגעפּילט די קיך ווי מיט אַ נעפּל.

אין עטלעכע מינוט אַרום, אַז מיינע אויגן האָבן זיך צוגעוווינט צו דער טונקלקייט, האָב איך דערזען דאָס גאַנצע פינצטערע בילד פון דער קיך: די ווענט — שוואַרצע און פייכטע, באַדעקט מיט טראָפּנס וואַסער, ווי אין אַ קליינשטעטלדיקן באָד. פון דער סטעליע זענען אַראָפּגעהאָנגען שנירלעך שפּינוועבס, דאָס עלעקטרישע לעמפּל — פאַרשטויבט, אַז מ׳האָט קוים געזען דורך דעם די ליכט; דער דיל — אויסגעלייגט טיילווייז מיט שטיינער און אַ טייל — בלויזע ערד.

ביי דער וואַנט אַנטקעגן טיר — אַ גרויסער, שוואַרצער אויוון מיט אָפּגעריסענע טירלעך און אויף אים אויך אַזוי שוואַרצע טעפּ, פון וועלכע ס׳האָט געזעצט די פּאַרע. ביי דער צווייטער וואַנט — אַ לאַנגער טיש, אָנגעשטעלט מיט כלים צום וואַשן; דערנעבן אַן איינגעמויערטע, שוואַרצע שיסל פון „תרחס צייטן". ביי דער דריטער וואַנט איז געשטאַנען אַ גע־פאַרבטע שאַנק, וואָס איר פאַרב איז שוין נישט געווען צו דערקענען, אין שאַנק ברויט און אַנדערע שפּייז, און סאַמע אין מיטן איז געשטאַנען אַ לאַנ־גער טיש מיט געוואַשענע כלים און געשניטן ברויט.

דאָ זענען געווען באַשעפטיקט אַרום צען מענטשן. מענטשן? ניין, שאָטנס פון מענטשן: אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע מענער און פרויען, מיט פינצטערע פּנימער און צעשויבערטע האָר. אייניקע פון זיי האָבן גע־וואַשן כלים, אַנדערע — געשניטן ברויט און נאָך אַנדערע האָבן אַרויסגע־געבן עסן. איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און געטראַכט: ווי אַזוי קענען שוין אויסזען יידן ביי היטלערן אין די לאַגערן, אויב דאָ, אין בריסעל, אַנגעפּירט פון „אייגענע" מענטשן און פון אַ יידישן אויפזעער, זעט אַזוי אויס די קיך, און ס׳זעען אַזוי אויס די אַרבעטער?

איך האָב מיט אַלע כוחות געמיט זיך צו באַהערשן, כלומרשט גע־ווישט די ברילן, מ׳זאָל נישט דערקענען דעם ביטערן איינדרוק, וואָס דאָס אַלץ האָט אויף מיר געמאַכט. דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר בין איך אַריין געשווינד אינעם עס־זאַל.

צוויי צימערן מיט טישן זענען שוין געווען געגרייט צום עסן; מען האָט געטיילט ברויט מיט זופּ. כ׳האָב זיך צוגעזעצט צו אַ טיש, צו הערן, וואָס דער עולם רעדט צווישן זיך: מען האָט זיך באַקלאָגט אויף דעם, אַז דאָס קומען אַהער נאָך דעם ביסל עסן און דאָס אַהיימגיין איז פאַרבונדן מיט געפאַר; אפילו דאָס זיצן אין קיך איז געפערלעך: אַ ליאַדע מינוט קאָן איינפאַלן דער געסטאַפּאָ אויך די קיך צו באַזוכן. אָבער כל זמן מען זיצט דאָ, פאַרגעסט מען זיך און מען רעדט זיך אויס אַ ביסל די הערצער. און אָט דערציילט איינער: נעכטן איז ער געווען באַזוכן זיינעם אַ פריינד, וואָס באַהאַלט זיך אויס אין סקאַרבעק (אַזאַ געגנט). זיי האָבן זיך פאַר־רעדט און ס׳איז געוואָרן שפּעט; דער פריינד האָט אים נישט געלאָזט אַהיימגיין. ווען ער איז אין דער פרי אַהיימגעקומען, האָט ער געטראָפן זיין בעל־הבית אַ צעטראָגענעם: ער האָט שוין אויף אים אַרויסגעקוקט. וואָס איז געשען? נעכטן איז די געסטאַפּאָ איבערגעפאַלן דאָס הויז, דורכגע־נישטערט אַלץ, פון די קעלערס ביז די בוידעם־שטיבלעך, אַרויסגעשלעפּט די צוויי משפּחות, וואָס זענען געווען דאָרט באַהאַלטן; אויך זיין צימער האָבן זיי אויפגעריסן און ס׳איז אַ נס, וואָס ער איז גראַד געווען ביי זיין חבר, ווען נישט דאָס, וואָלט ער שוין איצט געפּראַוועט גלות אין מאַלין (זיין פרוי און די צוויי קינדער זענען נאָך פריער דעפּאָרטירט געוואָרן).

איצט סטראַשעט אים דער בעל־הבית, אַז אויב ער וועט צוריקקומען נעכטיקן אין דער דירה, וועט ער מעלדן דער געסטאַפּאָ. איז ער פאַר־צווייפלט און ווייס נישט, וואָס מיט זיך צו טאָן. — אַט אַזוי גיסט יעדערער אויס זיין ביטער האַרץ פאַרן צווייטן.

פלוצלונג איז עפּעס געשען, וואָס ס׳האָט מיך צעטומלט: פון אַרום אַלע טישן האָט מען זיך אויפגעשטעלט און גענומען קוקן אויף מיר. באַלד איז צו מיר צוגעקומען אַ מאַן, אויסגעשמירט אין סאַזשע, ווי אַ קוילנגרע־בער: שווער געווען צו דערקענען, וואָס פאַראַ מין מענטש דאָס איז. ער האָט זיך שטיל אַ ווענד געטאָן צו מיר אין דער דייטשער שפּראַך:

— „מען האָט אונדז געזאָגט, אַז איר זענט טאַבאַקמאַן; מיר בעטן אייך, אריינקומען צו אונדז אין דער קיך אויף אַ ווייל.״

איך בין גערן מיטגעגאַנגען מיט אים; כ׳בין געווען נייגעריק צו וויסן, צוליב וואָס מען רופט מיך.

אין קיך האָב איך שוין געטראָפן דעם גאַנצן פּערסאָנאַל אַרום טיש ביי זייער מיטאָג. דער פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון 22 אַרבעטער — מער פרויען, ווי מענער. דער אַרבעטער, וואָס האָט מיך גערופן, האָט זיך איצטער געווענדט צו מיר מיט די דאָזיקע ווערטער:

— „איך נוץ אויס די געלעגנהייט פון אייער באַזוך דאָ, בכדי זיך פאַר אייך צו באַקלאָגן. איך רייד אין נאָמען פון אַלע קיך־אַרבעטער. פון אונדזער אויסזען קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן אונדזער לאַגע: מיר אַרבעטן פון 5 אַזייגער אין דער פרי ביז 12 ביינאַכט אָן איבעררייס; קיין רוטאָג האָבן מיר נישט. מיר אַרבעטן איבער די כוחות ביז צו קראַנק ווערן. ווי איר זעט, האָבן מיר יעדן מלבוש אויף זיך צעריסן״. דאָ האָבן שוין אַלע אַרבעטער גענומען רעדן; מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי איבערגעחזרט, ווי שווער מען אַרבעט; אויך — אַז מען פאַרמאָגט שוין נישט קיין מלבוש, קיין שיך, מען באַקומט נישט קיין פרייען טאָג אויף צו קאָנען זיך זען מיט די אייגענע קינדער, און צאָלן צאָלט מען צו ווינציק אויף צו דערהאַלטן די נשמה און צופּיל אויף צו שטאַרבן. אַז מען ווענדט זיך צו די אָנפירער וועגן די אַלע ענינים, באַקומט מען אַן ענטפער: דאַנקט גאָט, וואָס איר זענט „געדעקט״ און ווערט נישט דעפּאָרטירט...״.

זיי האָבן ווייטער געטענהעט: „מיר האָבן שוין וועגן אייך געהערט, אַז ווו איר קומט, העלפט איר צו פאַרגרינגערן אַ ביסל די לאַגע; איז, האָט אויך אויף אונדז רחמנות...״.

פון זייערע געוויינען בין איך אין גאַנצן צעטרייסלט געוואָרן. כ׳האָב זיי געטרייסט, אַז דאָס שלעכטס וועט שוין לאַנג נישט געדויערן און אַז מען מוז לעבן מיט האָפנונג. לסוף האָב איך זיי צוגעזאָגט נישט צו זשאַלעווען קיין מי און טאָן אַלץ, וואָס אין מיינע מעגלעכקייטן אויף צו פאַרבעסערן זייער לאַגע.

ביים פאַרצייכענען זייערע אַלעמענס נעמען, האָב איך אויך פאַרנאָטירט די נומערן פון שיך, וואָס זיי טראָגן, כדי זיי צו באַזאָרגן מיט פאַסיקע שיך.

פון דאָרט בין איך אַריין אין אַדמיניסטראַציע־ביוראָ, וואָס פירט אָן מיט דער קיך און געטראָפן איינעם פון די פאַרוואַלטערס, דעם עלטערן ברודער דארף (אַ מיטגליד פון דעם לאָקאַלן קאָמיטעט אין בריסעל). כ׳האָב געהאַט מיט אים אַ שאַרפן געשפּרעך וועגן די אַרבעטער פון קיך, געפרעגט ביי אים, ווי אַזוי קען ער, אַלס מענטש און אַלס ייד, דערלאָזן צו אַזאַ שקלאַפעריי אין אַן אינסטיטוציע, מיט וועלכער ער פאַרוואַלטעט? — זיין ענטפער איז געווען דער אייגענער, וואָס ער פלעגט געבן צו די אַרבעטער, ד. ה. — אַז דאָס געהער צו פרעדי בלום. איך בין פון אים אַוועק, אַנטשלאָסן פונדעסטוועגן צו געפינען אַ וועג, ווי אַזוי אָנצוהייבן מיין הילפס־אַרבעט פאַר די אַרבעטער.

איך האָב לאַנג נאָכגעטראַכט און ס׳איז מיר איינגעפאַלן צו ווענדן זיך צו דעם נייעם געלט־פאַרטיילער, וואָס פאַרטרעט איצט דעם פּראָפעסאָר פערלמאַן. שוין דאָס צווייטע מאָל, ווי איך האָב פון אים באַקומען געלט פאַר די מענטשן, וואָס זענען געווען אויף מיין רשימה נאָך הילף. דאָס איז געווען אַ געוויסער מאַן מיטן פאַמיליע־נאָמען אורבאַך; איך האָב אים געקאָנט פון ווייטנס נאָך פאַר דער מלחמה. געווען אַ פירמע „מענטליק־אורבאַך״ און די צוויי שותפים זענען געווען ציוניסטישע טוער, וואָס דאָס יידישע בריסעל האָט זיי געהאַלטן פאַר מיליאָנערן. זייערע טירן זענען געווען אָפן פאַר יעדן קולטור־געזעלשאַפטלעכן אויפטו און בכלל האָבן זיי

געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט און מיט האַרץ אויף אַלע יידישע אינסטיטור־ציעס. איך אַליין פלעג ביי זיי נעמען געלט פאַר אונדזערע פרץ־שולן, פאַר וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס. שוין דעמאָלט האָב איך דערפילט, אַז דאָס זענען נישט אַבי וואָסערע יידן און געהאַט פאַר זיי גרויס דרך־ארץ. ווען מען האָט מיר מיט אַ קורצער צייט צוריק געלאָזט וויסן, אַז וועגן געלט פאַר דער הילפס־אַרבעט וועל איך זיך דאַרפן טרעפן מיט אַ נייעם קאַסירער ערגעץ אין אַ געסל ביי דער בערזע, האָב איך זייער מורא געהאַט, צי וועל איך נישט אָנטרעפן אויף אַ מענטשן, וואָס וועט באַגרענעצן מיין הילפס־טעטיקייט. ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דער נייער קאַסירער איז נישט קיין אַנדערער, ווי פריינד אורבאַך, איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן. דער פאַקט צו טרעפן דעם יידן אין יענער צייט, אין די געגעבענע אומשטענדן און אויף יענעם אָרט, האָט ביי מיר אַרויסגערופן נאָך מער רעספעקט פאַר אים. צו פריינד אורבאַך האָב איך טאַקע באַשלאָסן זיך ווענדן וועגן הילף פאַר די קיך־אַרבעטער. און איך האָב זיך נישט אָפּגענאַרט.

ביי אונדזער באַגעגעניש האָב איך אים דערציילט אַלץ, וואָס כ׳האָב געזען און געהערט אין דער קיך און געבעטן, ער זאָל באַשטימען אַ צוגאָב־סומע פאַר די 23 פאַרשקלאַפטע אַרבעטער אין קיך; ביי דער געלעגנהייט האָב איך אים געוויזן אַ רשימה פון נאָך צענדליקער שקלאַפן־אַרבעטער ביי פרעדי בלום, וועמען איך טייל אויס אַ צוגאָב־הילף צו דעם הונגער־לוין, וואָס זיי באַקומען. פריינד אורבאַך איז אַנטקעגנגעקומען מיין בקשה און אויך צוגעזאָגט ביי דער ערשטער מעגלעכקייט צו באַזוכן די קיך.

אַ צעשטראָלטער בין איך אַוועק פון פריינד אורבאַך מיט דעם געפיל, אַז איך האָב שוין אַ סומע געלט פאַר די קיך־אַרבעטער. בלייבט איצט איבער אַרויסצובאַקומען מלבושים און שיך פון דעם חברה־מאַן הערץ, וואָס הערשט אויף בולוואַר דע מידי נומער 40.

כאָטש כ׳האָב ערשט מיט אַ וואָך צוריק אַרויסבאַקומען פון אים אַ פעקל קינדער־זאַכן פאַר אויסבאַהאַלטענע משפחות — האָב איך דאָך באַשלאָסן זיך ווידער ווענדן צו אים וועגן די קיך־אַרבעטער. אין אַ שיי־נעם פרימאָרגן בין איך אַריין אין דעם הויז אויף בולוואַר דע מידי און

געבליבן שטיין פאַר דער אייזערנער באַריער. ווי איך האָב שוין געהאַט דערמאָנט, האָט נישט יעדער געקאָנט אַריין אין דעם הויז; דאָך האָב איך דאָ געטראָפן אַ געוויסע צאָל מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט פאַר דער באַריער. עס איז פונקט אין אַ וואָך, ווען מען האָט געשיקט אַ טראַנספּאָרט.
די באַוועגונג און געקלאַפּעריי איז דאָ געווען אויסערגעוויינלעך: די אָנגעשטעלטע זענען אַרומגעלאָפן אַהין און צוריק, ווי משוגעים. אין איין שטוב האָט מען געפּאַקט פּעקלעך, כלומרשט מיטצונעמען פאַר די קרבנות (אין דער אמתן זענען די פּעקלעך געווען פאַר די דייטשן). אין אַ צווייטער שטוב האָט מען אויסגעפּאַקט סחורות פון קאַסטנס. בכלל זענען אַלע צימערן געווען אָנגעפּיקעוועט מיט אַלערליי גוטס. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גרויסן סחורות־דעפּאָ פאַר דער באַפעלקערונג. איך האָב אָבער געוווּסט, אַז דאָס אַלץ איז פאַר די דייטשן און אַז די אַרויסגעשיקטע מיטן טראַנספּאָרט דערלעבן דאָס גאָרנישט צו זען. איך האָב געוואָלט וואָס גיכער אַרויס פון דעם הויז — האָב איך זיך אַרונטערגעכאַפּט אונטער דער באַריער און ווענדנדיק זיך צום אָנגעשטעלטן וועכטער, געזאָגט אים, אַז איך וויל זען דעם פּאַטראָן (אַזוי האָט מען אין דעם הויז גערופן הערצן).

דערזעענדיק מיך אינעווייניק, איז דער וועכטער צעטומלט געוואָרן און ערשט אין אַ ווײַלע געענטפערט, אַז ער ווייס נישט, צי דער פּאַטראָן איז דאָ. אין דעם מאָמענט האָבן זיך געהערט דעם פּאַטראָנס געשרייען צו די אָנגעשטעלטע. איך האָב זיך נאָך אַ מאָל געווענדט צום וועכטער, שוין אַ ביסעלע שטרענגער, און פאַרלאַנגט, ער זאָל אַרויפטעלעפאָנירן אין ביוראָ און מעלדן, אַז טאַבאַקמאַן וויל זען דעם פּאַטראָן הערץ. אַ פּרוי־ען־שטימע האָט געענטפערט, איך זאָל אַרויפקומען.

אַרויפגעקומען אין ביוראָ, בין איך געווען איבעראַשט דאָ צו טרעפן דעם חבר בונימס טאָכטער אַלס סעקרעטאַרקע (זהבה בונים, איצט — אין ישראל).

געוווּסט האָב איך, אַז זי אַרבעט אין א. זש. בע., איך האָב אָבער נישט דערוואַרט זי דאָ צו טרעפן; אויך זי איז געווען איבעראַשט צו זען מיך ביי הערצן. זי האָט מיך זייער גוט אויפגענומען און געבעטן וואַרטן, ביז הערץ וועט אַרויפקומען. צווישן אונדז האָט זיך פאַרבונדן אַ נישט

דרייסטער און פאַרזיכטיקער שמועס. מיר האָבן זיך געקאָנט פון וויטנס: איך פלעג אַרויפקומען צו חבר בונים וועגן פאַרשידענע פאַרטייאישע ענינים און פלעג זי טרעפן אַ מאָל ביי דער פּיאַנאָ, אַ מאָל ביי אירע לעקציעס. זי האָט מיך איצט געפרעגט, צי ווייסט דער פּאַטראָן וועגן מיין וויזיט. ווען איך האָב געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט, איז זי געבליבן אין פאַרלעגנהייט. כ׳האָב זי באַרויקט און פאַרזיכערט, אַז ער וועט מיך אויפנעמען. מיט די יודנראַטלער מאַך איך קיינמאָל נישט קיין באַשטעלונג און קום צו זיי, ווען איך דאַרף. זיי ווייסן שוין דערפון, עס שמעקט זיי אפילו נישט, אָבער זיי דולדן מיך.

די טיר האָט זיך געעפנט און הערץ האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל. ער איז געבליבן אַ ווײַלע געפּלעפט, זיך נישט געריכט אויף אַזאַ „גאַסט".

באַלד האָט ער באַקומען ווידער זיין לשון:

— „אַך, הער טאַבאַקמאַן, וואָס ברענגט אייך צו מיר? איך האָב דאָך נישט לאַנג צוריק אייך באַזאָרגט מיט אַ פּאַק זאַכן. האָט איר זיי באַקומען?.

אין דעם מאָמענט איז מיר בליץ־גיך אַדורך אַ געדאַנק: פאַרוואָס זאָל איך רעדן בלויז וועגן די קיך־אַרבעטער? און וואָס איז מכוח אַלע אַנדערע, די — **וואָס באַהאַלטן זיך אויס און גייען אַרום אָפּגעריסן,** אָן אַ העמד אויפן לייב, אָן שיך אויף די פיס?. אַרויסצוקריגן עפּעס פון דער סאָציאַלער הילף ביי די א. זש. בע. קומט אָן מיט גרינע ווערים. און פאַר־וואָס טאַקע נישט בעטן אויף שפּייז, איז מיר געקומען איצט אויפן זינען. דאָ איז דאָך פאַראַן אַזויפיל און איך האָב איצט די גוטע געלעגנהייט.

— געוויס האָב איך דעם פּאַקעט דערהאַלטן, אָבער דאָס איז דאָך אַ טראָפּן אין ים; דאָס איז אַ שטויבעלע אין פאַרגלייך מיט דער נויט, מיט דעם הונגער, וואָס הערשט צווישן די יידן! איר דאַרפט דאָס אַליין פאַר־שטיין.

איך ווייס נישט, פון וואַנען ביי מיר האָט זיך גענומען מוט צו רעדן אין אַזאַ טאָן מיט דעם פּאַטראָן הערץ; אין אַ טאָן, ווי איך וואָלט אים געדראָט. צום סוף האָב איך פאַר אים געמאָלן די פאַרשקלאַפּטקייט פון די

קיך־אַרבעטער, זייער אָפּגעריסנקייט און אָפּגעשליסנקייט, און איך האָב נאָך געלאָזט פאַלן אַ באַמערקונג:

— וועט איר האָבן אַ ביסל ווינציקער פאַר די דייטשן!

איך האָב זיך אַליין דערשראָקן פאַר מיינע ווערטער און ביי זיך אַ טראַכט געטאָן: ער זיצט ביים טעלעפאָן, ער קען אַ קלונג טאָן אין געסטאַפּאָ און באַלד וועט זיין אַ סוף.

מיין דרייסטקייט האָט אים אָבער, ווייזט אויס, אַ ביסל צעטומלט; ער האָט געמאַכט אַ גוטע מינע צום בייזן שפּיל און געזאָגט:

— „איך האָב אַכטונג פאַר אייער איינשטעלן זיך פאַר אַנדערע און וועל אייך געבן, וואָס איר ווילט. איר קענט אויך יעדן חודש באַקומען אַ געוויסע צאָל זאַכן און פּראָדוקטן פון מיר. נאָר מאַכט מיר נישט קיין רעקלאַמע!.

איך האָב דערפון געדרונגען, אַז ער גיט אויס מורא און ס׳איז אים באַקוועמער, מען זאָל דאָס נישט צעפּלוישן פאַר קיינעם.

ער האָט מיטגעשיקט אַן אָנגעשטעלטן און געהייסן מיר געבן אַלץ, וואָס איך דאַרף און מאַכן אַ רשימה פון דעם, וואָס איך נעם. במשך פון אַ שעה האָב איך געהאַט די אַלע זאַכן, וואָס זענען געווען נייטיק: אַרבעטס־שיך, פאַרטעכער און אפילו שטאָף צו מאַכן הויזן פאַר די אַרבעטער. דאָס אַלץ האָב איך דורך פאַרשידענע וועגן אַריבערגעפירט צו מיר אין דער קאָנספּיראַטיווער דירה.

*

כ׳בין געקומען צו די קיך־אַרבעטער אין די פרימאָרגן־שעהן, ווען זיי זענען אַליין און קיינער פון די אויפזעער איז דאָרט נישטאָ; דערציילט, וואָס ס׳איז מיר געלונגען פאַר זיי צו באַקומען. גלייך אויסגעצאָלט די צוגאָב־סכומען צו דעם געהאַלט, וואָס זיי קריגן פון פּרעדי, און פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן דאָס באַקומען יעדן חודש און אַז אין גיכן וועל איך זיי אויך קאָנען ברענגען די הויזן, פאַרטעכער און שיך.

ס׳איז שווער צו באַשרייבן די פרייד פון די דאָזיקע מענטשן; נישט

אַזוי ווייט צוליב דער הילף, וואָס זיי באַקומען, ווי צוליב דעם באַוווסטזיין, אַז עמעצער אינטערעסירט זיך מיט זיי און זיי זענען שוין נישט אַזוי הפקר.

בעת מיין שמועס מיט זיי איז אָנגעקומען נאַטאַן לעווקאָ־וויטש, וואָס איז געווען הויפּט־פאַרוואַלטער פון דער קיך; דרך אגב — זייער אַ סימפּאַטישער מענטש (געשטאָרבן אין בריסעל נישט לאַנג צוריק). ער האָט מיך געקאַנט פון מיין געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער טעטיקייט. איך האָב אים איבערגעגעבן וועגן די אַלע ענינים אין שייכות מיט די קיך־אַרבעטער. לעווקאָוויטש האָט מיר געדאַנקט און דערביי אויך פאַרקלאָגט זיך, אַז ער אַליין איז דאָ זייער פאַרשקלאַפט ביי דער ארבעט. די אחריות פאַר דער גאַנצער קיך־אָרגאַניזאַציע ליגט אויף זיינע פּלייצעס; די אַנדערע פאַרוואַלטערס — די לאַזאַרס און דארפס — קומען קיינמאָל נישט אַריין; אויב זיי באַווייזן זיך יאָ אַ מאָל, איז בלויז פון יוצא וועגן. חוץ די טאָג־טעגלעכע אויפגאַבעס אין קיך, דאַרף ער יעדן טאָג באַזאָרגן מיט מיטאָג די יידן אין קעלער און צוזען זייער צער. און יעדעס מאָל די איבערלעבונג ביים אָנקוקן די געסטאַפּאָ־לייט...

לעווקאָוויטש האָט מיר נאָכאַמאָל באַדאַנקט פאַר דעם אויפטו. ביי דער געלעגנהייט האָט ער מיר נאָך דערציילט, אַז אויך ער באַקומט פון פריינד אורבאַך געלט פאַר זיינע סאָציאַלע פאַלן, וואָלט ער דעריבער גע־וואָלט פון אים באַקומען אויך יענע צוגאָב־סומען, וואָס איך האָב אויסגע־פועלט פאַר די קיך־אַרבעטער, בכדי זיי זאָלן נישט דאַרפן באַקומען זייער לוין פון צוויי ערטער. איך וואָלט אים געווען ליבער, אַז די אַנדערע זאַכן, ווי שייך און קליידער זאָלן צו זיי פאַרטיילט ווערן פון אונדז ביידן, כדי עס זאָל זיך נישט שאַפן קיין אומבאַרעכטיקטע פיינדשאַפט צווישן אים און די אַרבעטער. איך בין אויף דעם איינגעגאַנגען. לעווקאָוויטש האָט מיר אויך צוגעזאָגט זיך באַמיען, אַז דאָס עסן אין קיך זאָל זיין בעסער. וואָס שייך מיין פאָרשלאַג איינצופירן ווינציקער אַרבעטס־שעהן און איינ־שטעלן אַן אַפּרו־טאָג, וואָלט דאָס אוודאי געווען ריכטיק; אָבער ער איז אין דעם פאַל הילפלאָז און מיט פרעדי בלום וויל ער זיך נישט פאַרטשעפּען. וועגן דעם האָט ער געעצהט צו רעדן מיט פּראָפעסאָר פּערלמאַן, וועלכער קען האָבן אויף דעם פאַרשוין אַ השפּעה.

איך האָב דעם ענין געבראַכט צו פּראָפעסאָר פּערלמאַן: אין אָנהייב האָט ער קוים געוואָלט גלייבן, אַז אַזאַ פאַרשקלאַפּטקייט קאָן בכלל האָבן אָן אָרט, ביז ער האָט אַליין באַזוכט די קיך און געזען מיט די אייגענע אויגן.

צו יענער צייט האָב איך אָפּגעדרוקט אַ נאָטיץ אין דער אומלעגאַ־לער צייטונג „אונדזער וואָרט". שרייבנדיק וועגן דער סאָציאַלער הילף ביי די א. זש. בע. האָב איך אויף אַזאַ אופן געשילדערט דעם מצב אין קיך:

...ווילט איר וויסן, וואָס עס הייסט שווערע אַרבעט, גייט אין קיך: מען אַרבעט דאָרט, ביז מען פאַלט פון די פיס; נישטאָ קיין אָפּרו־טאָג, מענטשן האָרעווען פון 5 פאַר־טאָג, ביז 12 אַזייגער ביינאַכט און פאַר דעם אַלעם ווערן זיי קלאָגעדיק באַלוינט, גייען אַרום אָפּגעריסן, אָן שיך. זיי האָבן שוין קוים אַ צורת־אדם, אַבי — זיי ווערן „געדעקט"...

אָט די פּאָר שורות מיינע באַנאַנד מיט די אינטערווענצן, האָבן געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער קיך. ווען איך בין ווידער צו זיי געקומען מיט דעם פּאַק זאַכן פאַר די אַרבעטער, איז פריינד נאַטאַן לעווקאָ־וויטש מיר אַנטקעגנגעקומען און מיט פרייד אָנגעזאָגט די גוטע בשורה וועגן ענדערונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין קיך, ווו די אַרבעטער האָבן מיך פריידיק באַגריסט. מען האָט מיר אָנגעוויזן אַ רשימה אויף דער וואַנט, ווו ס'איז געווען רעגיסטרירט איטלעכן אַרבעטערס פרייער טאָג פאַר דער וואָך. מען אַרבעט שוין בלויז ביז 9 אַזייגער. פריינד נאַטאַן האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געקראָגן אַ פאַר־אָרדענונג צו מאַכן אַ רעמאָנט אין לאָקאַל, ווי אויך צו פאַרבעסערן די קוואַליטעט פונעם עסן.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך זייער געפרייט; פאַר מיר אַליין איז אָבער די לאַגע געוואָרן נאָך שווערער, ווייל די אַרבעטער האָבן גע־בעטן, כ'זאָל זיי נישט פאַרלאָזן און אָפטער באַזוכן. מיר האָבן צוגעפּעלט שעהן צום טאָג און טעג צו דער וואָך.

שרייבנדיק וועגן דעם אַלעם, מוז איך אויך דערמאָנען דעם איבער־פאַל, וואָס די געסטאַפּאָ האָט געמאַכט אויף דער קיך: מאָנטיק דעם 26־סטן יוני 1944 האָבן געסטאַפּאָ־לייט זיך אַריינגעריסן אינעם הויז מיט געווער אין די הענט. זיי האָבן אַריינגעשלעפּט אַלע באַזוכער אין איין צימער און

וואַרפנדיק אַיין מענטש אויפן אַנדערן, אויסגעטיילט אויף לינקס און אויף רעכטס זידלערייען און קלעפּ. פון דרויסן האָבן די תלינים אַריינגעשליידערט אַלע מאָל אַ פרישן קרבן אין דעם פול־געפּאַקטן צימער. קינדער האָבן געשריגן און געוויינט און פרויען האָבן ספּאַזמירט. אַ זקנה פון אַ יאָר 80 האָט געבעטן מיט טרערן, מען זאָל רחמנות האָבן און זי אַרויסלאָזן, ווייל זי ווערט דערשטיקט.

— „קראַפּיר, דו אַלטע העקסע!" — איז געווען דער ענטפער פונעם דייטשן רוצח.

פּלוצעם האָט זיך אַריינגעריסן אַ דייטש מיט אַ מאַשין־געווער און אויסגעשריגן מיט אַ ווילדן קול: — „שטיל זאָל זיין, איר — פאַרשייסטעס געזינדל!" — דערביי האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ ציניש געלעכטער, אַ צופרידענער, וואָס אים איז „געלונגען" מיט זיין געשריי און מיט געווער ביי דער האַנט איינצושטילן אַ גאַנצע עדה אומבאַהאָלפענע, טעראָריזירטע יידן, לרוב — עלטערע פרויען און קינדער.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דער דאָקומענטן־קאָנטראָל. די „געדעקטע" האָט מען דערווייל נאָך אַרויסגעלאָזט אויפן הויף, די אַנדערע זענען געבליבן אין צימער. געטיילט אין צוויי פּאַרטיעס, זענען זיי דערנאָך אין לאַסט־אויטאָס אָפּגעפירט געוואָרן אינעם קעלער פון דער געסטאַפּאָ.

איך בין געשטאַנען אין הויף. דאָס האַרץ — פאַרקלעמט, דאָס פּנים אין פלאַקער פאַר אויפרעגונג און פאַר חרפּה און מיט אַלע כוחות זיך אָפּגעהאַלטן פון אַ זינלאָזער טאַט. ווייל וואָס האָב איך געקאָנט טאָן אין מיין אומבאַהאָלפנקייט?... און געטראַכט האָב איך בעת מעשה: וואָלטן מיר געהאַט אַ גוטע זעלבשוץ, וואָלט אפשר, פאַרט געלונגען אָפּצוראַטעווען די קרבנות (עס זענען אין גאַנצן געווען 4, אָדער 5 דייטשן); לכל הפּחות וואָלטן מיר געקאָנט ראַטעווען אונדזער כבוד.

די היימען פאַר אַלטע

נישט בעסער פון דער קיך האָבן אויסגעזען די היימען פאַר אַלטע. די רייכע, „געדעקטע" יידן, אָנפירער פון דער אינסטיטוציע, וועלנדיק אַרויסווייזן זייער געטריישאַפט צום יודנראַט, האָבן נישט ווייניק צרות אָנגעטאָן דאָרטן די זקנים. צום באַדויערן האָט מיר די צייט נישט דער־לויבט אומעטום צו דערגרייכן. אַ סך פון די אַנשטאַלטן האָבן זיך געפונען הינטער דער שטאָט און אַ נסיעה אַהינצו האָט פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג. פאַרנדיק, האָט מען געמוזט זיך דרייען און אויסבאַהאַלטן פון די דייטשע און רעקסיסטישע הינט; דאָס האָט פאַרנומען אַזויפיל צייט, אַז פאַרברענ־גען אין דעם אַנשטאַלט האָט מען געקאָנט בלויז געציילטע שעהן פון טאָג.

מיט מיין באַווייזן זיך אין אַזאַ אָרט פלעגן די מענטשן אויפלעבן; מען פלעג מיך אַרומרינגלען מיט אַזאַ ליבשאַפט, גלייך מען וואָלט דערזען עמעצן פון די נאָענטסטע. דאָקעגן די אָנגעשטעלטע און אָנפירער פלעגן ווערן אָנגעדראָלט און קוקן אויף מיר מיט שנאה: זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דורך מיין וויזיט קאָנען אויפגעדעקט ווערן זייערע „גוטע" מעשים.

איך דערמאָן זיך אַזאַ פאַל: כ'קום איין מאָל אינעם אַלטער־היים אין בריסעל (דעם נאָמען פון דער גאַס געדענק איך נישט) און מעלד זיך אָן אין ביוראָ. באַלד מערק איך די זויערע מינע פון דעם אָנגעשטעלטן, זיין העפלעך־קאַלטע באַגריסונג. איך לייג אַוועק די פעקלעך, וואָס כ'האָב געבראַכט פאַר די זקנים און כאַפּ זיך אַרויס אויפן הויף. דאָרט וואַרטן שוין אויף מיר אַלע אַלטע לייט מיט זייערע ברוך הבאס און גוטע ווונטשן. זיי זענען נייגעריק צו הערן עפּעס נייעס. איך גיב זיי איבער, וואָס עס הערט זיך אין שטאָט און אויך ביי זייערע משפחות, וואָס באַהאַלטן זיך אויס. איך טרייסט זיי, אַז אין גיכן וועט מען זיך באַפרייען פון די היטלער־משחיתים, אַז די צרות און פּיין וועלן שוין לאַנג נישט געדויערן. ענדלעך פרעג איך ביי זיי, ווי עס גייט זיי דאָ אין דעם זקנים־הויז? צי ליידן זיי נישט קיין עוולות? ביי דער פראַגע לאָזן אַ סך פון זיי אַראָפּ די אויגן, מען האָט מורא צו דערציילן, וויאַזוי מען ווערט דאָ באַהאַנדלט. ביסלעכווייז בינדן זיך אָבער פונאַנדער די צונגען. און צו דערציילן איז פאַראַן אַ סך...

לעבן לעבט מען דאָ פון קאַרג צוגעטיילטע ראַציעס און אַז ס׳פאַלט אַ מאָל צו אַ בעסערער פּראָדוקט, ווערן די ראַציעס באַגנבעט. אָט האָט מען זיי געזאָלט צוטיילן ציטרינען. וואָס עס האָט געמיינט אַ ציטרין פאַר אַן על־טערן מענטשן אין יענער צייט און אין יענע באַדינגונגען קאָן מען זיך פאָרשטעלן. וואָס האָבן אָבער געטאָן די רייכע און זאַטע אָנפירער, וואָס זענען פאַר גרויסע געלט־סומעס געהאַלטן געוואָרן אין דער אַלטער־היים, ווי „געדעקטע” אַרבעטער ? , זיי האָבן פּשוט צוגענומען די ציטרינען פאַר זיך, מיט דער זיכערקייט, אַז די איבערגעשראָקענע זקנים וועלן מורא האָבן צו עפענען דאָס מויל. אויך אַלע אַנדערע וויכטיקע פּראָדוקטן פלעגן צו די אַלטע לייט נישט אָנקומען.

און אָט פאַרקלאָגן זיך עטלעכע, שוין גאָר אַלטע יידן : זייער גרעס־טער פאַרגעניגן איז אַרייצוקוקן אין אַ ספר. דעם גאַנצן טאָג איז מען פאַר־נומען מיט דאַווענען, מיט די מאָלצייטן, מיט אויספירן געוויסע דיסציפּלי־נאַרע אַרבעטן ; מיט שפּאַצירן. אין אָוונט, ווען עס ווערט רויק אַרום און ס׳ווילט זיך נעמען אַ ספר אין האַנט אַריין — גיט מען זיי נישט קיין עלעקטרע. אין די צימערן פון די פירער (צווישן זיי — אויך אַ סך פרומע יידן), איז אָבער אין דער אייגענער צייט יאָ ליכטיק... און אַז די אַלטע לייט פאַרקלאָגן זיך — באַקומען זיי נישט קיין ענטפער און אָפט ווערן זיי נאָך באַליידיקט.

בכלל איז די באַציונג צו אונדזערע אַלטע לייט געווען אַ ברוטאַלע. עס האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ אויסצוהערן זייערע טענות : יידן, וואָס האָבן געוואָלט נושא חן זיין ביי די יודנראַטלער, האָבן געפּייניקט אַנדערע יידן.

כ׳בין אַוועק פון דעם דאָזיקן אַנשטאַלט אַ פאַרקלעמטער, און אָפּגע־מאַכט ביי זיך צו געפינען עפּעס אַן אויסוועג.

אין שייכות דערמיט האָב איך זיך צונויפגערעדט מיט צוויי כלל־טוער, וועמענס נעמען ס׳זענען שוין פריער דערמאָנט געוואָרן צום גוטן : פּאַוולאָוויצקי און שלמה מילער. זיי האָבן צוגעזאָגט צו פאַרנעמען זיך מיט דעם ענין. גלייכצייטיק האָב איך אין „אונדזער וואָרט”, אין אַ נאָטיץ אונטערן קעפּל : „אַלטער־היים נומער 1” — געברענגט פאַר דער עפנט־

לעבקייט דעם מצב פון די זקנים. די דערמאנטע כלל־טוער האָבן אויך געטאָן דאָס זייעריקע, און אַלץ אין איינעם האָט געהאַט די נייטיקע ווירקונג: צווישן די אָנפירער איז געוואָרן אַ צערודערונג. די „שיינע יידן" פון א. זש. בע. האָבן זיך געפילט געטראָפן. זיי האָבן זיך כלומרשט געבוזעוועט און פראָטעסטירט, הלמאי „מען פאַרשוואַרצט זיי דאָס פנים פאַר זייער געטרייער אַרבעט". דערפאַר זענען אָבער די זקנים אין די אַלטער־היימען געהאָלפן געוואָרן. מען האָט פאַרבעסערט סיי די באַשפּייזונג, סיי די באַציונג צו זיי און אַלע באַקומען שוין ליכט ביז 9 אַזייגער אין אָוונט.

אין שפּיטאָל

דער יידישער שפּיטאָל — אָן אויפגעצוווּנגענער אויף דער יידישער באַפעלקערונג — האָט געהאַט צוויי צילן: ערשטנס, צונויפזאַמלען די יידישע קראַנקע אויף איין אָרט, בכדי צו קאָנען שפּעטער זיי אויסמאָרדן אַלע פאַר איין מאָל; צווייטנס, אָפּזונדערן זיי פון די בעלגישע קראַנקע, וואָרעם אין אָנוועזנהייט פון די לעצטע וואָלט נישט גרינג אָנגעקומען דורכצופירן אַזאַ טאָטאַלע אויסראָטונג.

זינט דער שפּיטאָל איז געעפנט געוואָרן, האָט זיך מיין לאַגע שטאַרק באַשווערט: דער ווייטער וועג אַהינצו, דאָס באַזאָרגן פאַרשידענע מעדיקאַמענטן, דאָס מיטנעמען שפּייז־פּעקלעך און געלט, און נאָך מער — דער גרויסער האַרצווייטיק ביים צוזען דעם מצב פון די קראַנקע; ווי אַזוי זיי ווערן באַהאַנדלט פון די קראַנקן־שוועסטער, כמעט אַלע — דייטשע פּליטים, וואָס זענען קיינמאָל קיין קראַנקן־שוועסטער נישט געווען נאָר אַריינגעקראָכן דורך פּראָטעקציע, אָדער קויפנדיק די דאָזיקע „דעק"־אַרבעט פאַר גרויסע סומעס געלט. אַזוי אויך די דאָקטוירים און דער גאַנצער פּערסאָנאַל. עס האָט ווי געטאָן צוצוזען ביי יעטוועדן בעטל דעם צער פונעם קראַנקן און צו פאַרנעמען איטלעכנס ווייַ־געשריי. און אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן האָבן זיי געהאַט: טראָץ פילמאָליקן רופן פלעגן די „קראַנקן־שוועסטער" ביינאַכט נישט קומען; יעדע באַהאַנדלונג איז אויסגעפירט געוואָרן מיט גרויס פאַרשפּעטיקונג; איינשפּריצונגען זענען גע־

מאַכט געוואָרן פאַרטאַטשטע און מיט אַזאַ ברוטאַלקייט, אַז זיי האָבן פאַר־שאַפט אומגייטיקן ווייטיק. און ביי דעם אַלעם פלעגן די „גוטהאַרציקע" שוועסטער זיך נאָך זידלען דערצו.

דאָס אונטערזוכן דעם קראַנקן האָבן די דאָקטוירים אויסגעפירט אויף אַזאַ אופן, ווי ווען ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אָביעקט, וואָס ווייסט נישט פון זיך. קיין מעדיקאַמענטן האָט מען נישט באַקומען; אַזוינס איז נישט געווען פאַראַנען אין שפּיטאָל. מיט באַשפּייזונג האָט אויסגעזען, ווי אין אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס: דאָס גוטע, וואָס גוטע מענטשן האָבן צוגעבראַכט פאַר די קראַנקע פלעגט בלייבן ביי די „באַרעמהאַרציקע" שוועסטער. אויסער אַלע פיזישע ליידן, האָבן די קראַנקע געליטן הונגער, און די הונגער־פּיין איז אָפט מאָל געווען פאַר זיי די שווערסטע. פון דעם אַלעם קאָן מען זיך מעשער זיין, וואָסאַראַ מאַטערניש די באַזוכן אין שפּיטאָל זענען געווען פאַר מיר. כ׳פלעג אַהיים־קומען פון דאָרטן אַליין אַ קראַנקער און אַ צעבראָכענער. פון דעסטוועגן האָט מיך געפלאָגט דאָס געוויסן, פאַרוואָס איך קאָן נישט באַזוכן די ליידנ־דיקע טאָג־טעגלעך. מיין פאַרברענגען מיט זיי די עטלעכע שעה פלעג זיי געבן כוח איבערצוקומען די גרויזאַמע צייט, אויך — גלויבן, אַז זיי וועלן נאָך נקמה נעמען אין זייערע פייניקער. אָט דער געדאַנק האָט געשטאַרקט אין זיי דעם ווילן זיך אויפצוהאַלטן און בלייבן לעבן. דאָך זענען אין משך פון געציילטע וואָכן געשטאָרבן 30 יידן: דאָס איז געווען דער סך הכל פון דער „גוטער" באַהאַנדלונג, וואָס זיי האָב באַקומען אין יענעם הויז.

ביי די באהאלטענע משפחות

ווי כ׳האָב פריער דערמאנט, האָב איך געהאַט 120 אַדרעסן פון אויסבאַהאַלטענע משפחות, וועמען צוצושטעלן הילף. ס׳איז אויסגעקומען זיך צו פאַרנעמען דערמיט טאָג־טעגלעך און מיר האָט פשוט אויסגעפעלט צייט. ווענדיק אויספירן פּינקטלעך די אַרבעט, האָב איך גענומען צו

הילף פרוי שרה באגלייטער (פון דער היים — געלבאַרד — היינט אין ניו־יאָרק) און אויך מיינע צוויי טעכטער, וואָס זענען מיר נאָך פאַרבליבן. (ביז דעמאָלט האָבן די דייטשע רוצחים שוין געהאַט צוגערויבט ביי אונדז 4 זין, אַ טאָכטער און אַ שנור). די דאָזיקע דריי מיטאַרבעטערינס פלעג איך איבערגעבן אַ צאָל אַדרעסן און יעדן טאָג האָבן זיי פונאנדערגעפירט געלט און פעקלעך אין די ווייטסטע באַהעלטענישן פון שטאָט. זיי האָבן אויסגעפירט די הילפס־אַרבעט אויף דעם בעסטן אופן, איינשטעלנדיק דערביי זייער לעבן. אויך איינצלנע פון די אויסבאַהאַלטענע פלעגן איינשטעלן מיט מיר זיך צו טרעפן אין „עזרה" און אין דער האָלענדישער שול, ווו איך פלעג זיי איבערגעבן די הילף און ביכער צום לייענען.

די מערסטע משפחות האָב איך אָבער אַליין באַזוכט אין זייערע באַהעלטענישן. מיר פעלן אויס די נייטיקע ווערטער צו קענען איבער־דערציילן וועגן דעם לעבן פון די אַלע באַהאַלטענע יידן; זייער אויסזען, זייער הוילן און בלויזן הילוך, הונגער און שרעק פאַר יעטוועדן שאָרך, וואָס קאָן זיין פון דער געסטאַפּאָ. נישט געקוקט דערויף, וואָס די אַלע צעשראָקענע יידן מיט זייערע פחד־פולע אויגן זענען איצט קלאָר אין מיין דמיון, בין איך פאָרט נישט אומשטאַנד וועגן איטלעכן צו שרייבן באַזונ־דער; וועל איך בלויז דערמאָנען אייניקע פון זיי.

אָט בין איך אויף רי דע האסקאט — אַ גאַס מיט צעשמעטערטע הייזער, וואָס צוליב דער אייזנבאַן בויט מען דאָרט איבער די גאַנצע געגנט. פון איין זייט טראָטואַר שטייען הייזער, פון דער אַנדערער זייט — אַ גע־מויערטע וואַנט. הינטער איר ציט זיך די נאָרד־באַן־ליניע. עס איז אַ פריי־מאָרגן־שעה און מען זעט נישט קיין מענטש פאַר די אויגן. כ׳בין דאָ איינער אַליין און מיין האַרץ איז פול מיט פחד: ערשטנס, קען אָנקומען אַ דייטשער מחבל; צווייטנס, ווייס איך, אַז ווי נאָר כ׳וועל אַ קלונג טאָן ביי דער טיר, וועט מען אינעווייניק, אויף יענער זייט טיר, זיך דערשרעקן און ס׳וועט דאָרט ווערן אַ בהלה. צום ערשטן מאָל ברענג איך הילף צו דער דאָזיקער משפחה. איך ווייס נישט, צי זענען זיי אינפאָרמירט וועגן מיין קומען און כ׳האָב אויך נישט קיין באַשטימטן סימן צום אַריינגיין.

ענדלעך געפונען דעם נומער פון הויז. מיט האַרץ־קלאַפּעניש באַריר

איך שטיל דאָס גלעקל: איך ווייס, אַז ווען געסטאַפּאָ־לייט קומען צו אַ טיר, נעמען זיי האַקן און קלאַפּן און מ׳ווייסט באַלד, ווער ס׳זענען די „געסט״ אין דרויסן. אפשר וועט דאָס שטילע קלינגען נישט אַרויסרופן אין די מענטשן קיין פּחד?

ווי לאַנג מען ענטפערט נישט, האָב איך אַ מעגלעכקייט צו באַטראַכטן דערווייל דעם געביי: עס איז אַן איינשטאָקיק הויז; די אונטערשטע פענצטער זענען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, אין איין פענצטער, אויבן, זענען אויסגעהאַקט די שויבן, דאָס צווייטע איז פאַרהאַנגען מיט אַ ברודיקן ליילעך. דאָס גאַנצע הויז מאַכט דעם רושם פון אַ חורבה, אין וועלכער ס׳געפינט זיך נישט קיין לעבעדיקער נפש. איך שטיי און קוק אַרויף: אפשר וועל איך פאָרט עמעצן דערזען. אין דער רגע האָט אין דער צעבראָכענער שויב זיך באַוויזן אַ פרויען־קאָפּ און איז באַלד פאַרשוווּנדן. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און איך האָב דערהערט אַ שושקען זיך הינטער דער טיר. די טיר האָט זיך געעפנט און פאַר מיר איז געשטאַנען אַ בלאַסע, צעשראָקענע פרוי. איידער זי האָט נאָך באַוויזן ביי מיר עפּעס צו פרעגן, האָב איך איר אָנגעזאָגט, אַז כ׳בין געקומען איבערגעבן הילף אַ יידישער משפּחה, וואָס וווינט דאָ. זי האָט מיך געלאָזט שטיין און אַליין איז זי אַריין אין אַ קעגנאיבערדיקער טיר. אַ ווייילע שפּעטער איז אַרויס אַ מיטליאָריקע פרוי. שווייגנדיק, האָט זי מיך באַטראַכט אַ רגע און איך האָב פאַרשטאַנען איר מיין: ווער ווייס, צי איז עס נישט אַמאָל זשאַק, דער מסור? איך האָב זי באַלד באַרויקט און איר איבערגעגעבן, וועגן וואָס כ׳בין אַהערצו געקומען.

זי האָט מיך אַריינגעפירט אין שטוב. כ׳בין געבליבן שטיין, אַ צעטומלטער, ביי דער טיר: אַנטקעגן מיר, ביים טיש, וואָס איז געווען צוגערוקט צום פענצטער, איז געשטאַנען אַ מאַן, איינגעהילט אין אַ טלית און געהאַלטן גראָד אין פאַרוויקלען די תפילין. ער האָט דערשראָקן געקוקט אויף מיר. אַ דערוואַקסן יינגעלע, וואָס איז געשטאַנען ביי זיין זייט מיט אַן אָפענעם סידור, האָט אויך געקוקט אויף מיר מיט צעשראָקענע אויגן. אין מיטן שטוב איז געזעסן אויף דר׳ערד אַ מיידעלע און געקייט אַ רויען מייער; פון פּחד האָט זי זיך גענומען צושאַרן צו דער מוטער. ביי דער

צעבראָכענער קיך, אויף אַ נידעריק קעסטל, איז געזעסן אַן עלטער מיידע־לע, וואָס האָט געשיילט און געשניטן מייערן און אַריינגעלייגט אין אַ טאָפּ. די פינף נפשות מיט בלאַסע, אָפּגעצערטע פּנימער, צונויפגעדרענגט אין דעם איינציקן חדר, האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געזעסן נאָך עמעצן שבעה.

איך האָב דער ערשטער אָנגעהויבן צו רעדן; באַרויקט זיי און גע־מאָלדן, אַז היות מען האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז דאָ נייטיקט מען זיך אין הילף, בין איך צוליב דעם געקומען, און זאָלן זיי זאָגן, וואָס איך קאָן פאַר זיי טאָן.

די מענטשן האָבן פריירער אָפּגעאָטעמט און געקראָגן מער צוטרוי: ס'איז געווען צו מערקן, אַז אַ שטראַל פון האָפענונג האָט אויפגעלויכטן אין זייערע בלייכע פּנימער. פון דעם קלענסטן מיידעלע אויף דער ערד, ביז דעם מאַן אינעם טלית. זיי זענען געוואָרן פריילעכער און באַרעדעוו־דיק: הייסט עס: עס זענען נאָך פאַראַן יידן, וואָס שטעלן איין דאָס לעבן צו ראַטעווען אַנדערע. מען האָט מיר געדאַנקט, מיך געבענטשט; שוין חדשים, ווי זיי האָבן קיין ייד פאַר די אויגן נישט געזען. באַלד איז מיר באַוווסט געוואָרן, אַז זיי באַהאַלטן זיך דאָ אויס ביי דער בעלגישער פרוי, וואָס אַ מאָל פלעג זי אַרבעטן ביי זיי, און זי באַזאָרגט זיי מיט וואָס זי קאָן נאָר. אין אָנהייב איז נאָך געווען אַ ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט, נאָר דאָס געלט איז שוין פון לאַנג פאַרברויכט געוואָרן. מען האָט שוין אַלץ פאַר־קויפט פון זיך, און טאַקע דורך דער בעלגיערין. מיט אַ צייט צוריק האָט די דאָזיקע פרוי זיך איינגעשטעלט און אַוועק אין דער „עזרה״, בכדי זיי צו העלפן. דאָרט האָט זי געטראָפן אַ באַקאַנטן, וועלכער האָט צוגעזאָגט צו באַזאָרגן פאַר זיי הילף. זיי אַליין האָבן זיך אָבער נישט געקאָנט גלייבן: ווער וועט עס וואַגן צו קומען אַהער? איצט זעען זיי, אַז גאָט האָט זיי נישט פאַרלאָזן.

ווייטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז זיי פאַרמאָגן בלויז די איינ־ציקע העמדער, וואָס אויפן לייב, און די לעצטע עטלעכע טעג דערנערן זיי זיך אויסשליסלעך מיט מייערן. איך האָב זיי איבערגעגעבן אַ ביסל געלט,

צוגעזאָגט צו קומען אין צוויי וואָכן אַרום, און אַ טיף גערירטער בין איך אַוועק.

אַן אַנדער מאָל בין איך אויף די טאַנער; כ׳זוך דאָרט דעם אַדרעס פון מיין לאַנדסמאַן, דעם דיכטער קוטנאָווסקי. די גאַס איז פול מיט געפילדער, מענטשן באַוועגן זיך. ווי אַלע מאָל: וועגענער, טאַקסיס, וועגעלעך מיט עסנוואַרג, אויסגעשטעלט אויף דער גאַנצער גאַס. מיין האַרץ איז פאַרביטערט. אויף דער גאַס זענען אַלע מאָל געווען אויך יידישע געשעפטן, און הונדערטער יידן זענען געווען אריינגעפלאָכטן אין דעם אַלגעמיינעם מענטשן־שטראָם. איצט איז די גאַס יידן־ריין.

איך שטיי פאַר אַ טויער, לויטן אַדרעס, וואָס איך האָב פאַרגעדענקט. אָבער איך בין אין ספק; גיי איך אַריין אין הויף, דריי זיך אַהין און צוריק. פאָרט דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז די טויער. כ׳גיב אַ קלונג און שטעל זיך ביי די ברייטע, פינצטערע טרעפּ, צוצוהערן זיך, צי עס גייט ווער. אַ טיר עפנט זיך; איך גיי אַרויף די פּאָר טרעפּ און דערקען די פרוי; זי מיך אויך. זי פירט מיך אַרויף אויפן צווייטן שטאָק. מיר קומען אַריין אין שטוב: עטלעכע צימערן אָרעם מעבלירט. אין עס־שטוב ביים טיש זיצט דער מאַן, געבויגן איבער בלעטלעך פּאַפּיר און שרייבט. דערהערנדיק עמעצן אַריינקומען, הייבט ער אויף דעם קאָפּ, נאָר ער דערקענט מיך ערשט, ווען איך בין שוין גאָר נאָענט פון אים.

— „אָ, חבר ט. — וואָס טוט איר אין אַזאַ צייט ביי מיר? איר ווייסט דען נישט, ווי געפערלעך ס׳איז אין דער געגנט? עס ווימלט דאָך דאָ טאָג און נאַכט מיט געסטאַפּאָ־טאַקסיס; אַלע מאָל הערט מען דאָ אויסגעשרייען פון די געכאַפּטע קרבנות.״

ענטפער איך אים, אַז ער קאָן דאָך מיך: כ׳בין נישט קיין שטוב־זיצער; בפרט טאַקע — היינט.

בעת מעשה טראַכט איך מיר: ווי אַזוי זאָגט מען אים אָן, וועגן וואָס כ׳בין געקומען; אפשר וועלן זיי זיך פילן געטראָפן?. אָט די פאַמיליע האָט שטענדיק געלעבט פון אַרבעט, קיינמאָל נישט אָנגעקומען צו מענטשן און נישט געוואָלט קיינעמס הילף. ער האָט זיך פאַרנומען מיט קאָמאַשנשטעפּ־

פעריי; אַזוי לאַנג געאַרבעט ביי דער מאַשין, ביז ער איז כמעט בלינד געוואָרן און געמוזט אָוועקלייגן די אַרבעט. די משפחה איז באַשטאַנען פון 6 — 3 זין און אַ טאָכטער. איין זון איז צוזאַמען מיט נאָך יידישע יוגנטלע־כע פון בעלגיע געפאַלן אויפן שפּאַנישן פראָנט אין קאַמף קעגן פראַנקאָ. איצט דערציילן זיי מיר, אַז דער אַנדערער זון זייערער איז אין דער אונטערגרונד־באַוועגונג און שוין לאַנג, ווי ער קומט נישט אַהיים (אַ צייט שפּעטער — געכאַפּט געוואָרן ביי סאַבאָטאַזש־אַרבעט און אומגעבראַכט דורך דעם נאַצישן קריגס־געריכט. געוואָלן שמועות, אַז זיי האָבן אים אויפגעהאָנגען).

מיר האָבן גערעדט וועגן פאַרשידענע ענינים און דערנאָך האָט ער־פּאַר מיר געלייענט זיינע לידער. אַרומקוקנדיק זיך אין די ווינקלען, האָב איך אויסגעפונען, אַז די שטוב איז אויסגעטרוקנט פון יעדן ביסל שפּייז און אויך אויף זייערע פּנימער איז געלעגן דער הונגער. זייער פּאַרזיכטיק האָב איך זיי סוף כל סוף אויפגעקלערט דעם ציל פון מיין קומען. אין זייערע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. איך האָב זיי באַרויקט און אויפגע־וויזן, אַז אויך נעכטיקע גבירים קומען היינט אָן צו הילף. דאָס וויכטיקסטע איז: מען דאַרף זיך דערהאַלטן און איבערלעבן די שווערע צייט. זיי האָבן געבעטן, אויב מעגלעך — זאָל מען זיי איבערבייטן די וווינונג. די געסטאַפּאָ האָט שוין עטלעכע מאָל דורכגענישטערט דעם הויף, און זיי לעבן דאָ אין שטענדיקער שרעק. איך האָב זיי פאַרגעלייגט אַריבערצוגיין אין אַן אַלטער־היים און זיי האָבן מסכים געווען. כ׳האָב געוווּסט, אַז ס׳וועט זייער שווער אָנקומען צו ברענגען זיי אין אַזאַ אַנשטאַלט, דאָך האָב איך באַשלאָסן זיי איינצוואָרדענען דעם ענין.

מיט אַזאַ באַזוך האָבן די מענטשן אַריינבאַקומען אין זיך ניי לעבן. נישט אַזוי ווייט דאָס געלט, וואָס מען האָט זיי געגעבן, נאָר דער מענטשלע־כער אינטערעס איז דאָ געווען דער עיקר. איך ווייס נישט, פאַרוואָס דאָס איז געווען אַזוי, נאָר די משפחה האָט ביי מיר אַרויסגערופן מער סימפּאַ־טיע, ווי אַ סך אַנדערע. אפשר, ווייל זיי האָבן שוין געהאַט געגעבן צוויי קרבנות אויף אַזאַ אופן? (וועגן דעם צווייטן קרבן האָבן זיי אַ צייט לאַנג אַליין נישט געוווּסט). אויסער דעם האָבן זיי געוווינט נאָענט, אין שטאָט,

האָב איך דעריבער געקאָנט זיי אָפּטער באַזוכן. סוף כל סוף איז מיר גע־לונגען אַריבערצופירן זיי אין אַן אַלטער־היים.

און דער טייוול האָט געלאַכט...

אין יענער צייט, ווען דער יידישער יישוב אין בעלגיע האָט איבער־געלעבט די שווערסטע עינוים, געווען אויסגעשטעלט אויף שטענדיקע איבערפאַלן, געלעגן באַהאַלטן אין פינצטערע לעכער, געליטן הונגער און קעלט, באַראַבעוועט און דערנידעריקט געוואָרן, און אינעם לעצטן סך הכל אויך געוואָרן פּאַרטיליקט — אין דער זעלבער צייט האָבן געוויסע יידן (פון דורות — בעלגיער און אויך די „נאַטוראַליזירטע") אַלץ נאָך געהאַט אילוזיעס, אַז „דאָס מיינט מען נישט זיי"...

אמת איז, אַז הגם אַלע גזירות אויף יידן זענען געווען חל אויך אויף זיי, האָבן זיי פּאָרט ווינציקער געליטן פון אַנדערע און אין אַ געווי־סער מאָס אויסגעמיטן טאָקע אַ סך צרות; אַ טייל פון די דאָזיקע יידן איז געווען „געדעקט" ביי אַרבעט; אַנדערע האָבן געהאַט „דעק"־קאַרטן פון געסטאַפּאָ און איינגערעדט זיך דעריבער, אַז מ'איז יחסנים ביי דער געסטאַפּאָ. די מערסטע פון זיי האָבן אפילו נישט געביטן זייערע וווינונגען. זייענדיק עקאָנאָמיש בעסער פאַרזאָרגט, האָבן זיי נישט געדאַרפט אָפט אַרויסגיין אין גאַס, נישט געוואָרפן זיך דער געסטאַפּאָ אין די אויגן און געלעבט אין איינרעדעניש, אַז זיי וועלן זיך אַזוי דורכדרייען די גאַנצע צייט.

נאָר אַ מענטש טראַכט און דער טייוול לאַכט... די דייטשן האָבן זיך צוגעקוקט מיט שפּאָט צו דעם אַלעם און אָנגעקוואָלן דערפון, וואָס זיי וועלן קאָנען נעמען אַזויפיל יידן מיט אַ מאָל. פון צייט צו צייט פלעגן זיי ביינאַכט באַזוכן אַזאַ בעלגיש־יידישע משפּחה. זעענדיק, אַז אויס צוטרוי צו די דייטשן בלייבן זיי אין די היימען און קלייבן זיך נישט צו אַנטלויפן — פלעג מען זיי איבערלאָזן און אַוועק. דער ייד האָט זיך געפרייט;

סטייטש — די געסטאַפּאָ האָט אים איבערגעלאָזט! הייסט עס דאָך טאַקע, אַז אים מיינט מען נישט. אַנדערע, וועלכע האָבן עטוואָס בעסער אָפּגע־שאַצט די סיטואַציע, האָבן זיך פאַרזאָרגט אויך מיט אַן אומלעגאַלער דירה.

און מיט איין מאָל איז דאָס אומפאַרמיידלעכע געשען... די דייטשע מיליטערישע קליקע איז דעמאָלט געווען צערודערט צוליב די שלעכטע ידיעות פון די פראָנטן און, אויסלאָזנדיק דעם כעס צו די יידן, האָבן זיי איצטער דורכגעפירט די געפּלאַנטע שחיטה. אין אַ געוויסער נאַכט האָט די געסטאַפּאָ אַרויסגענומען אַלע בעלגישע יידן (די אַזוי גערופענע בעל־גישע „יאַהודים״) אין דער צאָל פון אַרום 600, און גלייך זיי אָפּגעשיקט קיין מאַלין. אַזאַ פאַנג האָבן די דייטשן שוין לאַנג נישט געהאַט.

אויף אַזאַ אומגליק האָט זיך קיינער נישט געריכט. אַ פּאַניק האָט אַרומגענומען דעם רעשט ביסל יידן. אפילו די יודנראַטלער זענען פאַר־ציטערט געוואָרן, הערנדיק אויף צו מאָרגנס וועגן דעם בראָך. מען האָט אין דעם געזען אַ סימן, אַז די געסטאַפּאָ וויל צואיילן די ליקווידאַציע פון גאַנצן יידישן יישוב אין בעלגיע.

אַזוי ביטער זענען אָפּגענאַרט געוואָרן די האָפענונגען פון די בעלגישע „יאַהודים״.

מיין געהיימע דירה

מיין געהיימע דירה האָט זיך געפונען אין אַן אויסגעשפּראָכן בעל־גישער געגנט — אַזש ביים וואָקזאַל פון סקארבעק, אויף דער גאַס אַנאַטאָל פראַנס נומער 20. זי איז באַשטאַנען פון 6 צימערן.

געדונגען די דירה האָט אונדזער זון, לייבל, דורך אַ בעלגישן פריינד, פראנסוא, פאַר דער גאַנצער משפחה. דער סוף איז אָבער געווען, אַז מיין זון, לייבל מיט זיין פרוי און מיין טאָכטער ראשעל זענען געכאַפּט געוואָרן נאָך אין זייער ערשטער געהיימער וווינונג. דאָס צוכאַפּן די דריי קינדער אויף איין מאָל האָט אונדז דערלאַנגט מיט אַ האַמער

איבערן קאָפּ. ובכן: ביז איצט — שוין 5 קרבנות! ווי האַלט מען דאָס אויס? איך האָב זיך אָבער געמוזט שטאַרקן. סיי צוליב דעם, כדי מיט אַלע כוחות צו פּרוּוון ראַטעווען דאָס, וואָס מיר איז נאָך געבליבן פון דער משפּחה, און סיי צוליב דער לאַגע אין יישוב: די אַרבעט און אחריות האָבן אויך צוגעגעבן אימפּעט. יעדן טאָג זענען געכאַפּט געוואָרן הונדער־טער חברים, פריינד און סתם יידן, די אַרבעט פון פאַרזאָרגן פּעקלעך פאַר אייגענע און פאַר אַנדערע קיין מאַלין און אויך פאַר אויסבאַהאַלטענע קינדער, דאָס גיין באַזוכן דאָס קליינוואַרג אין זייערע געהיימע דירות און זען, צי מען באַהאַנדלט זיי גוט; דאָס פאַרבינדן די פעדים פון הילפס־טעטיקייט פאַר הונדערטער מענטשן — דאָס אַלץ האָט מיר נישט איבער־געלאָזט קיין צייט צו טראַכטן וועגן מיין צעבראָכנקייט. ווי האָב איך גע־מעגט אַרויסוויזן מיין פאַרצווייפלונג אין אַזאַ לאַגע?, פאַרקערט — ס'איז נאָך אויסגעקומען אָנצושרייען אויף יעדן איינציקן, וואָס האָט זיך אָפּגע־לאָזן, צי גאָר געוויינט און געקלאָגט.

אין אַזעלכע טעג און אין אַזאַ שטימונג האָבן מיר זיך אַריבערגע־טראָגן אין דער נייער, געהיימער דירה — מיין פרוי, איך און אונדזער יונגערע טאָכטער, פרידע מיט איר מאַן. די עלטסטע טאָכטער, לאהטשע, האָט געוווינט ביי אַ בעלגישער פריינדין, מיר דוכט, אין דער געגנט, וואָס רופט זיך פּאַרע. דער עלטסטער זון, מאיר, מיט זיין פרוי האָבן אויך נישט געקאָנט גיין מיט אונדז אין דער נייער דירה. דער מאָטיוו איז געווען, אַז אין דער געגנט פון זייער דירה וווינען אַלע באַקאַנטע בעל־גיער, מיט וועלכע מאיר שטייט אין קאָנטאַקט וועגן אַלערליי אומלעגאַלע ענינים. אַזוי אַרום איז פון מיין גרויסער שטאָט געוואָרן אַ גאָר קליינטשיק דערפל: בלויז 4 מיטגלידער פון מיין צאָלרייכער משפּחה האָבן פאַרנומען די רחבותדיקע דירה.

נאָר ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און דאָס קליינטשיקע „דערפל" איז ווידער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עיר מקלט, וואָס האָט געווימלט מיט לעבן. צוליב דעם וואָס די וווינונג האָט זיך געפונען אין אַ ווייטער, זייטיקער, הינטערשטאָט־געגנט, באַפעלקערט פון לויטער בעלגיער; אויך — צוליב די גרויסע צימערן און דעם היפּשן גאָרטן אַרום מיט די פיל־

צאַליקע באַהעלטענישן — איז זי געווען צוגעפּאַסט פאַר אונדזער אומלעגאַלער אַרבעט און איז געוואָרן דער פאַרבינדונגס־צענטער פון דער גאַנצער אונטערערדישער טעטיקייט.

אין משך פון עטלעכע טעג האָבן זיך אַהער אַריינגעצויגן נאָך חברטעס און חברים און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ זייער אינטענסיווע אַרבעט. ווי איך האָב שוין פריער דערציילט, זענען אַלע שפּייז־פּראָדוקטן און מלבושים, באַקומענע פון דעם פּאַטראָן הערץ, איבערגעפירט געוואָרן אין דער־אַ פאַרקאָנספּירירטער דירה. מען האָט געפּאַקט פּעקלעך פאַר די אויסבאַהאַלטענע און פאַר די מאַלינער, פאַר אַזוינע, וואָס זענען שוין געווען אין די דייטשע לאַגערן און אויך — פאַר אַלטע־היימען און פאַר שפּיטאַלן. ווו נאָר מען האָט געהאַט אַדרעסן צו עמעצן, האָט מען אים דורך פאַרשידענע הינטערוועגן באַזאָרגט געלט און פּעקלעך. דאָ זענען אויך פאַבריצירט געוואָרן פאַלשע דאָקומענטן. געוויסע בעלגישע ראַיאָנען האָבן אונדז אַרויסגעגעבן אַ צאָל גרינע, ד. ה. בעלגישע אידענטיטעט־קאַרטן. מיר האָבן די קאַרטן אויסגעפּולט פאַר חברים, אָדער סתם יידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט מאַסקירן ווי בעלגיער. דאָס האָט זיי מעגלעך געמאַכט צו באַוועגן זיך פריי אויף די גאַסן. נאַטירלעך האָבן עס געקענט אויסנוצן בלויז די יעניקע, וואָס האָבן גוט באַהערשט די פראַנצויזישע, אָדער פלעמישע שפּראַך, ווייל אַ חוץ זשאַק־מסור, פלעגן מיט די געסטאַפּאָ־לייט אָפט מיטפאָרן אויך בעלגישע רעקסיסטן. בכלל זענען דאָ פאַבריצירט געוואָרן אַלערליי דאָקומענטן און שטעמפּלען, וואָס האָבן געקאָנט זיין פאַר אונדז נוצלעך. פון דער דירה איז פאַרשפּרייט געוואָרן די אומלעגאַלע פּרעסע: צייטונג, אויפרופן און לאָזונגען. דאָ זענען אָרגאַניזירט געוואָרן די גרופּן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט ביינאַכט צו פאַרשפּרייטן די אויפרופן און לאָזונגען און אויסקלעפּן זיי אויף ווענט און אויף קיאָסקן. ווען איך בין אין דער פרי אַרויס אין גאַס, פלעג איך צעגיין פון נחת, זעענדיק, וואָס פאַראַ אַרבעט די חברים האָבן ביינאַכט אָפּגעטאָן. איך פאַרשידענע פּונקטן זענען בעלגיער געשטאַנען און געלייענט. לויט זייערע פּנימער האָט מען געקאָנט מערקן, ווי זיי זענען צופרידן.

אין דער וווינונג זענען אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן זיצונגען און

קאָנפערענצן פון פאַרשידענע אונטערערדישע קאָמיטעטן: פון פאַרטיידי־קונגס־קאָמיטעט, פועלי־ציון־קאָמיטעט, קינדער־אָפטיילונג און אַנדע־רע. ביי דער געלעגנהייט בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט פאַרשידענע אָנגעזעענע מענטשן פון דער אונטערערד־באַוועגונג — סיי יידן, סיי בעלגיער. עס איז געווען אַ גרויסע איבערלעבונג צו קענען די דאָזיקע מענטשן, זען, ווי זיי ריזיקירן מיט זייער קאָפּ און שטעלן זיך איין פאַר אַנדערע, און וויסן, אַז זיי טוען זייער אַרבעט אויס ריין־מענטשלעכע, אידעאַליסטישע מאָטיוון. דאָס האָט מען געקאָנט אַרויספילן פון זייערע דיסקוסיעס, וואָס זענען דאָ אויפן אָרט, געפירט געוואָרן. דאָ האָט מען אפילו אַרומגערעדט יידישע פּראָבלעמען, וואָס וועלן אויפקומען ערשט נאָך דער מלחמה.

פון די אַלע באַזוכער וויל איך דאָ דערמאָנען איין פּערזענלעכקייט, די זייער סימפּאַטישע פרוי פּעליא פּערלמאַן. אַ מיטלוווקסיקע, מיט טיפע, שוואַרצע אויגן און אַ ברייטן, קלאָר־ווייסן, אייביק צעשמייכלטן פּנים — איז זי געווען פול מיט הומאָרפולער חכמה און שטענדיקער גרייטקייט צו טאָן, וואָס מען דאַרף. זי האָט פאַרמאָגט אַן אָנגענעמע, הילכיקע שטימע: ווען זי האָט גערעדט, פלעג איר קול קלינגען אין אַלע צימערן. ביים באַהאַנדלען די סאַמע ערנסטע פראַגן האָט זי זיך געקענט אַרויסזאָגן אויף דעם הומאָרפולסטן אופן, מיט אַ טרעפלעכן וויץ. אין איר אָנוועזנהייט זענען פאַרטריבן געוואָרן אַלע טרויעריקע מחשבות. אונטער איר השפעה האָט מיין פרוי טאַקע אויפגעגעבן איר כסדרדיק וויינען.

אַ דאַנק אַ גאַנצער מענגע אומפאַרגלייכלעכע מעלות און אוודאי אויך צוליב איר אייגנאַרטיקן הומאָר און מיטרייסנדיקן געלעכטער — איז פרוי פּערלמאַן געווען ביי אַלעמען באַליבט און געהאַט אויף איר זייט די סימפּאַטיע און אַכטונג פון אַלע נאָבעלע בעלגיער אין די דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע קרייזן. זי האָט געהאַט אַ צוטריט צו דער בעלגישער אונטערגרונד־באַוועגונג און דורך אירע פאַרבינדונגען האָט מען געקאָנט אַ סך אויפטאָן. אַ דאַנק איר ענערגישער איניציאַטיוו און איבערגעגעבע־נער אַרבעט זענען געראַטעוועט געוואָרן הונדערטער און הונדערטער קינ־

דער. זי האָט פאַר הונדערטער פרויען געשאַפט אַרבעט אין בעלגישע הייזער. צוליב איר גרויסן איינפלוס האָבן אפילו די יודנראַטלער פאַר איר מורא געהאַט, און זי אויך רעספּעקטירט.

אונדזער וווינונג האָט געהאַט פאַרבינדונגען אויך מיט די אַנדערע אומלעגאַלע דירות פון „פּועלי־ציון״: מיט „קעגנזייטיקע הילף״, מיט דער געהיימער דירה פון די ח״ח דאַדע און פּאַלינע טראָצקי און מיט דער „מלינה״ פון מיין זון, מאיר, וואָס האָט געדינט פאַר טאָג־טעגלעכער הילפס־אַרבעט און סאַבאָטאַזש־טעטיקייט. אויך די פאַבריק פון חבר אבוש ווערבער איז געשטאַנען אין דינסט פון דער אומלעגאַלער אַרבעט: דאָרט האָט מען, אגב, העקטאָגראַפירט די צייטונג און אויפרופן. די אַלע אויסגערעכנטע געהיימע פּונקטן האָבן געהאַט צווישן זיך אַ שטענדיקע פאַרבינדונג.

אויסער די סטאַבילע איינוווינער אין מיין דירה, איז מען אַהער אויך כסדר געקומען דערליידיקן פאַרשידענע ענינים. שטענדיק איז דאָס הויז געווען געפּראַפּט מיט מענטשן און אַלע זענען תמיד געווען דאָ באַשעפטיקט. דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקער מקום־מקלט, פול באַוועג־גונג. יעדער האָט זיך דאָ געפילט זיכער, ווייל אויף דער גאַנצער גאַס איז נישט געווען קיין איין בעלגיש הויז, וואָס זאָל נישט האָבן עמעצן אין דער אונטערגרונד־באַוועגונג. דער צושטעלער פון פּראָדוקטן פאַר אונדזער וווינונג איז געווען דער אייגענער פּ ר אַ נ ס ו אַ, וואָס האָט פאַר אונדז געדונגען אָט די דירה; דריי מאָל אַ טאָג פלעג ער אונדז איבערגעבן די ראַדיאָ־ידיעות און אַ מאָל פלעג מען זיך אַריינגנבענען צו אים אין שטוב — צו הערן די ידיעות. ער איז אויך געקומען אָנזאָגן אונדז וועגן געפאַרן, בכדי מיר זאָלן קאָנען באַצייטנס אַרויסגיין. אויף אַזאַ אופן איז מען אין מיין וווינונג אין אַ געוויסער מאָס געווען „געזיכערט.״

אָט די וווינונג האָט זיך געהאַט איר אייגן, אינערלעך לעבן, אירע טרויער־טעג און יום־טובים, דערשיטערונגען און באַנקעטן. די ערשטע אויפטרייסלונג האָט אונדז דערגרייכט מיט דער ידיעה, אַז די געסטאַפּאָ האָט צעראַבעוועט מיין הויז אויף דער עמיל־פעראָן־גאַס.

ווען אונדזערע בעלגישע שכנים האָבן דערזען, ווי די דייטשן

נעמען אויפהאַקן די טירן, זענען זיי אַוועק צו וויסן טאָן דעם בעל־הבית. אַ קראַנקער און אַלטער — שוין אַריבער די זיבעציק — איז דער בעל־גיער געקומען צו לויפן און געוואָלט אָפּראַטעווען דאָס מעבל: ער האָט די דייטשן באַוויזן אַ חשבון, אַז איך בין אים שולדיק דירה־געלט פאַר דער גאַנצער צייט און אַז דאָס מעבל געהער אים; האָבן זיי דעם אַלטן, גוטן מאַן אַזוי צעמזיקט, אַז מען האָט אים געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל, ווו ער איז אָפּגעלעגן אַ צייט־לאַנג.

די שכנים האָבן דערציילט, אַז דאָס ראַבעווען איז דורכגעפירט גע־וואָרן אויף דעם ווילדסטן אופן: די זשיראַנדאָלן און שפּיגלען, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט אַזוי גריג אַראָפּנעמען, האָבן די באַרבאַרן מיט שטעקנס צעהאַקט און צעבראָקט אויף פּיצלעך, אויפגעריסן ווענט און געזוכט דאָרטן אוצרות. עטלעכע טעג האָט געדויערט דאָס ראַבעווען און אַוועק־פירן אַלץ מיט זייערע וועגענער.

מיר האָבן זיך געפּאַסט אויפצונעמען די ידיעה קאַלטבלוטיק: דאָס אייגענע טוען זיי דאָך מיט אַלע יידישע הייזער! אָבער דאָס האַרץ האָט פון דעסטוועגן ווײ־געטאָן: אַזויפיל יאָרן געפּראַצעוועט איינצושטעלן די היים.

אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ גאָרנישט שבגאָרנישט אַנטקעגן די אָן אָן ערך גרעסערע צרות, וואָס זענען צו יענער צייט געווען דאָס טעגלעכע ברויט פונעם יידן. און איין מאָל, אין אַ נאָכמיטאָג, איז געקומען די שוואַרצע בשורה וועגן דעם, אַז מ׳האָט געכאַפּט אונדזער זון, מאיר. אַ צענדליק געסטאַפּאָניקעס האָבן זיך געיאָגט נאָך אים אין דער סאַמע באַלעבטער געגנט פון בריסעל. דער געיעג, ווי זיין פרוי האָט דערציילט, האָט געדויערט אַ מינוט 15; צווישן מענטשן, וועגענער און טאַקסיס איז זיי אָבער געלונגען אים צו כאַפּן.

די ידיעה, אַז מ׳האָט געכאַפּט אונדזער זון, מאיר, האָט זייער שווער געטראָפן דאָס גאַנצע הויז. אַ וואָלקן פון צער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַלע שטוב־מענטשן. מיין פרויס געוויין־אויסבראָכן האָבן געשניטן דאָס האַרץ, ווי מיט מעסערס. איטלעכער האָט געטאָן זיין אַרבעט שווייגנדיק. נישט געווען קיין ווערטער צו טרייסטן.

אָבער אַז מען שמועסט: „אַ מענטש איז שטאַרקער פון אייזן״, איז

נישט שייך... איך וואָלט נאָר געענדערט עטוואָס דאָס ווערטל און דער־לויבט זיך צו זאָגן: אַ י י ד איז שטאַרקער פון אייזן; איך בין דאָך נישט געווען דער איינציקער מיט מיין ווייטאָג: וועלכער י י ד האָט עס דעמאָלט אויף זיין אייגענער הויט נישט אויסגעפּרוווט די ריכטיקייט פון די דאָזיקע ווערטער? מיר אַליין איז ביז היינט נישט פאַרשטענדלעך, ווי אַזוי האָבן מיר געקאָנט אַריבערטראָגן אַזעלכע קלעפּ, איינעם נאָכן אַנדערן?, אַזאַ נישט וואַזשנער בעל־כוח, אַ שטייגער, ווי איך — ווי אַזוי האָב איך עס נישט געקראָגן קיין האַרץ־אַטאַק, אָדער מוח־דערשיטערונג באַלד אויף דער שטעל?, גראָד פאַרקערט: כ׳בין גאָר געוואָרן פאַרעקשנט, פאַרשטיינערט; גלייך אין מיר וואָלט געזעסן נאָך אַן אַנדער מין מענטש, און דער אַנדערער טרייבט מיך צו טאָן מיין אַרבעט מיט נאָך מער איינ־געשפּאַרטקייט, ווי פריער.

איצט איז אונדז צוגעקומען די אַרבעט פון מאַכן אַ פּעקל — אויך פאַר מאירן. די פּעקלעך פאַר אים זענען געווען שווערע און האָבן גע־דאַרפט אַזוי קונציק „צוגעפּראַוועט״ ווערן, אַז די געסטאַפּאָ־לייט זאָלן זיך נישט כאַפּן, וואָס ס׳געפינט זיך אין זיי. אין דער אמתן זענען דאָס געווען פאַרבינדונגס־פּעקלעך — מיט בריוולעך און אַלערליי מכשירים, אויף טאָמער ווי ס׳מאַכט זיך...

בהדרגה איז מען געקומען צו זיך. מיין פרוי האָט זיך אויך אַ ביסל באַרויקט: עפּעס ווי אַן אינעווייניקסטע שטימע וואָלט איר פאַרזיכערט, אַז דער זון וועט איר צוריקקומען. עס איז געווען אַ קורצע צייט פאַר דעם, ווי אַ טראַנספּאָרט האָט געדאַרפט אַוועקגעשיקט ווערן פון מאלין, און מאיר האָט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן דאָס שפּרינגען פון דעפּאָרטאַ־ציע־צוג. האָבנדיק ביי זיך די צוגעשיקטע בויערערס, פיילן און אַנדערע מכשירים האָט ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע פאַרלעסלעכע מענטשן פונעם טראַנספּאָרט אָנגעצייכנט אַ פּלאַן ווי אַזוי דורכצופירן דאָס שפּרינגען פונעם לויפנדיקן צוג. דער פּלאַן איז אויסגעפירט געוואָרן, די אַקציע איז געלונגען: באַנאַנד מיט אים האָבן זיך געראַטעוועט אריבער 200 יידן.

כ׳געדענק נישט גענוי, וועלכער טראַנספּאָרט דאָס איז געווען — װאַרשיינלעך דער צוואַנציקסטער. נישט אומזיסט איז זיין מוטער

די נאַכט פון אַוועקשיקן דעם טראַנספּאָרט נישט אָפּגעטראָטן פונעם פענצטער, געזעסן און צוגעהערט זיך צו יעטוועדן ריר. זי איז געווען זיכער, אַז דער זון וועט קומען. און ענדלעך, ענדלעך, ווי נאָר עס האָט געגומען שאַריען אויף טאָג, האָט זי דערהערט אַ שאַרך ביי דער טיר; און איידער וואָס, ווען, איז דער זון שוין געווען אויף איר האַלדז. לאַנג, לאַנג האָט געדויערט, ביז זיי האָבן זיך אָפּגעריסן איינס פונעם אַנדערן.

— „דו ווייסט, מאַמע, פאַרוואָס איך בין געשפּרונגען? — האָט ער איר געזאָגט אין דער שטיל, ווייל כ׳האָב דיך די גאַנצע צייט געזען אַרומגיין און וויינען״.

פאַר גרויס שמחה האָט ער כמעט נישט געפילט קיין ווייטיקן פון די וואונדן, וואָס ר׳האָט זיך דערוואָרבן, שפּרינגענדיק פונעם צוג.

דער טאָג פון „חבר מאירס״ צוריקקומען איז געווען אַ טאָג פון אומבאַשרייבלעכן תענוג און פרייד. זייער אַ סך חברים פונעם אונטער־גרונד זענען יענעם טאָג צונויפגעקומען זיך אין אונדזער „עיר־מקלט״, מען האָט פאַרגעסן אַלע צרות און ס׳איז געווען אַן אמתער יום־טוב.

דער אָפּקלאַנג אין גאַס איז געווען אין לשער; אין אַ סך געהיימע וווינונגען האָט מען באַגליך מיט אונדז זיך געפרייט מיט די צוריקגע־קומענע. אויך די בעלגיער זענען געווען צופרידן: אין דעם אָרגאַניזירן דאָס שפּרינגען פון צוג האָבן זיי געזען אַן אויסערגעווײנלעך העלדישן אויפטו.

אויף די יודנראַטלער האָט געציטערט די פעל: מען האָט נישט געוווסט, וואָס פאַראַ רעאַקציע דאָס וועט אַרויסרופן ביי דער געסטאַפּאָ. שוין אין יענעם טאָג זענען זייערע טאַקסיס אַרומגעפלויגן איבער די בריסעלער גאַסן מיט דער שנעלקייט פון אַ שטורעם, גלייך זיי וואָלטן וועלן זיך רעוואַנזשירן.

ביי אונדז אין דער וווינונג איז זיך דערווײלע דאָס לעבן געגאַנגען ווייטער זיין וועג, מיט זיינע טרויער־טעג און מיט צייטווייליקע ברעקע־לעך טרייסט.

און אַזוי האָט איינמאָל געטראָפן, אַז מיין יונגערע טאָכטער, פרידא, איז געגאַנגען אין שטאָט באַזאָרגן אינעם ראַיאָן די שפּייז־מאַרקעס פאַר

די אויסבאַהאַלטענע משפחות (נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דאָס איז געווען פאַרבאָטן דורך דער געסטאַפּאָ, פלעגן די בעלגישע מוניציפּאַליטעטן אַרויסגעבן שפּייז־מאַרקעס פאַר אַלע, וואָס זענען געווען אין באַהעלטעניש).

ביז שפּעט נאָך מיטאָג איז מיין טאָכטער נאָך אַלץ נישט געקומען צוריק, ווען איך בין אַהיימגעקומען פון גאַס, איז יעדערער צו מיר צוגעקומען מיט אַנפראַגעס: צי האָב איך נישט געטראָפן ערגעצוואו פרידאַן. אַלע שטובמענטשן זענען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט: יעדערער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז מיט פרידאַן איז עפּעס געשען. די מאַמע איז געווען נערוועיש; פאַרבייסנדיק די ליפּן, האָט זי אין טיפן שווייגן געמאָסטן די שטוב אַהין און צוריק.

און אָט איז פאַרנאַכט. אַלע זענען זיך צונויפגעקומען, נאָר פרידאַ איז אַלץ נישטאָ. איין האָפענונג איז נאָך פאַראַנען: חבר בראַדער איז נאָך אויך נישטאָ אין דער היים. זיין פרוי און זיינע צוויי קינדער האָבן די געסטאַפּאָ־לייט שוין געהאַט געכאַפּט. וווינענדיק מיט אונדז, פלעג חבר בראַדער אַ מאָל אַוועק אין איינעם מיט פרידאַן און זיך אַריינגעגנבענען אין אַ סינעמאַ. האָט מען אויך איצט געהאָפט, אַז זיי וועלן אַהיימקומען ביידע. נאָר אָט איז ער אַליין אַריינגעקומען — אָן פרידאַן. זענען אים אַלע באַפאַלן: צי האָט ער נישט געזען ערגעץ פרידאַן? — „וואָס הייסט, פרידאַ איז נישטאָ?" — האָט ער צוריקגעפרעגט דערשראָקן.

שפּעט אין אָוונט האָט מען זיך דערוווּסט, אַז פרידאַ איז שוין אין קעלער. ווידער אַ גרויסער טרויער. די מאַמע וויינט שוין נישט; רעדט נישט צו קיינעם; איז פאַרביסן אין שווייגן. און איך ווייס נישט וואָס צו טאָן, ווי זיך צו העלפן.

גאַנץ פרי בין איך אַרויס אין גאַס אויסצוגעפינען, ביי וועלכע אומשטענדן מען האָט זי געכאַפּט. צי האָט מען זי געשלאָגן? מיין ערשטער וויזיט איז געווען אין יודנראַט. דאָ האָבן שוין אַלע געוווּסט, אַז מיין טאָכטער איז אין קעלער, ביי דער געסטאַפּאָ. געמיינט האָט מען, אַז איך בין געקומען בעטן ביי די צוויי יודנראַטלער, זיי זאָלן אינטערווענירן וועגן מיין קינד, ווי איך פלעג דאָס טאָן פאַר אַ סך אַנדערע, עלטערע און קראַנקע. אַלע קלענערע אָנגעשטעלטע זענען געווען זיכער, אַז פאַר מיין טאָכ־

טער וועל איך געוויס בעטן. אָבער די ראָזענפעלדס און די בערלינס האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז פֿאַר זיך וועל איך צו זיי נאָך קיין טובות נישט אָנקומען. איך האָב זיך אפֿילו אָפּגעזאָגט צו פֿרעגן עפּעס וואָס ביי זיי וועגן פֿרידאָן — ווי איך האָב בדעה געהאַט אין אָנייב.

פֿון יודנראַט בין איך אַוועק אין דער קיך אויף רויזברוק. כ׳האָב געוווסט, אַז דורך פֿריינד לעוווקאָוויטש וועל איך קענען באַקומען אַ גרוס פֿונעם קעלער. איך האָב איינגעקויפֿט פֿאַרשידענע זאַכן. מיטגעגעבן דעם פֿריינד לעוווקאָוויטש, ווען ר׳איז געפֿאָרן אין קעלער מיט דעם מיטאָג פֿאַר אַלע, דאָרט פֿארהאַלטענע, און געוואַרט, ער זאָל מיר ברענגען אַ גרוס פֿון מיין טאָכטער. סוף כל סוף האָב איך זיך דערוואַרט און פֿריינד לעוווקאָוויטש האָט מיר געבראַכט אַ באַריכט:

ווען פֿרידאַ איז אַרויס פֿון ביוראָ, ווו מען האָט אַרויסגעגעבן די שפּייז־מאַרקעס אין דער געגנט אנדערלעכט, זענען איר באַפֿאַלן צוויי בעלגישע רעקסיסטן און זי אַריינגעשלעפּט אין אַ טאַקסי. די ערשטע פֿראַגע איז געווען — ווו זי וווינט, ווו איז איר מאַן און די קינדער? עס האָט נישט געהאָלפֿן איר בעטן, מען זאָל זי באַפֿרייען. זיי האָבן זי אַרומגעשלעפּט עטלעכע שעה איבער דער שטאָט; וועלנדיק פּשוט געווינען צייט, האָט פֿרידא זיי אַלע מאָל אָנגעגעבן אַנדערע אַדרעסן. זעענדיק, אַז זי נאַרט זיי, האָבן זיי זי געשלאָגן און לסוף געפֿירט אינעם קעלער און איבערגעגעבן צו דער געסטאַפּאָ.

דורך פֿריינד לעוווקאָוויטש האָט פֿרידא געלאָזט וויסן, אַז צוזאַמען מיט איר געפֿינט זיך אין קעלער אונדזערער אַ באַקאַנטער, אַ רייכער דייטשער ייד מיטן נאָמען שיינמאַן, (געשטאָרבן נאָך דער באַפֿרייונג אין בריסעל). שוין עטלעכע טעג, ווי מען האָט אים געכאַפּט און ער איז נאָך אַלץ אין קעלער. אָבער ער האַלט ביים באַפֿרייט ווערן. ראָזענפֿעלד איז ביי אים געווען און בעת דעם באַזוך געפֿרעגט אים — ווער ס׳איז די פֿרוי לעבן אים. שיינמאַן האָט אים אינפֿאָרמירט, אַז דאָס איז טאַבאַקמאַנס טאָכטער.

פֿון דעם גרוס איז מיר געוואָרן אַ ביסל גרינגער אויפֿן האַרצן: כ׳בין געווען כמעט זיכער, אַז צוזאַמען מיט שיינמאַנען וועלן זיי מוזן

באַפרייען אויך מיין טאָכטער. אגב, האָט לעווקאָוויטש איבערגעגעבן, אַז פרידאַ פילט זיך גוט און איז אין גוטן הומאָר; אדרבא, זי ברענגט נאָך אין אַ בעסערער שטימונג די אַנדערע מענטשן, וואָס אינעם קעלער.

קומענדיק אַהיים מיט דעם גרוס, האָב איך אַ ביסל אויפגעמונטערט די קאָמפּאַניע. דאָ האָט מען מיר דערציילט, אַז חברים האָבן געדראָט ראָזענפעלד און בערלינען מיט טויט, אויב מען וועט נישט באַפרייען אונדזער טאָכטער; אין שייכות דערמיט איז היינט געמאַכט געוואָרן אין א. זש. בע. דער אמתער סקאַנדאַל. דעם זעלביקן טאָג איז מיין טאָכטער אַהיימגעקומען און ביי אונדז אין דער קאָלעקטיווער וווינונג איז ווידער געווען אַ גרויסע שמחה.

ס׳ווילט זיך דערציילן וועגן נאָך איינער, אַ גאָר וויכטיקער טרויער־ריקער בשורה אין אונדזער „עיר־מקלט״. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז שוין געווען אינעם יאָר 1944: אין אַ געוויסן פרימאָרגן זענען מיר אויפ־געציטערט געוואָרן פון אַ ידיעה, אַז אין יענער נאַכט האָט די געסטאַפּאָ דורכגעפירט אַן איבערפאַל אויף דעם הויז פון די ח״ח טראַצקי; מען האָט געזוכט און גענישטערט ביז האַלבע נאַכט, געפונען פאַרשידענע אומלעגאַלע מכשירים, דרוק־מאַטעריאַלן און צייטונגען, און — צוגענומען דעם חבר דאָדע טראַצקי.

עס איז נישט איבערצוגעבן די אויפרעגונג און צערודערונג פון אַלע חברים: חבר טראַצקי איז געווען מיטבאַטייליקט ביים אַנפירן און אַרויסגעבן די אומלעגאַלע בעלגישע צייטונג און פאַרשידענע אַנדערע שריפטן. דער דורכפאַל פון זיין דירה, דאָס דאַרפן זיך אַריבער־טראָגן אין אַן אַנדער אָרט מיט דער גאַנצער אַרבעט און בעיקר — די ידיעה, אַז מען האָט דעם חבר דאָדע געפיניקט, האָט אַלע חברים שטאַרק צעבראָכן און אַריינגעבראַכט אין אַ טיפן טרויער.

חדשים לאַנג איז ח׳ טראַצקי געווען אין מאַלין, ענדלעך איז ער באַפרייט געוואָרן. און ווידער איז געווען גרויס די פרייד אין אונדזער „עיר־מקלט״. ס׳האָבן זיך געהאַט אָנגעקליבן נאָך עטלעכע פריידיקע געשעענישן און מען האָט באַשלאָסן אויסצודריקן אַלעמענס שמחה אין אַ פייערלעכן אָוונט. צו דער געלעגנהייט האָבן זיך פאַרזאַמלט כמעט אַלע

אַקטיווסטע חברים פון דער אונטערגרונד־באַוועגונג און ביי געדעקטע טישן האָט מען אין דער אונטערשטער שטוב ביי אונדז אַזוי פריילעך פאַרבראַכט, אַז מ׳האָט גאָר אין גאַנצן פאַרגעסן, ווו מען האַלט אין דער וועלט, ווי עס וואָלט נישט געווען קיין היטלער און קיין געסטאַפּאָ. דאָס איז געווען דער סאַמע פריילעכסטער אָוונט פאַר דער גאַנצער צייט פון

דאָדע טראָצקי

טעטיק אין דער בעלגישער אונטערגרונט, אומגעקומען אין לאַגער

דער היטלעריאדע. איך געדענק די נעמען פון אַ סך אָנפירנדיקע חברים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין יענער שמחה: אבוש און שפרה ווערבער, דאָדע און פאלינע טראַצקי, נחום און מלכה פּאַמעראַנץ, זיסקינד ראַבינאָ־וויטש און חבר בראַדער, אַלבערט און גוטשע דאַמב, חבר קיבעל מיט דער פאַמיליע, פּראָפעסאָר פּערלמאַן מיט זיין פרוי פעליא, און איך מיט מיינע בײדע טעכטער און איידעמס.

אויף דעם אָוונט זענען אָפּגעגעבן געוואָרן אַלערליי באַריכטן: אַ באַריכט פונעם ה׳ טראצקי וועגן קעלער און וועגן מאלין; באַריכטן וועגן אַלע אַנדערע אַרבעטן; חברים האָבן געהאַלטן רעדעס לכבוד טראצקיס באַפרייונג; עס זענען געווען טאָאַסטן און אויך דעקלאַמאַציעס פון חברטע שפרה ווערבער. אַ סך האָט, ווי געווינלעך, בייגעטראָגן צו דעם אָוונט די פריינדין פעליא פּערלמאַן מיט איר שטענדיקן פיינעם הומאָר. דאָס איז געווען דער ערשטער און לעצטער אמת פריילעכער אָוונט אין אונדזער מאַרטירער־לעבן.

מיט אַ צייט שפּעטער איז אונדזער זון, מאיר, פאַר אונדז אין די אויגן ווידער אַ מאָל געכאַפּט געוואָרן אין אַ געיעג. מיין פרוי און איך זענען אַנגעקומען פון איין עק גאַס (מיר זענען זיך סתם אַ ביסל דורכגעגאַנגען), און דער זון איז גראָד אָנגעקומען פון דער צווייטער זייט גאַס. קיינער פון אונדז האָט נישט באַמערקט, אַז אין אַ קליין, זייטיק געסל, וואָס האָט דורכגעהאַקט די גאַס — שטייט אַ געסטאַפּאָ־טעקסי און צוויי דייטשן לויערן אין אַ ווינקל. ווי נאָר זיי האָבן דערזען אונדזער זון, זענען זיי אַרויס פונעם ווינקל און געוואָלט אים כאַפּן. ער האָט זיך אַ רגע פאַרלוירן, אָבער באַלד געקומען צו זיך: די טעקע, וואָס ביי אים אין האַנט, האָט ער זיי געגעבן אַ שליידער אין די אויגן און אַליין גענומען לויפן. באַלד האָבן זיי אים אָבער גענומען נאָכיאָגן און געסטראַשעט, אַז טאָמער בלייבט ער נישט שטיין, וועלן זיי אים דערשיסן.

פון שרעק זענען מיר בײדע — מיין פרוי און איך — ווי געליימט געוואָרן. מיט עטלעכע טעג פריער האָבן מיר גראָד געהאַט בייגעוווינט אַזאַ סצענע און זי איז אונדז נאָך געווען פריש אין זכרון: אַ בעלגישע פאַמיליע האָט אויף אַן אַנדערער גאַס שפּאַצירט מיט זייער עלטערן זון

אין איינעם. ווי נאָר דער זון האָט געזען אָנקומען די געסטאַפּאָ, האָט ער גענומען לויפן; זיי האָבן אים נאָכגעשאָסן און ער איז געפאַלן אויפן אָרט אַ טויטער. געדענקענדיק יענעם פאַל און מרא האָבנדיק, ס׳זאָל זיך נישט איבערחזרן דאָס זעלבע, האָבן מיר שוין געוואָלט נעמען שרייען צו מאירן, ער זאָל בלייבן שטיין; אָבער ער האָט אונדז שוין געהאַט דערזען און, מורא האָבנדיק איצטער, מיר זאָלן זיך נישט פאַרראַטן און אויך געכאַפּט ווערן פון דער געסטאַפּאָ, איז ער אַליין שטיין געבליבן; די געסטאַפּאָ־רוצחים האָבן מיט מוראדיקע קלעפּ אַריינגעשליידערט אים אינעם וואָגן און אַוועק. דאָס אַלץ האָט נישט געדויערט קיין 5 מינוט.

מיר האָבן זיך קוים אַריינגעשלעפּט אין שטוב מיט אַ דער פינצטערער בשורה. אָבער אויך צו אַזעלכע צרות ווערט מען געוווינט אין אַזאַ קלאָגעדיק לעבן, ווי אונדזערס. מען האָט שוין נישט געוויינט: יעדער איינער האָט שטיל באַגראָבן אין זיך דעם ווייטיק און ווייטער געטאָן זיין אַרבעט. צוליב דעם דורכפאַל פון די ח״ח טראַצקיס דירה איז די אומלעגאַלע אַרבעט אין אונדזער וווינונג נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן; וואַכזאַמקייט און אַריינגעטאָנקייט אינעם ענין זענען אַצינד געווען נייטיקער, ווי ווען נישט איז.

מיט דעם 22טן טראַנספּאָרט איז מאיר דעפּאָרטירט געוואָרן און אין דעם אייגענעם פּרימאָרגן האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צו דער מאַמען. אויך דאָס מאָל האָט זיך אים איינגעגעבן דאָס שפּרינגען, נאָר אָנגעקומען איז עס שוין שווערער: נאָך יענעם ערשטן פאַל זענען די וואַגאָנען שטרענגער באַוואָרנט געוואָרן. ס׳זענען אַרומגעגאַנגען שמועות, אַז די געסטאַפּאָ האָט געפאָדערט, דער יודנראַט זאָל זיי צושטעלן דראָטן און אַנדערע באַפעסטיקונגען פאַר די וואַגאָנעס. די יודנראַטלער האָבן אויסגעפירט די דאָזיקע פאָדערונג אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט...

מיר האָבן געבעטן ביי אונדזער זון — און אויך די חברים האָבן פאַרלאַנגט פון אים — ער זאָל בלייבן דאָ מיט אונדז אַ צוויי וואָכן צייט און זיך אָפּרוען. ער האָט אָבער נישט געוואָלט איינגיין דערויף, איז אַוועק צוריק אין זיין וווינונג און דאָרט ווייטער אָנגעפירט מיט זיין אַרבעט.

דאס נישט-נארמאלע לעבן ווערט „נארמאל"

מיט דער צייט האָט מען זיך גענומען צוגעוווינען צו דעם נייעם לעבן אין די סאַמע שווערסטע און גרויליקע באַדינגונגען און באַטראַכטן עס פאַר „נאָרמאַל". אַזוי, למשל, איז שוין געווען נאַטירלעך אַז מען זאָל יעדן טאָג באַראַבעווען און דעמאָלירן יידישע הייזער. אַ געוויינלעכער ענין איז געוואָרן דאָס שטענדיקע כאַפּן דערוואַקסענע און קינדער אויף די גאַסן, דאָס יאָגן זיך נאָך מענטשן, ווי הינטשלעגער יאָגן זיך נאָך הינט. מען איז שוין אפילו געוווינט געוואָרן ביודעים איינצושטעלן דאָס לעבן: יידן, וואָס האָבן געוואָלט פאַרזאָרגן זייערע נאָנטע, די געכאַפּטע קרבנות, מיט אַ ביסל שפּייז, זענען געגאַנגען באַזאָרגן די פּעקלעך. דער־ביי האָבן זיי גוט געוווּסט, אַז טאָמער כאַפּט מען זיי איז מען אויסגעשטעלט פאַרן טויט. און די יודנראַטלער האָבן געטאָן זייערס: צוגענומען די פּעקלעך און זיי סאָרטירט.

געווען אַ מאָל אַזאַ פאַל: אַ ייד פון מאלין, וואָס פלעג דורך די דייטשן אָפט געשיקט ווערן קיין בריסעל צו דערליידיקן זייערע ענינים — דער דאָזיקער ייד איז איין מאָל אַוועק און נישט געקומען צוריק אינעם לאַגער. האָבן די דייטשן באַשטראָפט די אַרעסטירטע אין מאלין, נישט איבערגעבנדיק זיי קיין שפּייז־פּעקלעך וואָכן נאָך אַנאַנד. די יידן האָבן געליטן הונגער און די פּעקלעך זענען וואַגאָנענווייז געשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. די יודנראַטלער האָבן דערפון געוווּסט און נישט געפונען פאַר נייטיק צו אינפאָרמירן די אומגליקלעכע, וואָס זענען ממש געגאַנגען אויף קידוש השם, בכדי צו שיקן דאָס ביסל שפּייז, נישט אָנגעזאָגט זיי, אַז זיי דאַרפן זיך נישט באַמיען ווייל דאָס אַלץ גייט אַוועק נישט צו די קרובים, נאָר קיין דייטשלאַנד. אויף דעם אופן האָבן די יודנראַטלער פון איין זייט אויסגעשטעלט די פּעקל־שיקער אויף טויט און סכנה, און פון דער אַנדערער זייט — מיט יידיש בלוט געהאָלפן פּאַשען דעם רוצחס משפּחות אין דייטשלאַנד.

און אַזוי איז דאָס לעבן ווייטער געגאַנגען „נאָרמאַל" זיין וועג: די טירן פון א. זש. בע. זענען שטענדיק געווען באַלאַגערט, די „געדעקטע"

יידן האָבן געטריי געאַרבעט אינעם יודנראַט און אין אַלע זיינע אינסטי־טוציעס, גלייך דאָס וואָלט זיין אַ נאָרמאַלע אַרבעט. טראַנספּאָרטן זענען יעדע צווײ וואָכן געשיקט געוואָרן אין די טויט־לאַגערן; ס׳זענען צוגענו־מען געוואָרן גאַנצע משפחות מיט אַ מאָל און די צאָל נעמען אויף מיין רשימה איז איינגעשרומפּן פון טאָג צו טאָג. פאַרברעכערישע יידן האָבן נאָך אַלץ געגייט וועסטלעך פאַר די דייטשן און מוסרים האָבן זיך געמערט אויף דער יידישער גאַס. צוויי פון זיי האָב איך געקאָנט. איינעם געזען פון דער ווייטנס: דאָס איז געווען אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער פּאַרשוין מיט אַן אָנגעפּרעסענעם פּנים, מער ענלעך אויף אַ דייטש, ווי אויף אַ יידן. אים האָט תמיד באַגלייט אַ געסטאַפּאָ־מיטגליד. אַזוי פלעג ער שפּאַצירן פראַנק און פריי, נישט מורא געהאַט פאַר קיינעם. — „אָט איז דער מסור, אדלער. — האָט מיך אַ חבר געוואָרנט. עס מוז אוודאי ערגעץ זיין אַ געסטאַפּאָ־קעטשל״.

דעם צווייטן — „זשאַק־מסור״ — האָב איך געהאַט די „געלעגנהייט״ צו באַקענען אין אַ קאַפע. מיין טאָכטער, לאה׳טשע, און איך האָבן דאָרט געוואָרט אויף דער חברטע שפרה ווערבער, געדאַרפט זיך דורכרעדן וועגן קינדער־הילפס־אַרבעט. פּלוצעם האָט ער אַריינשפּאַצירט מיט אַ געסטאַ־פּאָניק ביי דער זייט, גלייך צו צו אונדז און אויף יידיש פאַרלאַנגט פון אונדז, מען זאָל אים ווייזן פּאַסיר־שיינען. איך האָב נאָך דעמאָלט געהאַט ביי זיך די פריערדיקע געמיינדע־סערטיפיקאַטן, מיט וועלכע מען האָט געמעגט גיין איבער די גאַסן. ער האָט באַקוקט און זיי מיר צוריקגעגעבן. באַמערקט די געלע מגן־דודס ביי אונדז, האָט ער געסטראַשעט מיין טאָכטער, זי צוזונעמען, אויב ער וועט זי נאָכאַמאָל טרעפן מיט דעם שטערן־אָפּצייכן פאַרבאַהאַלטן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אים געזען: אַ נידעריקער און פולער נפש, ווי אַ ביר־פאַס, מיט אַ קיילעכדיקן קאָפּ און אָנגעפּרעסענער חזירישער מאָרדע, אַן אמתער אונטערוועלט־טיפּ.

עס זענען געווען אויך אַנדערע מוסרים, וועלכע זענען מיר געווען אומבאַקאַנט. זייער טעגלעכע אַרבעט איז באַשטאַנען אין העלפן דער געסטאַפּאָ צו געפינען די אויסבאַהאַלטענע משפחות. דער סוף איז געווען,

אַז אויך זיי האָבן די דייטשן נישט געשאַנעוועט און אייניקע זענען דער־שאָסן געוואָרן; פון דעסטוועגן האָבן זיי זיך געמערט און געהאָלפן אויס־צוראָטן זייערע אייגענע ברידער.

נאָך איצט ווייטיקט מיין האַרץ פון חרפה, בעת איך שרייב וועגן זיי. ס׳איז געווען פיינלעך צוצוקוקן, ווי די יודנראַטלער שפּאַצירן אַרום מיט זייערע אדונים — די מייערס און גאָטעסמאַנס, און מיט דעם נייעם שעף פון דער געסטאַפּאָ — ערדמאַן. זיי זענען אַרומגעפאָרן אין טעקסיס, געהוליעט מיט זונות — יידישע און נישט־יידישע, געמאַכט אינטערווענצן און געשונדן די הויט. עס האָבן נישט אויפגעהערט די טראַגעדיעס הינטער די טירן פון פרעדי בלום, בערלין און הערץ; אויף דער גאַס זשאָזעף קלאַס 43 האָט די „עזרה" ווייטער געגעבן איר נישטיקע הילף פאַר די בויטבאַדערפטיקע, וואָס זענען אַהין געקומען אין טויט־שרעק און מיט יעדן טאָג אויך געוואָרן אַלץ שיטערער, ווייל מען האָט זיי כסדר געכאַפּט.

די סאַמע טראַגישע פּאַסירונגען האָבן כמעט נישט געמאַכט קיין רושם: טרערן זענען אויסגעטרוקנט געוואָרן, הערצער — פאַרשטיינערט. מען האָט שוין נישט געציילט מער די טעג, נישט געקוקט אויפן זייגער. בלויז טייל מאָל האָט מען זיך געבייזערט און געחידושט אויף דער גאַנצער וועלט: ווי קען די וועלט, אַזאַ גרויסע וועלט, צוקוקן, ווי ס׳ווערט אויס־געראָטעט אַ פאָלק, אַקוראַט ווי מען ראָטעט אויס מייז, נישט געקאָנט פאַר־שטיין דאָס אַמעריקאַנער און ענגלישע יידנטום — פאַרוואָס זיי שווייגן.

איין ליכטיקער פונקט איז געבליבן אין אונדזער שפלדיק לעבן: די יידישע אונטערגרונד־באַוועגונג, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו פירן איר קאַמפּס־אַרבעט אויף אַלע געביטן, ווי: פּרעסע, הילף, קולטור־אַרבעט און סאַבאָטאַזש. חברים זענען פאַרפאַלגט און צוגענומען געוואָרן, אָבער די אַרבעט האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע... איך בין געווען זיכער, אַז די גאַנצע טעטיקייט, וואָס ווערט אָנגעפירט אין אונדזער קרייז, וועט אָנהאַלטן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג כאָטש איינער פון אונדז וועט נאָך לעבן.

ישראל טאַבאַקמאַן

זשאק-מסור העלפט כאפן מיין זון

די אונטערערדישע ידיעות, וואָס פלעגן זיך דערטראָגן צו אונדז פון די פראָנטן וועגן די דייטשישע מפּלות, האָבן אַ ביסל אויפגעהויבן אונדזערע געמיטער. איך האָב די דערפרייענדיקע ידיעות איבערגעגעבן צו אַלעמען אין די געהיימע דירות און אינסטיטוציעס, ווו נאָר כ׳האָב געקאָנט דערגרייכן. כ׳האָב צעטראָגן די בשורה פון באַלדיקער באַפרייונג און דערמיט געשטאַרקט די האָפענונג אין איינגעבראָכענע הערצער.

אָבער דער דייטשער אָקופּאַנט מיט דער געסטאַפּאָ בראש, אפילו אין אָנגעזיכט פון זיינע מפּלות, האָט נאָך אַלץ נישט נאָכגעלאָזט. די רעפּרעסיעס האָבן זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט און ס׳זענען געמאַכט געוואָרן פּלענער, וואָס ג י כ ע ר צו ליקווידירן דעם יידישן ישוב אין בעלגיע. און ווידער האָבן מיר איבערגעלעבט טראַגישע געשעענישן.

אין איינעם אַ טאָג, וויסנדיק, אַז אונדזער זון, מאיר, געפינט זיך ביי זיך אין שטוב, זענען מיר — איך און מיין פרוי — אַוועק אים באַזוכן.

עס איז גראָד געווען אָנהייב חודש דעצעמבער — ערב יום־טוב־צייט פון הייליקן ניקאָליי פאַר די בעלגישע קינדער. אונדזער פּאַרטיי האָט זיך אונטערגענומען אויך די באַהאַלטענע יידישע קינדער מיט עפּעס וואָס צו דערפרייען און מיר האָבן באַשלאָסן פונאַנדערצוטראָגן יום־טוב־דיקע פּעקעלעך צו די קינדער אין אַלע זייערע באַהעלטענישן — סיי אין בעלגישע אינסטיטוציעס, סיי אין פּריוואַטע הייזער ביי בעלגיער. די פּעקעלעך האָט מען צוגעגרייט ביי מיין זון אין שטוב. ווען מיר זענען אַהינצו געקומען, האָבן מיר געטראָפן דעם זון מיט דער שנור און נאָך חברטעס ביים צוגרייטן די גוטע זאַכן פאַר די קינדער. זיי האָבן עס געטאָן מיט אַזאַ פרייד און געטריישאַפט, ווי דאָס וואָלט געטאָן ווערן אין רויקע און נאָרמאַלע צייטן: מען האָט פשוט פאַרגעסן וועגן אַלע געפאַרן... איך בין אויך מיטגעריסן געוואָרן און גענומען העלפן זיי אין דער אַרבעט. די פּעקעלעך זענען באַשטאַנען פון שפּילצייג, נאַשוואַרג און מאַסקעס. פּונקט דעמאָלט זענען אויך געקומען חברטעס נאָך די צייטונגען צום פאַרטיילן. אין אַלע ווינקעלעך איז אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע אַרבעט. דערנאָך בין

איך אַוועק צו זיך אויף מיטאָג און די חברטע גוטשע דאָמב, וועלכע איז געקומען נאָך די ציַיטונגען, האָט געזאָלט, פאַרנדיק שפּעטער אין אונדזער געגנט מיטנעמען אויך מיין פרוי.

יענעם טאָג האָב איך לאַנג, לאַנג געוואַרט אויף מיין פרוי. ס׳איז געוואָרן נאַכט און זי איז נאָך אַלץ נישט געווען צוריק. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז עפּעס איז געשען. אין שטוב איז געוואָרן אומעטיק. קיינער האָט נישט געפרעגט פאַרוואָס איז מיין פרוי נאָך נישטאָ: יעדערער האָט אַרויסגעפילט עפּעס בייזעס און מורא געהאַט וועגן דעם צו רעדן.

ביינאַכט איז דורך עמעצן געקומען די פינצטערע בשורה: אַרום 4 אַזייגער נאָך מיטאָג איז זשאַק־מסור מיט אַ באַנדע געסטאַפּאָניקעס באַ־פאַלן דאָס הויז, אַרויסגענומען מיין זון, מאיר, מיט זיין פרוי, מיין פרוי און גוטשע דאָמב, און זיי אַלעמען אַוועקגעשיקט אינעם קעלער.

און ווידער אַ מאָל האָט זיך באַשטעטיקט, ווי אמת עס איז, אַז אַ מענטש איז שטאַרקער פון אייזן: איך האָב אויך אָט די בשורה אויס־געהאַלטן.

א מעשה מיט א קיישל

אויף צומאָרגנס איז פון געסטאַפּאָ־קעלער צוריקגעקומען מיין פרוי, (איר נאָמען פון דער היים רייזל שיוואַק), און אָט וואָס זי האָט אונדז דער־ציילט וועגן דעם איבערפאַל:

בערך אַ שעה צייט נאָך מיין אַוועקגיין, ווען אַ טייל פון די חברטעס האָבן אויך געהאַט פאַרלאָזן און די איבערגעבליבענע זענען געווען פאַר־נומען מיט צוגרייטן מתנות פאַר די קינדער, האָט מיין זון געכאַפּט אַ בליק אינעם פענצטער און אַ זאָג געטאָן, אַז אים דאַכט זיך, אַז געסטאַפּאָ איז דאָ.

איידער וואָס, ווען, זענען עטלעכע דייטשע גזלנים מיט זשאַקן בתוכם געווען אינעווייניק. דערזעענדיק זיי, האָט מאיר גענומען לויפן צו דער הינטער־טיר; דאָס געזינדל איז אים אָבער נאָכגעלאָפן, געפאַקט אים

און געגומען שלאָגן. די מוטער האָט געזען — מען שלאָגט דעם זון, איז זי צוגעלאָפן, ווי אַ דולע און גענומען אָפּרייסן פון אים די מערדער. נאָר זשאַק־מסור האָט איר אָנגעכאַפּט פאַר די אָרעמס און אַוועקגעשליידערט אויף דער קאַנאַפּע. אייניקע פון דער געסטאַפּאָ האָבן אַרויסגעשלעפּט

רייזל

די פרוי פון ישראל טאַבאַקמאַן

אונדזער זון, די שנור און גוטשע דאַמב, אַריינגעפּאַקט זיי אַלע דריי אין אַ קעטשל און אַוועק.

די פאַרבליבענע געסטאַפּאָוועס מיט זשאַקן האָבן זיך באַלד גענו־מען צו מיין פרוי. צום ערשטן האָט זשאַק, דער מנוול געפרעגט אויף יידיש:

— ווּ האָסטו דיין געלט ?

האָט זי אים געענטפערט אַז זי האָט נישט קיין געלט.

— האָסט דאָך אַ גרויסע פאַבריק : ווּ איז דאָס געלט ? איז ער נישט אָפּגעטראָטן.

מאיר טאַבאַקמאַן

טעטיק אין דער בעלגישער אונטערגרונט, דערשאָסן אויפן וועג פון דעפּאָרטאַציע

נאָר מיין פרוי האָט אים געזאָגט, ער זאָל גיין צום קאָמיסאַר, וועט יענער אים געבן.

געזען, אַז קיין געלט קען ער נישט אַרויסקריגן, האָט ער איר גע־הייסן איינפּאַקן די וועש און מלבושים אויף מיטצונעמען כלומרשט אין וועג. מיין פרוי האָט אָבער געטענהט : זי איז דאָ אַ פרעמדע און די זאַכן באַלאַנגען נישט צו איר.

האָט ער זיך אַלץ נאָך געמאַכט, ווי ער איז אויסן איר טובה און גענומען איינרעדן:

— דו ביסט דאָך ביים זון, און זיינע זאַכן זענען אויך דיינע. דו מוזט זיי האָבן אויפן וועג!

מיין פרוי האָט ווייטער געטענהט, אַז אויך דער זון איז דאָ אַ פרעמ־דער. האָבן שוין אַלע גענומען שרייען, זי זאָל זאָגן, ווער עס וווינט דאָ. מיין פרוי האָט געענטפערט, אַז זי ווייס נישט.

איינער פון דער געסטאַפּאָ־באַנדע איז אַרויף אויפן ערשטן שטאָק און אַראָפּגעשלעפּט פון דאָרט די באַלעבאָסטע. זי האָט באַשטעטיקט, אַז אַלע זאַכן באַלאַנגען צו איר, אויסער דעם קיישל. דאָס איז דאָס איינציקע, האָט זי געזאָגט, וואָס איז נישט אירס אין דער דירה.

דאָס קיישל, אויף וועלכן די באַלעבאָסטע האָט אָנגעוויזן, איז געווען פאַרלייגט מיט פּראָדוקטן. אָבער מיין פרוי האָט גוט געוווסט, אַז אונטער דער שפּייז זענען באַהאַלטן אומלעגאַלע צייטונגען.

די דייטשן, זעענדיק, אַז זיי קענען דאָ גאָרנישט אויפטאָן וויל אַלץ געהער צו אַ בעלגיערין, האָבן באַפוילן מיין פרוי גיין מיט זיי און מיטנע־מען דאָס קיישל. זי האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, טענהדיק, אַז זי קען פאָרט נישט נעמען אַ זאַך, וואָס איז נישט איר אייגנס. נאָר זיי האָבן זיך דווקא צוגעטשעפּעט, זי זאָל יאָ נעמען דאָס קיישל. געדראָט איר און געריטשעט, אַז דאָס איז דאָך „בלויז צום פרעסן, און נישט קיין ווערטזאַך".

דאָ האָט שוין מיין פרוי מורא געקראָגן ס'זאָל נישט ווערן פאַר־דעכטיק, איר אַמפּערן זיך וועגן דעם קיישל: אויב זיי זאָלן נעמען נישטערן און אָנטרעפן אויף די צייטונגען, קען זי נאָך חלילה אויסשטעלן דעם זון אויף נייע געפאַרן. האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס קיישל און געגאַנגען מיט זיי.

דאָס קעטשל איז שוין געהאַט צוריקגעקומען. מ'האָט זי אַריינגע־שטופּט און געפאָרן צום קעלער אויף אווענו לויס.

אַ גאַנצן וועג זענען מיין פרויס געדאַנקען געווען אָנגעצילט אין איין ריכטונג: וואָס טוט מען מיט די צייטונגען? דאָרט וועלן דאָך די געסטאַפּאָ־פאַרשוינען געוויס אַדורכנישטערן דאָס קיישל ביזן דנאָ. וואָס זאָל זי זאָגן? — „נישט אירס?" — וועט מען אַריינפירן דעם זון, די שנור,

און גיטל דאַמב, און ס׳וועט זיך אָנהייבן אַן אויספאָרשונג מיט שלאָגן. דער קאָשמאַר פון דער פריערדיקער שלעגעריי איז איר נאָך געשטאַנען פאַר די אויגן און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז בכלל נישט קיין אויסוועג.

איז איר איינגעפאַלן: אפשר זאָל זי זיך ווענדן צו זשאַקן? דער־ציילן אים דעם אמת, וואָס פאַראַ „סחורה״ זי פירט אין דעם קיישל און בעטן רחמים, ער זאָל זיך אויף איר דערבאַרעמען און דאָס ערגעץ פטרן. ער איז טאַקע אַ מסור, אָבער פאָרט אַ ייד. זי האָט זיך שוין געזאָלט צו אים ווענדן, נאָר כאַפנדיק אַ בליק אויף זיין אויסגעכאַליעטן פּרצוף, איז איר געוואָרן אַזוי עקלדיק אויפן האַרצן, אַז זי האָט זיך אָפּגעקערט פון אים און באַשלאָסן: זאָל זיין גאָטס ווילן; זי וועט ביי דעם ימחשמוניק נישט בעטן.

אָנקומענדיק אויפן אָרט, האָט מען זי קודם אַריינגעוואָרפן אין ביוראָ, אויף זייער שטייגער, געזידלט איר דערביי און געשטויסן; נישט געזשאַלעוועט אויך קיין קלאַפּ. די נאַצי־פאַרשוינען, וואָס זענען דאָרט געזעסן ביי אַ שרייבטיש, האָבן זיך באַלד אויף ס׳ניי צו איר גענומען:

— ווו איז דאָס געלט? דאָננערוועטער, ווו האָסטו דיין געלט?!

און אַז מיין פרוי האָט געענטפערט, זי האָט נישט קיין געלט, זענען זיי צוגעשטאַנען, פאָדערנדיק דאָס „געפעק״, וואָס זי האָט מיטגענומען אין וועג.

— איך האָב קיין געפעק מיט זיך. האָט זי געזאָגט, און די האַנט מיטן קיישל געהאַלטן אויסגעצויגן ביי דער זייט, ווי אַ סטרונע, זיך גע־היטן, נישט צו טאָן מיט איר קיין ריר: אפשר וועלן זיי נישט באַמערקן?

אָבער איינער פון די אויספרעגער האָט יאָ דער׳זען דאָס קיישל און אַרויס אויף איר מיט אַ יעלה:

— אונד היער — וואָס האסטו?!

מיין פרוי האָט שוין אַלץ איינס נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. איז איר איינגעפאַלן: אפשר — מאַכן זיך גאָר תמעוואַטע?

— צו עסן האָב איך מיטגענומען — זאָל איך דאָס אַרויס־לייגן? — האָט זי געפרעגט, און ס׳האַרץ האָט אין איר געטראַסקעט — נאָר אַרויסצושפּרינגען.

צי ס׳איז דעם רוצח פלוצטהאלבן נמאס געוואָרן דער עסק — צי וואָס? נאָר פון דער העלער הויט האָט ער ערשט רעכט צעריטשעט זיך, אויף וואָס די וועלט שטייט:

— לאָז! ר־ר־אוס — ראַוס פאָן היער!!!

און אַרויסגעוואָרפן מיין פרוי הינטערן טיר מיטן קיישל.

פון דאָרט האָט מען זי גליך אַריינגעשליידערט אין קעלער, ווו אַ גאַנצע פּאַרטיע יידן איז שוין געלעגן אויף די נאַרעס.

דערזעענדיק די מאַמע מיטן קיישל, זענען אונדזערע דריי פּאַרצי־טערט געוואָרן: געמיינט, אַז די רוצחים וויסן שוין וועגן די צייטונגען און באַלד וועט זיך אָנהייבן דאָס אמתע פּאַרשן. זי האָט זיי באַלד באַרויקט און דערציילט די געשיכטע מיטן קיישל, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קלערעניש: וואָס טוט מען מיט די צייטונגען?

אין קעלער זענען געווען אויך פרעמדע יידן. איינער האָט געזאָגט: מען דאַרף זיי אַריינוואַרפן אין טואַלעט. אַ צווייטער האָט געעצהט, יעדער זאָל נעמען אַ צייטונג און אויפעסן. מ׳האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה און, לסוף געפונען אַן אויסוועג: די נאַרע, ווו מ׳איז געלעגן, האָט פאַר־מאָגט היפשע שפּאַרעס און איז אין פראַנט פאַרמאַכט געווען, ווי אַ קאַסטן, אַזוי, אַז די „באַלעבאַטים״ האָבן גאַרנישט נישט געקאָנט באַמערקן. מ׳האָט גענומען רייסן די צייטונגען און שטופן אין די שפּאַרעס. ס׳האָט געדויערט אַ שפּאַר ביסל צייט, ביז מען איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם שטיקל אַרבעט.

ווען דער וואָגן איז אויף צומאָרגנס געקומען — אַוועקצופירן זיי אין מאַלין, איז מיין פרוי געווען זיכער, זי פאָרט מיט די קינדער אין איינעם. נאָר ווי דערשטוינט איז זי געוואָרן, ווען די מערדער האָבן זי אויסגעטיילט פון דער פּאַרטיע, אָנגעזאָגט, אַז זי איז פריי און מיט זידלע־רייען געהייסן „זיך שערן צום טייוול, אהיים!״.

פאַר דעם מעת־לעת צייט האָט מיין פרוי זיך זייער געענדערט: איר קאָפּ איז גראָ געוואָרן, דאָס פּנים — פאַרחושכט. דער דאָזיקער גע־ראַנגל, פּנים אל פּנים מיט די געסטאַפּאָ־פאַרשויִנען, האָט מער פון אַלע פריערדיקע איבערלעבענישן אַרויפגעלייגט אויף איר דעם חותם פון ליידן; אויך דער צער וועגן די קינדער איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט זיך

שוין אפילו נישט געפרייט, וואָס זי איז ניצול געוואָרן פון די דייטשע לאַפּעס.

בכלל איז זי זינט יענעם טאָג געוואָרן ווי פאַרשטיינערט, ווינציק גערעדט, און אויפן אַדרעס פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג געלאָזט פאַלן האַרבע ווערטער, אַז — „זייער קאַמף איז גאָרנישט ווערט, אויב די דייטשע מערדער קענען אַזוי געוועלטיקן אין דער שטאָט בריסעל”...

די לעצטע קרבנות אין מיין משפחה

דער לעצטער איבערפאַל און דאָס פאַרכאַפּן צום דריטן מאָל מיין זון, מאיר — האָט אויך אויף מיר זיך אָפּגערופן פאַטאַל: דאָס האַרץ האָט עפּעס ווי געזאָגט, אַז דאָס מאָל איז ער אַ פאַרפאַלענער.

עמעץ האָט אים שוין געהאַט געמסרט, אַז ער איז פון די „ש פ ר י נ ג ע ר” און די מאַלינער רוצחים האָבן אים דאָרט מזכה געווען מיט באַזונדערע סימנים: אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ און צוגעטשעפּעט אַ רויטן באַנד אויפן אָרעם.

ווען מ׳האָט אויסגעפּועלט פאַר מיר אַ באַזוך אינעם לאַגער (איך ווייס נישט ווער) און כ׳האָב אים דערזען פון ווייטנס דורך אַ פענצטער, ווי ער שפּאַצירט אַזוי, אַ „געצייכנטער”, אינעם הויף, איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן: איך האָב דערפילט, אַז מיין זון איז פאַרמשפּט צום טויט.

כ׳ווייס נישט — צי האָט ער מיך געזען דעמאָלט, צי נישט, אָבער סיי פון דעם גאַנג זיינעם, סיי פון פנים, האָב איך אָראָפּגעלייענט: אויך ע ר גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז דאָס מאָל וועט אים דער אומקום נישט מיידן.

כ׳פאַרשטיי נישט ביז היינט: וויאַזוי בין איך אַרויס דעמאָלט אַ לעבעדיקער פון יענעם „וויזיט”. אויב דער טויט איז אויף אַ פּלוצעמדיקן אופן אַליין פון זיך נישט געקומען — פאַרוואָס האָב איך מיט די אייגענע הענט נישט אַ סוף געמאַכט צו מיין לעבן? צי בין איך געווען אַזאַ

שוואַכע בריאה, און אפשר — אַ פחדן, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געקלאַמערט אין עפּעס, וואָס מ׳האָט שוין קוים געקענט אָנרופן — „לעבן״?. ווען איך בין אָבער אין מיינע געדאַנקען גרייט געווען צו מאַכן מיט זיך אַ סוף, פלעגן באַלד אַנדערע מחשבות זיך אַריינמישן, און אויך עפּעס משונהדיקע אילוזיעס, אַז — אפשר טרייב איך נאָר איבער, אפשר וועלן די געכאַפּטע פאָרט נאָך אַהיימקומען?. און אַ חוץ דעם: וואָס וועט זיין מיט די קינדער, וועלכע זענען נאָך אויף דער פריי? און מיין פרוי? און דער געראַנגל פאַר דעם גאַנצן יישוב אונדזערן?. נאָך אַלעמען צי בין איך דען אין מיין רשות צו קאָנען טון מיט זיך, וואָס איך וויל?.

*

ס׳איז געקומען דער פינצטערער טאָג, ווען מיין זון מיט דער שנור — די לעצטע קרבנות אין מיין משפחה — זענען צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער יידן דעפּאָרטירט געוואָרן צום אומקום. דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען דער 24־סטער טראַנספּאָרט. אַ גאַנצן טאָג בין איך, ווי אַ צעמישטער, אַרומגעגאַנגען אין דער א. זש. בע., און מיין טאָכטער, לאה׳טשע, איז אויך דאָרט געווען.

די יודנראַטלער ראָזענפעלד, הערץ און בערלין האָבן זיך מיר בכיוון געוואָרפן אין די אויגן: הערץ האָט אפילו געלאָזט פאַלן אַ וואָרט אַז פאַר אַ האַלבן מיליאָן פראַנק וואָלט מען זיי אפשר געקאָנט באַפרייען. אָבער דאָס איז געווען אַ בפירושער ליגן: געמיינט האָט ער בלויז צו מאַכן זיך דערמיט פאַר אַ גוטן. גערעכנט, אפשר אויך, איך וועל קניען פאַר זיי און בעטן רחמים. כ׳האָב פאַרביסן די ציין און געשוויגן. מיין טאָכטער האָט זיך מיט זיי געקריגט, געוואָרפן זיי דרייסטע ווערטער אין פּנים:

— „איך ווייס, מיין ברודער וועט אומקומען — אָבער אייער סוף איז אויך באַוואוסט — באַוועגט!״.

די מחנות צעבראָכענע און דערשראָקענע, וואָס זענען, ווי תמיד, געשטאַנען הינטער די טירן, האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּחידושן אויף איר

דרייסטקייט און ממש געקילט זיך דאָס האַרץ דערמיט, וואָס כאָטש איינער וואָגט אַריינצוזאָגן די פאַרברעכערישע דייטשישע העלפער.

*

אפילו, ווען די יודנראַטלער זאָלן געווען מיט אַן אמת זיך באַמיען, ווייס איך אויך נישט, צי זיי וואָלטן אין דעם פאַל געקענט עפּעס אויפטאָן. וואָרעם ווי איך האָב דערנאָך געהערט פון ראָזענפעלדן און בערלינען, איז מיין זון באַוווּסט געוואָרן דער געסטאַפּאָ אַלס אָרגאַניזאַטאָר פוןביידע „שפּרינג״־אַקציעס, און אַזאַ וויכטיקן קרבן וואָלטן זיי כאַר געלט נישט אַרויסגעלאָזט פון די לאַפּעס.

דער געראַנגל גייט אָן

מ׳האָט דעם דערמאָנטן טראַנספּאָרט אויך איבערגעלעבט און דער גערانגל אין יישוב איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג. אַוועק אַ טראַנ־ספּאָרט, ווידער האָט מען געגרייט אַ טראַנספּאָרט, און ווידער האָט מען זיך געוועט און געאַמפּערט, נישט אַריינצופאַלן אינעם טראַנספּאָרט.

די ידיעות פון די פראָנטן האָבן דערפרייט אַלעמענס הערצער, אָבער נישט פאַרגרינגערט דאָס לעבן פון דער באַפעלקערונג. דאָס כאַפּן האָט נישט אויפגעהערט, און דער הונגער איז אַריינגעדרונגען אין אַלע פאַרבאַהאַלטענע שטיבער. די געסטאַפּאָ־מערדער, וויסנדיק וועגן זייערע מפּלות און וועגן דעם, אַז דער פראָנט דערנענטערט זיך צו די בעלזי־גישע גרענעצן, האָבן שוין פאַרגרייט נייע פּלענער צו ליקווידירן אויף גיך אונדזער יישוב און וואָס מער גוטס אַרויסצופירן פון בעלגיע — קודם כל, פאַרשטייט זיך, האָב און גוטס פון די יידן.

די שמועה, אַז זיי האַלטן שוין אויך ביי אַראָפּברענגען דעם גרעסטן באַצי־רוצח, גראַהע, ימח שמו — האָט צום איבעריקן געמאַכט אויפ־

ציטערן די רעשט יידישע באַפעלקערונג. מיר האָבן געוווּסט, מיט וואָס דאָס שמעקט: דער טריפּהנער נאָמען פון דעם ספּעציעלן יידן־מערדער איז געווען אַ סימן, אַז אויף אַ בעסטיאַלישן אופן וועט באַלד פאַרענדיקט ווערן די ליקווידאַציע פונעם רעשט ביסל יידן אין בעלגיע.

און נאָך עפּעס: נישט האָבנדיק מער קיין צוטרוי צו דער מיליטער־פאַרוואַלטונג, האָבן די נאַצי־באַנדיטן פאַרביטן איר אויף אַ ציווילער. די ס.ס.־ניקעס באַנאַנד מיט דער פעלד־זשאַנדאַרמעריע האָבן געווילדעוועט אויף די גאַסן. פון טאָג צו טאָג האָבן זיך פאַרשטאַרקט די רעפּרעסיעס; אפילו די בעלגישע באַפעלקערונג איז טעראָריזירט געוואָרן מער, ווי ביז איצטער.

פון דער אַנדערער זייט האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט די קאַמף־טעטיקייט פונעם בעלגישן אונטערגרונט: די וויכטיקע, טאָג־טעגלעכע סאַבאָטאַזש־אַקטן, דאָס כסדרדיקע רופן די בעלגישע בירגער צום אויפשטאַנד — אַלץ דאָס האָט אָנגענומען זייער רעאַלע און פּראַקטישע פאָרמען.

אויך מיר, די לינקע „פּועלי־ציון" האָבן נישט געשוויגן: אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף אין דער יידישער און פראַנצויזישער שפּראַך און גערופן צו אַקטיוון ווידערשטאַנד קעגן די מערדער. אַ חוץ דעם זענען אָרגאַניזירט געוואָרן זעלבשטענדיקע חברים־גרופּעס אונטער געווער. בקיצור: די יידישע גאַס האָט אויפגעכאַפּט דעם „סיגנאַל" און נאָך מער פאַרשטאַרקט איר טעטיקייט.

אונדזער אונטערערדישע אַרבעט במשך פון דער גאַנצער צייט האָט אַרויסגערופן סימפּאַטיע און אָנערקענונג ביי די בעלגישע קעמפער און מיר זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן אין דער בעלגישער נאַציאָנאַלער אונטערגרונט־באַוועגונג אַלס זעלבשטענדיקע 9־טע בריגאַדע.

צו יענער צייט האָבן מיר שוין געהאַט ידיעות וועגן אַלץ, וואָס ס'איז געשען אין פּוילן. פאַר אונדזערע אויגן איז געשטאַנען דער העראָישער קאַמף פון יידישן געטאָ אין וואַרשע — און אויך

מיר האָבן זיך געגרייט מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט צום קאַמף אויף לעבן און טויט.

די פאלעסטינע-אויסטויש-פאפירן פארלירן זייער ווערט

מיר איז שוין נישט באַשערט געווען, אַזוי ווי אַנדערע הונדערטער חברים, צו זיין אין די קאַמף־רייען.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן — כ׳מיין, אַז דאָס איז געווען דער 14־טער אויגוסט 1944 יאָר — בין איך, אַ באַלאָדענער מיט כלערליי פעקלעך, ווי: עסנוואַרג, מעדיקאַמענטן און אונטערוועש, אַוועק אין אַ שפּיטאָל הינטער בריסעל. דער נאָמען פון יענער געגנט איז מיר אַרויס פון זכרון און איך געדענק בלויז, אַז דאָס איז געווען אַ ווייטע רייזע מיטן טראַם.

אָנגעקומען אַהינצו, איז מיר אָנגעזאָגט געוואָרן די בייזע בשורה, אַז צוויי פון „מיינע" פּאַציענטן, וואָס איך פלעג באַזוכן, זענען שוין נישטאָ: געשטאָרבן איינער נאָכן אַנדערן אין משך פון 8 טעג. אויף די בעטלעך האָב איך געטראָפן ליגן אַנדערע קראַנקע.

אָנגעזאַפּט מיט צרות, און אונטער דעם איינדרוק פון די צוויי טויט־פאַלן, האָב איך, אַ מידער און אַ צעבראָכענער, פאַרלאָזט דאָס שפּיטאָל.

אַריין אין טראַם, האָב איך אין גאַנצן פאַרגעסן, ווו איך האַלט אין דער וועלט. אַהיימפאָרנדיק, פלעג איך געוויינטלעך אַראָפּ פונעם טראַם עטלעכע גאַסן פריער און אַזוי לאַנג אַרומדרייען זיך, ביז ס׳איז געווען טונקל. ערשט דעמאָלט, אַכטונג געבנדיק, צי עמעץ זעט נישט, פלעג איך אַריינדרייען אין מיין וווינונג. יענעם טאָג אָבער האָב איך פאַרלוירן דעם שכל און פאַרגעסן, וואָס מען דאַרף טאָן. כ׳בין פאַרפאָרן גלייך צו מיר; אַריין, ווי קיינמאָל גאָרנישט, אין שטוב און, ווי תמיד, אויפגעהאָנגען מיין טעקע אויף דער וואַנט, הינטערן טיר (צו אַלע צרות איז נאָך די טראַם־סטאַציע געווען פונקט קעגנאיבער דעם אריינגאַנג אין מיין הויז).

אַנידערוואַרפנדיק זיך אויף אַ שטול, האָב איך ערשט געכאַפּט זיך, וואָס כ׳האָב געטאָן. אָבער ס׳איז געווען אָפּגעטאָן און אוממעגלעך שוין צום פאַריכטן. וואָלט מיר כאָטש איינגעפאַלן מבער צו זיין די טעקע! נאָר יענעם טאָג בין איך געווען אַ מין ליימענער גולם און אפילו דאָס נישט געטאָן.

אַלע אַנדערע איינוווינער פון מיין דירה זענען זיך גראָד געהאַט צעגאַנגען אויף פאַרשידענע אַרבעטן. אין שטוב איז בלויז געווען מיין משפחה: די יונגסטע טאָכטער, פריידע, מיט איר מאַן, מיין פרוי און אויך אַן איינציקע פרעמדע פרוי, וואָס איז ביי אונדז געבליבן, ווייל זי האָט פאַרשפעטיקט צו פאָרן אַהיים.

ביסלעכווייז האָט גענומען טונקלען. דער גאַנצער אָוונט איז געווען אַן אומעטיקער. מיר האָבן זייער ווינציק גערעדט איינער צום אַנדערן. פאַרזונקען אין זיך אַליין, האָט מען זיך אַרומגעדרייט שווייגנדיקע און אַן קוראַזש, גלייך איטלעכער וואָלט ווי פאַרויסגעפילט, אַז עפּעס־וואָס דאַרף געשען. ענדלעך האָבן מיר געמאַכט נאַכט.

כ׳האָב בשום אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן, און ווייזט אויס, אַז קיינער איז נישט געשלאָפן. וואָרעם ביים ערשטן קלאַפּ אין דער פראָנט־טיר זענען שוין אַלע געזעסן אויפן געלעגער און שטילערהייט געשעפּ־טשעט: די געסטאַפּאָ.

צו ערשט האָב איך זיך נישט וויסנדיק געמאַכט. געמיינט, אפשר דאַכט זיך אונדז אויס, אַז מע קלאַפּט. מ׳האָט גענומען זבענקען אין דער טיר, ביז אויף צעברעכן זי.

כ׳בין אַראָפּ פון בעט און שטיל געפרעגט: ווער איז?

— אויפמאַכן! איז געווען דער ענטפער.

כ׳האָב געעפנט, און ס׳האָבן זיך אַריינגעלאָזט 4 פאַרשווינען מיט רעוואָלווערן אין די הענט:

— פערפלוכטעס געזינדל! וויפל לויטע זייט איר? פאַפּירע! וואָס מאַכען זי דא? — אין איין אָטעם געשטעלט די אַלע פראַגן און, נישט וואַרטנדיק קיין ענטפער, אַ לאָז געטאָן זיך איבער אַלע שטיבער.

מיר האָבן זיך גענומען אָנטאָן. כ׳האָב געוווּסט, אַז נישטערנדיק, וועלן זיי געפינען די אַלע גוטע זאַכן, וואָס זענען אָנגעלאָגערט ביי מיר אין דער וווינונג.

און דאָ האָב איך זיך ערשט דערמאָנט וועגן דער טעקע, וואָס איז, ווי שטענדיק, געהאָנגען הינטער דער טיר: דאָרט זענען געווען צענדליקער אַדרעסן פון פאַרבאַהאַלטענע יידן און אויך חשבונות פון פאַר־טיילטער הילף. אַ שווייס האָט מיך באַגאָסן: ווען זיי זאָלן דאָס געפינען, וועט זיין יענע בראָך.

מיין שרעק איז געווען אומגעהייער, האָב איך געשריגן צו יעדן איינעם, ר׳זאָל זיך אָנטאָן גיכער. איך האָב גערעכנט: אויב מיר וועלן באַלד גרייט זיין, וועלן זיי אפשר פאַרשפּאָרן צו זוכן און אונדז גלייך אַרויספירן.

כ׳האָב זיי דערלאַנגט מיינע פּאַלעסטינע־אויסטויש־פּאַפּירן. איי־נער פון די געסטאַפּאָווצעס האָט געהאַלטן, אַז ווערליק די פּאַפּירן, טאָרן זיי אונדז נישט נעמען. די איבעריקע דריי האָבן אָבער געפונען אַן עצה: ווייל איך האָב געלאָזט נעכטיקן אַ פרעמדע פרוי, מוזן מיר אַלע גענומען ווערן. זיי האָט, פאַרשטייט זיך, געלאָקט דער רויב; ווען זיי לאָזן אונדז איבער, וואָלטן זיי נישט געקאָנט אַזוי אומפאַרשעמט רויבן.

איינער איז אַרויס און געברענגט אַ שרייב־מאַשין. צוויי האָבן זיך אַוועקגעזעצט פאַררעגיסטרירן כלומרשט דאָס פאַראַנענע. ס׳איז מיר געווען אַ חידוש, וואָס קיינער פרעגט נישט, ווו איך האָב דאָס גענומען, און, צו וואָס — אַזויפיל? נאָר די באַנדע האָט גאָרנישט אינטערעסירט, אַבי ס׳איז דאָ, וואָס צו ראַבעווען.

מיינע מחשבות זענען אַלץ געווען ביי דער טעקע: ווער ווייס, וואָס דאָ וועט נאָך זיין?

דערווייל האָבן צוויי פאַרשוינען אונדז אַרויסגעפירט און אַריינגע־פּאַקט אינעם קעטשל. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אין קעלער. אין דעם זעלבן קעלער, אויף דער זעלביקער נאַרע, ווו מיין זון איז געלעגן און ווו ס׳זענען אַריינגעשטופּט געוואָרן די ציי טונגען. אוי, ווען איך זאָל קאָנען טאָן דאָס אייגענע מיט מיין טעקע!

כ׳בין געווען אינגאַנצן צערודערט: די טעקע! די טעקע איז מיר נישט אַרויס פון זינען. וויסטע פאַרגעפילן האָבן מיך אַרויסגעבראַנגט פון די כלים: אָט געפינען זיי איר, און אָט רופט מען מיך שוין אין ביוראָ. דער געדאַנק, אַז צוליב מיין אומפאַרזיכטיקייט וועלן צענדליקער יידן געשלעפּט ווערן צום טראַנספּאָרט, האָט מיך משוגע געמאַכט. כ׳בין אַרומגעלאָפן אין קעלער פון איין וואַנט צו דער אַנדערער, ווי אַ חיה, וואָס וויל אַרויס **פון דער שטייג און קאָן נישט.**

מיין משפחה האָט מיך געטרייסט, אַז די געפאַר איז שוין מסתמא אַריבער און זיי האָבן די טעקע נישט געפונען; ווען יאָ, וואָלט מען שוין דאָ געווען מיך רופן. נאָר איך האָב געהאַלטן, אַז זיי פאָרן איצט אַרום און שלעפּן אַרויס די יידן, וואָרעם איך וועל זיי אַלץ איינס נישט אַנטלויפן.

איצט האָב איך מער נישט געהאַט קיין געדולד אַרומצודרייען זיך איבערן קעלער, און בין בלויז געשטאַנען ביים טיר אַ געשפּאַנטער און אין איין ציטערניש, אַז באַלד וועל איך דערהערן: מע שלעפּט זיי שוין, די אומגליקלעכע.

אין אַזאַ פלאַטערניש בין איך איבערגעקומען די נאַכט. צומאָרגנס אין דער פרי האָט מיין פרוי אויפסניי מיך גענומען באַרויקן, אַז זיי האָבן די טעקע זיכער נישט געפונען, וואָרעם ביז איצטער וואָלט מען מיר אוודאי שוין געלאָזט וויסן. נאָר איידער איך האָב געהאַט צייט איבערצוּלייגן, צי זי איז גערעכט, אָדער נישט — איז דערוויל אָנגעקומען דער וואגן און אַוועקגעפירט אונדז קיין מ א ל י ן.

איך ווער א „נומער"

אָנקומענדיק אין מאַלינער קאַזאַרמע, ד. ה. אין דער דעפּאָ, פון וואַנען מ׳האָט אָפּגעשיקט די טראַנספּאָרטן, האָב איך ווי פאַרגעסן די

וועלט און ערשט רעכט דערשפירט, אַז איצט בין איך מיט מיין גאַנץ נפש אין די דייטשע לאַפּעס און קען שוין מער גאָרנישט טאָן, אויסער — ווארטן אויף אַ פּעקל און אויפן טראַנספּאָרט.

מיט דעם זעלבן וואגן האָט מען געברענגט נאָך 40 געכאַפּטע. אַז מ׳האָט אונדז אַלע אויסגעלאָדנט און מיר זענען שטיין געבליבן אין אַ גרויסן הויף, האָב איך דערזען פון ווייטן, ווי מענער און פרויען שטייען און קוקן, ווען מען עס פאַרשלעפּט אַהערצו: צי נישט אַמאָל קיין אייגענע.

פלוצעם דערהער איך אַן אויסגעשריי פון אַ פרוי:

— „אוי, אַ בראָך האָט מיך געטראָפן: אונדזער טאַטן־און שפּייזער — טאַבאַקמאַנען מיט דער משפּחה האָבן זיי דאָך געברענגט צו שלעפּן! וואָס וועלן מיר איצטער טאָן?”.

ס׳איז דאָרט געוואָרן אַ געדראַנג. מ׳האָט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי איז טאַקע אמת, וואָס די פרוי זאָגט. איניקע האָבן גאָר געמיינט, אַז טאַבאַקמאַן איז פון אַנהייב אָן אַ געשיצטער, וויבאַלד ער ליגט נישט ערגעצוו אין אַ לאָך, נאָר פאַרקערט — ווי נאָר עפּעס, קאָן מען אים זען און הערן.

מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין אַ ריזיקן, לאַנגן ביוראָ, וווּ ביי פאַרשידענע טישן זענען געזעסן דייטשישע מחבלים, וואָס האָבן געדאַרפט אויפנעמען דאָס צוגעשיקטע „פי”. איינער האָט גלייך פאַרשריבן די נע־מען, אַ צווייטער געהייסן אַרויסלייגן אַלץ, וואָס עמעצער האָט נאָר מיט זיך. דערנעבן זענען געשטאַנען גרויסע קוישן און דאָרט האָט דער פאַר־שוין אַריינגעוואָרפן איטלעכע זאַך. פאַרשטייט זיך, אַז ווערטזאַכן האָט ער געמאַכט זיך כלומרשט פאַרגעסן און געלאָזט ליגן אויפן טיש. אַזוי האָב איך, למשל, געהאַט אַ ווערטפולע סטילא־פען — איז זי אויך געבליבן אויף יענעם טיש.

פאַרשריבן אַלץ, וואָס מ׳האָט אַרויסגעלייגט, האָט ער נאָך אַמאָל אויסגעפרעגט, צי האָט מען נישט עפּעס באַהאַלטן. דערנאָך האָבן זיי אונדז אַוועקגעשטעלט הינטער אַ וואַנט, וווּ ס׳איז ערשט פאַרגעקומען די גרינטלעכע „אונטערזוכונג”: אַ באַרוועסער און אויסגעטאָן ביזן העמד,

איז איטלעכער באַטאַפּט און באַקוקט געוואָרן פון אַלע זייטן; און טאָמער האָט מען חס וחלילה געפונען עפּעס ביי וועמען נאָך דעם, ווי ר׳האָט געזאָגט, אַז מער האָט ער גאָרנישט, איז אָד־ און ווי געווען צו זיין בינטל יאָרן: אַזאַ איינער איז שוין נישט געגאַנגען צוריק אין איינעם מיט אַלע, נאָר מ׳האָט אים אַרויסגעטראָגן דורך אַן אַנדערן וועג.

אויף מיר האָט טאַקע געציטערט די הויט: טאָמער ווערט עפּעס געפונען ביי מיין פרוי, ביי די קינדער? אפשר — נישט ווילנדיק, און אפשר איז זיי גאָר איינגעפאַלן עפּעס־וואָס צו באַהאַלטן?.

צום גליק איז די פיינלעכע פּראָצעדור אַדורך בשלום און מ׳איז בלויז אָפּגעקומען מיט שרעק. זיי האָבן יעדן איינעם מזכה געווען מיט אַ שטיק קאַרטאָן, אָנגעהאָנגען אויף אַ שטריקל, צו טראָגן דאָס שטענדיק אויפן האַלדז. מיין נומער איז געווען 187, מיין פרויס — 183.

ענדלעך איז מען אַרויס פון דאָרט „פריי" אויפן הויף און מ׳האָט איטלעכן צוגעטיילט אַן אָרט אין דעם הקדש. מיין „אַדרעס" איז געווען: 2־ער בלאָק, ערשטער עטאַזש.

דאָרט בין איך אַרומגערינגלט געוואָרן מיט מענער, פרויען און קינדער. מ׳האָט מיך באַוואָפן מיט פראַגן: וויאַזוי בין איך געכאַפּט געוואָרן? ווער וועט זיי שיקן איצטער אַ פּעקל? און ווער וועט טאָן עפּעס פאַר יענע, וואָס זענען נאָך אויף דער „פריי?".

איז מיר פּלוצעם איינגעפאַלן זיי צו זאָגן, אַז כ׳בין געקומען זיי באַפרייען (שוין איינמאָל אַ באַפרייער!), האָבן זיי זיך גאָר גענומען מיט מיר שפּאַרן:

— ניין, מיר ווילן, אַז איר זאָלט פ ר י ע ר באַפרייט ווערן!

און איך האָב זיך געהאַלטן ביי ס׳מייניקע:

— ניין, אָן איך גיי איך נישט: מירן שוין אַלע אין איינעם באַפרייט ווערן אין גיכן פון דאַנען. לויט ווי ס׳האַלט מיט אונדזערע שונאים אויף די פראָנטן, וועלן זיי נישט באַוויזן קיין איין טראַנספּאָרט מער אַוועקצושיקן...

איך ווייס נישט, וואָס ס׳איז מיט מיר דעמאָלט געשען: עפּעס מיט איין מאָל האָב איך פאַרגעסן מיין אייגענע און אַלעמענס לאַגע און

באַקומען אַזאַ קוראַזש, און זאָג זיי צו אַלע ישועות ... גלייך אַ דיבוק וואָלט פון מיר אַרויסגעליימערט, האָב איך זיי געגומען איינרעדן, אַז מ׳דאַרף זיך האַלטן און איבערקומען בלויז געציילטע וואָכן, אונדזער פּיין וועט שוין נישט געדויערן קיין חודש. ביז דעמאָלט וועלן די פּעקלעך אָנקומען אויך אָן מיר. פאַרקערט — מיט מיין זיין דאָ וועט די לאַגע ווערן נאָך בעסער (משטיינס געזאָגט, וואָס איך האָב שוין געקאָנט בעסער מאַכן — אַליין אַ געבונדענער !...).

און די נידערגעשלאָגענע, פאַרמוטשעטע מענטשן האָבן ווי אויפ־געלעבט פון מיינע ווערטער, (וואָס וואָלט מען דען נישט געגלייבט אין אַזאַ צייט, אַבי — זיך צו טרייסטן ?).

איך און מיין פרוי האָבן זיך באַלד גענומען איינאָרדענען אין דעם מקום. צווישן אַ לאַנגער רייע זעק, האַרט ביי דער וואַנט, האָט מען גע־מאַכט די געלעגערס, אויך אויף זעקלעך, פאַרשטייט זיך. אָבער דער זאַק איז נישט באַנוצט געוואָרן בלויז פאַר בעטן: דאָס איז געווען אויך דער טיש מיט שטולן, די שאַנק פאַר עסנוואַרג און אפילו די געהיימע קיך. מיט איין וואָרט, דער זאַק האָט געדינט פאַר אַלע מעגלעכע צוועקן.

איך מיין טאָכטער מיט איר מאַן האָבן קעגנאיבער אונדז גענומען אַ הויכע נאַרע צום וווינען, און מיר זענען געוואָרן מאַלינער.

דער ערשטער טאָג אין דעם הקדש איז נאָך אַוועק נישקשה: געווען פאַרפאַרעט ביים איינאָרדענען זיך, גערעדט אַ וואָרט מיט איטלעכן פון די שכנים, דערציילט נייעסן פון דער וועלט און מיט די גוטע ידיעות אַריינגעזעצט זיי אַ נייע נשמה.

פון זייער זייט, ווידער, האָב איך באַקומען „אינסטרוקציעס", ווי־אַזוי אַ בירגער דאַרף זיך אויפפירן אין מאַלין; פון זיי דערוווּסט זיך וועגן די „פיז־קאָנטראָלעס" אין די אָוונטן, ווען מ׳ליגט שוין אויפן שעניק, און אויך וועגן דעם פרימאָרגנדיקן לויפן, וואָס הייסט: „מאַכן ספּאָרט".

מיינער אַ פריינד, דער ציוניסט טוכמייער (געשטאָרבן נאָך דער באַפרייאונג), וואָס האָט זיך דערדינט דאָ צו זיין אַ שטוב־עלטסטער, האָט מיר גלייך פאַרגעלייגט צו ווערן ביי אים אַ קערער, כדי כ׳זאָל אַזוי־

אַרום קאָנען אויסמיידן דעם „ספּאָרט”. ער איז זיכער, האָט ער געזאָגט, אַז איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן אָבער איך האָב זיך אָפּגעזאָגט. האַלטנדיק, אַז איך דאַרף מיטמאַכן אַלץ צוגלייך מיט אַנדערע, האָב איך נישט געוואָלט זיין קיין פּריווילעגירטער.

אין אָוונט, איטלעכער נומער אויף זיין שעניק. שוין איבערגעקומען די „פּיז־קאָנטראָל”, און אויך אַלע אַדערע, וואָס זענען דאָס מאָל אַדורך אָן באַשטראָפונגען.

ס'איז פּרייטיק־צו־נאַכטס. אַ פינצטערניש אינעם בלאָק, און אויף דער נשמה נאָך פינצטערער. די געדאַנקען אַרבעטן און דער שלאָף וויל נישט קומען. ווידער באַפאַלן מיך רעיונות וועגן דער טעקע: וואָס איז געשען מיט איר? האָבן אפשר חברים זי געראַטעוועט? אויב יאָ — פאַר־וואָס גיבן זיי נישט קיין צייכן? זיי דאַרפן דאָך וויסן ווי דער קאָפּ גייט דאָ ביי מיר אויף רעדלעך!.

באַלד כאַפּ איך זיך, אַז דאָס איז דאָך מיין ערשטער טאָג אינעם לאַגער — טאָ וויאַזוי האָבן זיי געקאָנט באַוויזן? און, צוריקגעשמועסט — ווען די דייטשע באַנדיטן זאָלן האָבן געפּאַקט די טעקע, וואָלטן זיי דען מיד אַזוי געשוויגן?.

און ווידער האָבן טראַכטעניש געיאָגט איינע נאָך דער אַנדערער. איצט זענען מיר געקומען אויפן רעיון מיינע פאַרכאַפּטע ק י נ ד ע ר. יעדעס קינד איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן, מיט זיינע באַזונדערע געוווינהייטן און פעיקייטן, מיט זיין אַרט לעבן אין שטוב, מיטן אופן פון ריידן. ווי לעבט זיך זיי היינט? און — צי לעבן זיי נאָך איבערהויפּט?.

שוין יאָרן פאַרגאַנגען, און נישט איך וויים, ווו זיי זענען, נישט איך הער וועגן זיי דאָס מינדסטע. אויסער וואָס פון מיין ל י י ב ל ע ן פלעגט פון צייט צו צייט קומען אַ בעלגיער, אָפּגעבן מיר אַ גרוס פון ב ל ע כ א מ ע ר און דערציילט, אַז דאָרט אַרבעטן זיי באַנאַנד אינעם לאַגער. פלעג איך מיטגעבן געלט און פעקלעך — די נשמה אים צו דער־האַלטן. עס איז שוין חדשים וואָס איך הער גאָרנישט מער וועגן אים... ווו איז ער, מיין 26־יאָריקער און נאָך אַלץ אַזוי קינדישער לייבעלע? און זיין פרוי, פ ע ל י א, אַזאַ זעלטענע שיינהייט?. יידן און קריסטן פלעגן

דאָך נאָכקוקן דעם פּאָרל, ווען זיי זענען געגאַנגען שפּאַצירן מיט די צוויי קינדערלעך ביי דער זייט!

און ווו קאָן זיך געפינען אַצינד ח י י ם (16 יאָר אַלט)?, שטענדיק אַ פריילעכער, שטענדיק געלאַכט, די שטוב איז מיט אים פול געווען. געלערנט און צייט געהאַט צו העלפן אונדז אין דער אַרבעט, עוסק געווען אין שטודירן אידייען און וועלט־אַנשויאונגען, פאַרשטאַנען אויסצוקלייבן זיך אַ באַרוף פאַר דער צוקונפט. צי לעבט ער נאָך כאָטשבי?

און מיין זון, י צ ח ק, 19 יאָר אַלט — אויך שטענדיק וויציק און פריילעך; אַרבעט גיך און גוט, טראַכט זיך אַריין אינעם לעבן. זייענדיק באַווירקט פון דער בעלגישער שול און קולטור, איז ער אָבער בכלל נישט צוגעגרייט און איז גאָרנישט תופס די יידן־פאַרפאָלגונגען. ער וואָלט גערן אַנטלאָפן פון דעם גאַנצן פּלאַנעטער, און עפּעס קען ער נישט פונדעסטוועגן. ערשט צולעצט נעמט ער באַגרייפן יידישע צרות און אַליין פון זיך וואַכט אויף ביי אים אַ נאַציאָנאַלער געפיל. ביים גזעגענען דערפיל איך דאָס דייטלעך, ווען ער שרייט אַראָפּ צו מיר פונעם טראַם:

— „פּאַפּאַ, זיי מוטיק — מיר וועלן אין גיכן צוריקקומען: דאָס יידישע פאָלק וועט זיך נישט לאָזן פאַרניכטן!“

וואָס איז מיט אים איצטער? געווען אַזאַ גוטער עסער — צי גייט ער נישט אויס דאָרט פון הונגער?

און דאָס צאַרטע, פון איטלעכן געליבטע ר א ש ע ל ע, וואָס האָט נישט געקענט צוזען קיין טרער ביי עמעצן אין די אויגן — ווי קען זי איצט פאַרנעמען אַזויפיל פּיין און דערנידעריקונג פון די גראָבהויטיקע, רוצחישע עסעסניקעס?

דאָ פיל איך, ווי די טרערן, וואָס האָבן במשך פון די אַלע יאָרן נישט געפונען פאַר זיך קיין אָפּלויף, נעמען פּלייצן וואָס אַמאָל שטאַרקער. איך גראָב־איין דעם קאָפּ אינעם שעניק: כ'האָב מורא, אַ יאָמערלעכער געוויין־אויסברוך פאַר דער גאַנצער צייט זאָל נישט איבערוועקן און אויפטרייסלען אַלע שלאָפנדיקע אין זאַל.

ווער קען באַשרייבן די פּיין פון אַ מענטשן, ביי וועמען מ'האָט צוגערויבט זיינע קינדער און ער ווייסט נישט, ווו זיי געפינען זיך, און איז

ניִשט אין שטאַנד זיי צו העלפן?! כ׳פּרוּוו זיך טרייסטן דערמיט, וואָס איך בין דאָך נישט איינער: ס׳איז אַ פאָלק־אומגליק און דער גורל פון אַלעמען איז דאָך מיינער. אָבער מיין צעבראָכן האַרץ וויל זיך דערמיט ניִשט באַרויקן.

פּלוצעם דערהער איך די פאַרוויינטע שטימע פון מיין פרוי. זי פרעגט מיך שטילערהייט — צי איך שלאָף? און — וויפל וואָכן איז עס, זינט מ א י ר איז אַוועק פון אונדז?.

אויך זי האָט, הייסט עס, געטראַכט וועגן די קינדער און זיך אָפּגע־שטעלט גראָד אויף מאירן. גיי, דערצייל איר: ביי מיר איז דאָ אַ געפיל, אַז אונדזער מאיר איז שוין מער נישט צווישן די לעבעדיקע!

מיין פרוי איז געווען שטאַרק איבערגעשראָקן. און וואָס איז דער חידוש, דאָס איז דאָך געווען אונדזער ערשטע נאַכט אין די היטלערשע לאַפּעס, אויסבאַהאַלטנדיק פון איר מיין אייגענע צערודערונג, האָב איך זי גענומען באַרויקן:

— זעסט דאָך אַליין, אַז דאָס וועט שוין לאַנג נישט געדויערן!

— אָבער מ׳קאָן דאָך אונדז אַוועקשיקן. און — דו ווייסט וואָס, סראָלקע? — האָט זי מיר אַריינגעשעפּטשעט אין אויער — מיר איז גאָר איינגעפאַלן, מ׳דאַרף שיקן נאָך לאה׳טשען: וואָס וועט זי זיך דאָרט אַליין אַרומבלאָנקען? בעסער וועלן מיר כאָטש זיין דאָ אין איינעם. און אַז די באַנדיטן וועלן אונדז אַרויסשיקן, וועט מען זיך אפשר טרעפן מיט די קינדער.

אַזוי איז צווישן אונדז באַשטימט געוואָרן, מיר זאָלן אַראָפּברענ־גען אונדזער עלטסטע טאָכטער; און כאָטש כ׳האָב אַליין נישט געוווּסט, צי טוען מיר ריכטיק, האָב איך פונדעסטוועגן צוגעזאָגט מיין פרוי, זיך באַמיען דערוועגן וואָס גיכער.

מיר זענען אַנטשוויגן געוואָרן. אויך פון אַנדערע שעניקעס האָבן זיך דערטראָגן צו אונדז שטילע געשפּרעכן און שלוכצן. פון צייט צו צייט האָט אַ נאַכט־מחבל מיט אַ קניפּל אין האַנט דורכגעשפּאַצירט איבערן זאַל. געקוקט, צי די קרבנות שלאָפן און, בעיקר, געמיינט צו כאַפּן עמעצן

ביי אַן „עבירה״, בכדי צו קאָנען שטראָפן און פייניקן אַלע אָן אויסנאַם.
אַזוי האָבן מיר ביידע די גאַנצן נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט.

*

אינדערפרי — 6, צי 7 אַזייגער — אַ געפילדער אין בלאָק און געשרייען:

— „אַ ו פ ש ט ע ה ן!״

יעדער כאַפּט עפּעס אויף זיך און לויפט אַראָפּ אויפן הויף. אין געציילטע מינוטן דאַרף מען, אינגאַנצן נאַקעט, זיין געוואַשן פון קאָפּ ביז פיס. (די פייניקער קומען קאָנטראָלירן, צי מ׳טראָגט נישט עפּעס אויף זיך בעתן וואַשן), דערנאָך מוז מען לויפן צוריק אויף די ערטער און מאַכן אין אָרדענונג דאָס געלעגער. בעת מעשה קלייבט דער שטוב־עלטסטער זיך צו זיינע מיטהעלפער צום רייניקן דעם זאַל און מיר דאַרפן וואַרטן, ביז מ׳רופט אונדז צום „ספּאָרט״.

געוואָר־ווערנדיק, אַז איך בין אין מאַלין, איז מען אויך פון אַנדערע בלאָקן געקומען מיך זען און, פאַרשטייט זיך, הערן אַ ביסל פּאָליטישע נייעסן פון דער „פריי״. איך האָב דאָ געטראָפן אַ סך באַקאַנטע פנימער, צווישן זיי — אויך פאַרשטייער פון „סאָלידאַריטעט״. דערוויסנדיק זיך, אַז די אויסטויש־פּאַפּירן העלפן שוין אויך נישט אויסצומיידן מאַלין, האָבן אייניקע אַליין זיך אָנגעשטויסן: ס׳דערנענטערט זיך טאַקע דער סוף. איך האָב זיי אַלעמען איבערגעגעבן, אַז די באַפרייאונג איז שוין גאָר נאָענט, ס׳איז בלויז אַ פראַגע פון וואָכן.

מיט גרויס פרייד איז אויפגענומען געוואָרן די נייעס, אָבער גלייכ־צייטיק האָט אויך געשראָקן דער סוף. ס׳איז געווען זייער גרינג זיך פאָר־צושטעלן: אָדער די רוצחים וועלן נאָך מאַכן פון אונדז אַ טראַנספּאָרט, אָדער — אויסשיסן אַלעמען דאָ אויפן אָרט.

איך האָב זיך באַמיט איינצורעדן דעם עולם (אַ ברירה האָב איך געהאַט?), אַז מ׳וועט די מערדער אַזוי ברענען די טריט, זיי זאָלן שוין גאָרנישט באַוויזן מיט אונדז צו טאָן.

באַלד האָט מיר דער עולם איבערגעגעבן נאָך איינצלהייטן וועגן דער „אָרדענונג״, וואָס בושעוועט אין מאַלין. זיי האָבן מיר אויסדערציילט וועגן די פּייניקונגען, וועגן דעם אופן, וויאַזוי ס׳ווערט אַוועקגעשיקט אַ טראַנספּאָרט, און אויך — וועגן די אַרבעטס־וואַרשטאַטן: שוסטעריי, מאַריקאַנערי (ד. ה. דאַמענטאַשן־אויסאַרבעטונג) און אַנדערע, וואָס זענען פאַראַן אויפן אָרט.

דערווייל איז געגעבן געוואָרן דער סיגנאַל אויף „ספּאָרט״.

אַ לאַנגער און ברייטער הויף. לענגאויס און אויך ביי די זייטן האָט זיך געצויגן די קאַזאַרמע. מיט דער „ספּאָרט־לעקציע״ האָט אָנגעפירט אַ ייד מיטן פאַמיליע־נאָמען מ א י ע ר. דאָס איז געווען אַ געזונטער פאַרשוין מיט אַ רוצחישן אויסזען. געהאַט האָט ער צו זיך אַ געהילף, אויך אַזאַ שטייגער טיפּ, וואָס איך געדענק שוין נישט היינט זיין נאָמען. לויט ווי כ׳האָב זיך אָנגעהערט און באַלד געזען אַליין מיט די אייגענע אויגן, פלעגן זיי ביידע געניטן צרות אָנטאָן די יידן.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די „ספּאָרט״־מוטשענינע: צוערשט האָט מען געדאַרפט אויסשטעלן זיך אין אַ רייע, דערנאָך — אין צווייַ און אין פיר, שפּעטער אומקערן א. א. וו. טאָמער איז עפּעס נישט אַרויסגעקומען ריכ־טיק באַלד נאָכן ערשטן געשריי, האָט דער אויסוווּרף אַזוי לאַנג געמאָרדע־וועט, ביז ס׳האָט שוין געמוזט שטימען פּינקטלעך.

דערנאָך איז געקומען די קאָמאַנדע: לויפן! דערביי האָט מען זייער געניי געדאַרפט אָפּהיטן די ריי, און די פאַרשוינען האָבן גוט אויפגעפּאַסט, צי דאָס שטימט ביז אויף אַ האָר.

לויפנדיק, האָב איך באַמערקט, ווי דער אייגענער ט ו כ מ י י ע ר האָט זייער געשיקט אַריינגעכאַפּט זיך אין דער ריי פון מיין פרוי און, בליץ־שנעל אַרויסגנבעטנדיק זי פון דאָרטן, געגעבן איר גלייך אַ קער־באַרשט אין האַנט. כ׳בין אים זייער דאַנקבאַר געווען פאַר דער טאַט, ווייל מיין פרוי האָט שוין טאַקע מיט די לעצטע כוחות געהאַלטן זיך קוים אויף די פיס.

ווידער אַ געשריי: איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז דער צייכן אַז מיר זענען שוין פּטור געוואָרן דעם „ספּאָרט״. אָבער — ניין! עס איז אַ מעשה

אַן אַן עק; ווידער האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן פון ס׳ניי: שטיין־בלייבן, דער־נאָך — הענט־באַוועגונגען אַרויף און אַראָפּ און בייגן זיך מיטן גוף ביז צו דר׳ערד. די באַוועגונגען אַליין פאַר זיך זענען בכלל נישט געווען וויכ־טיק; וויכטיק איז געווען — אונדז צו מוטשען, די צוויי אויסוואורפן האָבן גוט געקענט די מלאכה. אַמאָל פלעגן זיי נאָך ספּעציעל אָוועקגערופן ווערן אין מיטן דערינען, און דער עולם האָט געמוזט שטיין און מאַכן מיט די הענט אַזוי לאַנג, ביז יענע זענען ענדלעך צוריקגעקומען.

אַזוי פלעגט מען אונדז מאַטערן טאָג־טעגלעך, נישט שוינענדיק אויך קיין פרויען און אַלטע לייט.

אַז איך האָב זיך נאָך יענער ערשטער „ספּאָרט״־לעקציע אומגע־קערט אין בלאָק, זענען מיך ווידער באַפאַלן הוריות וועגן דער טעקע, און כ׳האָב זיך דעם קאָפּ געבראָכן: וויאַזוי באַקומט מען אַ ידיעה פון דרויסן.

דאָס גליק האָט מיר צוגעשפּילט. כ׳האָב זיך צונויפגערעדט מיט אַ יונגענמאַן (דאַכט זיך: ק א ר ל ו ו א ס ע ר), אַן „איינגעזעסענעם״ אין מאַלין. ער האָט אָנגעפירט מיטן מאריקאנערי־וואַרשטאַט און אַ דאַנק דעם אויסגעמיטן עטלעכע טראַנספּאָרטן. די מאַלינער רוצחים האָבן אים געשענקט זייער צוטרוי, און ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו פאָרן מיט זיין פרוי אין בריסעל, באַזאָרגן פאַר דעם וואַרשטאַט פאַרשידענע זאַכן, בעיקר — ברענגען פאַר די באַנדיטן, וואָס נייטיק.

אויפן זעלביקן וועג פלעגט ער אויך באַזאָרגן אַ סך ענינים פאַר די געכאַפּטע: ברענגען זיי גרוסן פון קרובים, שטיין אין קאָנטאַקט מיט די א. זש.־בעניקעס א. א. ו. אַזוי־אַרום האָבן זיי ביידע אַ סך גוטס געטאָן פאַר די געפאַנגענע אין מאַלין. איך פלעג אים אַמאָל טרעפן אין דער א. זש. בע. און אים געקאָנט פון דער וויטנס. אויך ער האָט געוווּסט, ווער איך בין און צו מיר זיך געוואָנדן: אַזוי ווי ער פאָרט אין בריסעל היינט פאַר מיטאָג, איז אפשר דאַרף איך עפּעס פון דאָרטן?

כ׳האָב זיך אָנגעכאַפּט דערין מיט ביידע הענט. נאָר, מורא האָבנדיק צו דערציילן אים אָפן וועגן דער ט ע ק ע, האָב איך געבעטן, ער זאָל זיך טרעפן מיט די חברים: א ב ו ש, ד אָ מ ב, אָדער מיין טאָכטער, און

זאָלן זיי אים איבערגעבן, וואָס אַלץ ס׳האָבן די געסטאַפּאָ־לייט געפונען און אַרויסגעשלעפּט פון מיין וווינונג.

אויך מיין פרוי האָט זיך זייער דערפרייט מיט דער געלעגנהייט און אָפּגערעדט מיט דעם קאַרלוואָסערס פרוי, אַז יענע וועט אויפזוכן אונדזער טאָכטער און איר איבערגעבן טאַטע־מאַמעס פאַרלאַנג, זי זאָל קומען אַהערצו.

מיט אומגעדולד האָבן מיר דערוואַרט זייער צוריקקומען. דערווייל האָב איך זיך דערוווסט אַלץ מער פּרטים וועגן דעם לעבן דאָ אין מאַלין. מ׳האָט מיר דערציילט נאָך און וועגן די ביז איצטיקע צרות, וואָס אַ טייל פון זיי האָב איך שוין אין דעם ערשטן פרימאָרגן געשפּירט אויף מיין אייגענער הויט, אויך וועגן דעם, וויפל האָב און גוטס ס׳איז דאָ געבליבן פון די יידן, וואָס מ׳האָט ביז היינט דעפּאָרטירט: אַ מיליאָנען־פאַרמעגן איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין ספּעציעלע, פאַרשלאָסענע צימערן אונטער דער אויפזיכט פון אויבער־פירער, וואָס זיין טריפהנער נאָמען איז געווען באָט. זיין פאַרהאַסטע, נידעריקע און ברייטע געשטאַלט שטייט מיר נאָך איצט פאַר די אויגן — ווי ער פלעגט זיך אַרומדרייען שטענדיק אין הויף מיט אַ גלאַנציקן זילבער־שפּיצרוט אין דער האַנט און מיט זיין גרויסן וואָלף־הונט, וואָס איז גרייט געווען צו צערייסן מענטשן לויט אַ ווונק פון זיין האַר. דער דאָזיקער אויבער־פירער האָט עס געזאַמלט די אַלע חפצים און געלטער, וואָס די געכאַפּטע יידן פלעגן מיטנעמען אין דער לעצטער מינוט. ערשטנס, איז אין די מערסטע פאַלן נישט געווען וועמען דאָס איבערצולאָזן; צווייטנס, האָט מען גערעכנט: אפשר וועט מעגלעך זיין אויסצוקויפן זיך דערמיט פון אַן איבעריקער צרה אין דער פרעמד. אָבער בעת דער ,טויטן־קאָנטראָל אין מאַלין, האָבן זיי דאָס אַלץ אָפּגעגעבן די רויבער. ס׳איז, ווי געוויינטלעך, כלומרשט פאַרשריבן געוואָרן, און דער באַנדיט האָט אַלץ צוגענומען, געזאַמלט און טאָג־טעגלעך אַוועקגעשיקט אין דייטשלאַנד.

*

ענדלעך האָבן מיר זיך דערוואָרט אויף די קאַרלוואַסערס קומען. ס'איז געווען זונטיק אין דער פרי. דאָס פּאַרפּאָלק האָט אונדז אויפגע־זוכט, און דאָס ערשטע, וואָס דער יונגערמאַן האָט מיר איבערגעגעבן, איז געווען — וועגן דער טעקע. די באַנדיטן האָבן איר נ י ש ט געפונען. נאָך דעם אייגענעם אָוונט זענען אונדזערע חברים געוואָר־געוואָרן וועגן דעם איבערפאַל. אויך זיי זענען קודם כל געווען אומרויק צוליב דער טעקע. וויסנדיק, ווו זי הענגט ביי מיר שטענדיק, האָבן זיי איבערגעוואָרט דער געסטאַפּאָס „וויזיט" און באַלד דערנאָך אַריין אין דער דירה. די אויס־וואָרפן האָבן געהאַט אַלץ צעראַבירט און די שטוב האָט אויסגעזען, ווי נאָך אַ פּאָגראָם; אָבער די טעקע איז, צום גליק, געבליבן הענגען אויפן זעלביקן אָרט.

וועגן דער טאָכטער האָט די פרוי אונדז איבערגעגעבן: דערוויסנ־דיק זיך צומאָרגנס אין דער פרי וועגן דעם אומגליק, האָט זי גלייך באַשלאָסן, צו זיין מיט אונדז אין איינעם און איז שוין גרייט געווען צו גיין זיך מעלדן — מע זאָל איר אָפּשיקן גלייך אין מאַלין. די חברים האָבן איר אָבער נישט געלאָזט דאָס טאָן און היטן איר נאָך היינט אויף שריט און טריט, זי זאָל זיך נישט אַוועקכאַפּן קיין מאַלין.

*

די צייט איז נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט און דאָס לעבן אין מאַלין האָט אונדז אַלץ פעסטער אַריינגענומען אין קלעם. אַ גרויל פלעגט אַדורכמאַכן מיין לייב ביים צוזען און פילן כסדר די פּיין. טאָג־טעגלעך האָב איך געזען, ווי ס'שטייען יידן אין הויף מיט די פּנימער צו דער וואַנט. אין אָנהייב האָב איך געמיינט אפשר דאַווענען זיי און שטייען גראָד שמונה עשרה. אָבער — פאַרוואָס אַזוי גלייך און צוגערוקט האַרט צו דער וואַנט? מען האָט מיר אויפגעקלערט, אַז דאָס איז אַ שטראָף. זיי האָבן זיך מיט עפּעס „פאַרזינדיקט", האָט מען זיי אַוועקגעשטעלט, אָן עסן צו שטיין אַזוי טעג.

בכלל זענען מיר געווען הפקר און די רוצחים האָבן געקאָנט טאָן מיט אונדז, וואָס ס'האָט זיך זיי פאַרגלוסט. אין אַ געוויסן טאָג, ווען מיר

זענען גראָד געשטאַנען אין קאַזאַרמע־קאָרידאָר, האָט זיך פלוצלינג באַוויזן דער אויבער־פירער מיט זיין ליבלינג, דעם וואָלף־הונט, און אויך מיט דער אונדז גוט באַקאַנטער רוט אין דער האַנט. אַלע אַנוועזנדיקע האָבן געמוזט אַ שטעל־טאָן זיך פאַר אים גלייך, ווי אַ סטרונע. ער האָט אַדורכ־געשפּאַצירט מיטן הונט אין אונדזער זאַל אַהין און צוריק, און אַריין אין צווייטן זאַל, קעגנאיבער. דאָרט איז געלעגן אויף זיין שעניק אַ קראַנקער, צעבראָכענער, עלטערער ייד מיטן נאָמען פ י י ע ר ש ט י י ן (געלעבט אין אנדערליכט, וואָהין איך פלעג אים און זיין פרוי צושטעלן הילף), געלעגן און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. דעם באַנדיט איז דאָס, ווייזט אויס, נישט געפעלן געוואָרן און ר'האָט אַזאַ קרום־געטאָן מיטן אויג, וואָס דער הונט האָט דאָס גלייך באַמערקט: אין איין אויגנבליק איז ער אַרויפגע־שפּרונגען אויף פייערשטיינען, געכומען רייסן פון אים שטיקער, געדער־זשעט אים אַהין־און אַהער, דעם ספר צעריסן אויף פיצלעך. דער מער־דער דער דייטש איז זיך געשטאַנען אַזוי און געשמייכלט; ערשט אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער צוריקגערופן דעם כלב און, ווי אַ זיגער אַרויס צוריק פונעם זאַל.

דער ייד איז געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטער, האַלב טויט פון שרעק. נאָר איך האָב דעמאָלט געהאַט ביי זיך אַ ביסל ליקער, וואָס חברים האָבן צוגעשיקט מיט דעם יונגענמאַן קארלוואסער. פלעג איך דעם פייערשטיי־נען יעדן טאָג סיי־ווי מחיה זיין מיט אַ שלוק. איצט האָב איך אים דער־מונטערט מיט מיין „גיכער הילף" און אַזוי איז ער בלויז אָפּגעקומען מיט וויטיק און שרעק.

יענעם טאָג בין איך געווען ווי משוגע, נישט געגעסן, אַרומגעגאַנ־גען איבערן גרויסן זאַל אַהין און צוריק און אַלץ נישט געקענט זיך באַ־רויקן: ווי מאַכט מען שלום מיט אַזאַ קלאָגעדיק לעבן? אַנדערע, זעענדיק, ווי דאָס ווירקט אויף מיר, האָבן געטענהעט, אַז איך וועל זיך צוגעוויינען סוף־סוף צו די צרות.

עס פלעגן אונדז אָנקומען פעקלעך פון אַלע זייטן: פון חברים און פריינד, פון דער א. זש. בע. — אפילו פון הערצן, דעם אויסוואורף. זיי האָבן שוין, ווייזט אויס, דערשנאַפּט זייער סוף, און ווי נישט איז געוואָלט

זיך מאַכן פּאָר גוטע אין לעצטן מאָמענט. אויף מיין שעניק איז געווען אַ גאַנצער מאַגאַזין מיט עסנוואַרג, אָבער פאַר יעדן איינציקן — נישט בלויז פאַר מיר. אַזוי איז נישט ווילנדיק מקוים געוואָרן איין טייל פון דעם, וואָס כ'האָב ביי מיין אָנקומען צוגעזאָגט דאָ די מענטשן בלויז מיטן צוועק זיי צו טרייסטן.

צוזאַמען מיט די פּעקלעך פון חברים פלעג איך דערהאַלטן אויך בריוולעך, וואָס זענען פאַרשטעקט געווען אויפן דנאָ פון פאַרשידענע פּושקעס און אין כלערליי שפּייז. איך האָב אַלץ גוט בודק געווען און אַלע מאָל געפונען דאָס ריכטיקע. אויף דעם וועג איז אויך דערגאַנגען צו מיר די ידיעה, אַז מיט רעוואָלווערן אין די הענט האָבן חברים פאַרלאַנגט פון די א. זש. בע'ניקעס, מיך צו באַפרייען און געגעבן מיר האָפענונגען, אַז איך וועל טאַקע באַפרייט ווערן אין גיכן. אָבער איך האָב שוין גראָד נישט אַרויסגעקוקט אויף אַזאַ ענין. צוגעזאָגט די „מאַלינער", אַז כ'וועל באַפרייט ווערן גלייך מיט אַלע יידן פון דאַנען — וועל איך דאָך נישט גיין מאַכן איצט אַנדערש!

די וויכטיקסטע ידיעות זענען אָבער געווען יענע — וועגן די דייטשישע מפּלות אויף אַלע פראָנטן: פּאַריז איז באַפרייט, די אַליאירטע אַרמייען רוקן זיך אַלץ פאָרויס, נענטער צו דער בעלגישער גרענעץ. ס'איז גרייט די בעלגישע אונטערגרונט־באַוועגונג, אַלע ווי איינער, צום אויפשטאַנד, מ'וואַרט בלויז אויף דער פּאַסיקער רגע; און נאָך, און נאָך אַזעלכע גוטע בשורות, וואָס איך האָב זיי גערן פאַרשפּרייט איבערן לאַגער.

גלייכצייטיק האָט מען ביי די אָנפירער פון דער קאַזאַרמע געקענט באַמערקן אַ נערוועישע שטימונג. זיי האָבן מער, ווי שטענדיק, געשלייערט זיך איבערן הויף אַהין און צוריק. אַלע מאָל פלעגן קומען טאַקסיס, וואָס זענען אָנגעפּולט געוואָרן מיט פּעק און אָפּגעפאָרן צוריק.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען דערהערט אַ באַפעל: אויף סעלעקציע!

דאָס האָט כלומרשט געזאָלט זיין אַזאַ מין „קאָנטראָלע", צי מ'איז געזונט. פּאַקטיש איז עס געווען אַן אָפּקלייב צום טויט.

מ'האָט סיי מענער, סיי פרויען, מוטער־נאַקעט אַריינגעשטופּט אין אַ גרויסן זאַל און לענגאויס דעם זאַל האָט מען זיך געדאַרפט אויסשטעלן

אין אַ ריי. אַנטקעגן זענען געזעסן צוויי יונגע רוצחים, דאָקטוירים פונעם באַרוף, און געהאַלטן שפּיצרוטן אין די הענט. יעדער איינער האָט געמוזט צוגיין צו זיי נאָענט און זיי האָבן מיט די שפּיצרוטן „קאָנטראָלירט". מיר האָבן די „קאָנטראָל" גוט געפילט אויף דער נאַקעטער הויט.

די דאָזיקע „אונטערזוכונג" האָט געדויערט עטלעכע שעה, און יענע, ביי וועמען מ'האָט געפונען „געזונטהייטס־פעלערן", זענען באַשאַנקען געוואָרן מיט אַ נומער, וואָס מ'האָט געמוזט טראָגן אויפן נאַקעטן לייב. אונדזער אַלעמענס נערוון זענען געשפּאַנט געווען, ווי די דראָטן, בכדי אויסצוהאַלטן אויך די „קאָנטראָל".

וואָס אַ טאָג איז די אָנפירער־באַנדע אין לאַגער געוואָרן אויפגערייצטער, דער רעזשים — שטרענגער. מ'האָט אָנגעהויבן פילן באַשיינפערלעך, אַז אָט־אָט קומט דער סוף. דער עולם אונדזערער איז אַרומגעגאַנגען, ווי אָן קעפּ. מען האָט שוין אפילו נישט געלייגט קיין אַכט אויף די טעגלעכע פייניקונגען: געשראָקן האָט בלויז דער טויט.

ס'איז אומגעגאַנגען אַ שמועה, אַז מ'טרייבט אונטער אַרויסצושיקן נאָך אַ טראַנספּאָרט. אין משך פון דער צייט וואָס איך בין אין מאַלין, זענען שוין צוויי מאָל געברענגט געוואָרן צו ביסלעך געכאַפּטע און לויט דעם האָט אויך אויסגעקוקט, אַז מען גרייט צו אַ טראַנספּאָרט.

די צווייטע השערה איז געווען, אַז די נאַציס וועלן צונויפזאַמלען אַלץ, וואָס זיי קענען, און אין לעצטן מאָמענטן אונדז אַלעמען אויסשיסן.

איך האָב אָפּגעווענדט ביידע ווערסיעס: ביי מיר איז פונדעסטוועגן געווען אַ געפיל, אַז די געשעענישן קאָנען אַזוי גיך זיך אַנטוויקלען, אַז די רוצחים וועלן קיין צייט נישט האָבן עפּעס צו טאָן מיט אונדז.

און באמת זענען די געשעענישן געלאָפן גאָר גיך: אָט האָט מען אין אַ געוויסן טאָג ווידער געברענגט געכאַפּטע יידן, צווישן זיי — אויך דעם רב אולמאַן מיט זיין פרוי און טאָכטער. פאַר אונדז איז דאָס געווען זייער אַ וויכטיקע געשעעניש: אויב ס'האַלט שוין ביים פאָרזיצער פון דער א. זש. בע. איז דאָך קלאָר, אַז אַלע יודנראַטלער האָבן זיך געמוזט אָפּטראָגן און אין די לעצטע שעהן פאַר נעילה ווערט די פינצטערע מלאכה פאַרענדיקט דורך די באַלעבאַטים אַליין. פון אַלע יידן אין קאַזאַר־

מע איז דער ראַבינער אויפגענומען געוואָרן מיט פיינטלעכע אויסרופן. ער אַליין, דער ראבינער, פילנדיק די שנאה קעגן אים, האָט זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס און געגאַנגען איטלעכן אויסן וועג. און דאָך וואָלטן גע־קענט אויסברעכן טאָג־טעגלעך סקאַנדאַלן מיט אים, נאָר — ווי ווייט ס'איז מעגלעך, האָב איך נישט צוגעלאָזט דערצו. ערשטנס, צוליב דעם, וואָס די באַנדיטן וואָלטן גיכער געהאלטן מיט זייערס אַ מענטשן, און ווער קען גאָר וויסן, צו וואָס אַזוינס וואָלט דערפירט. צווייטנס, איז ביי מיר אויסגעקומען, אַז גראָד דעמאָלט, ווען ער קומט אָפּ אַ שטראָף איז נישט די ריכטיקע צייט פאָר נקמה.

עטלעכע טעג שפּעטער אַ נייע געשעעניש: מ'האָט געברענגט פון ב ר ע נ ד א ג אַלע יידן, וואָס זענען געווען דאָרט פאַרשיקט. דאָס איז אַ ספעציעלער שטראָף־לאַגער פאַר פּאָליטישע, יידן און בעלגיער. אפילו פון מאַלין פלעגן די פאַרמשפּטע אויף באַזונדערע פייניקונגען אָפּגעשיקט ווערן אַהין. פון דאָרט איז געווען זייער שווער אַרויסצוקומען אַ לעבעדיקער.

איצט האָט מען די אַלע געפאַנגענע פון דאָרט געברענגט אין מאַלין. האָט זיך דער עולם ערשט רעכט דערשראָקן: אמת, דאָס איז געווען אַ בפירושער אָנזאָג פון שונא'ס גאָר גיכער מפּלה; אָבער פון דעם האָט מען אויך געקאָנט זען, אַז זיי גרייטן צו אונדזער אומפאַרמיידלעכן סוף. בפרט, אַז דער פריערדיקער פּלאַן פון די דייטשן — אַראָפּצוברענגען דעם הויפּט־מערדער ג ר אַ ה ע — איז צו יענער צייט אויך געווען אַ געשעענער פאַקט; מיר האָבן געוווּסט, אַז ער געפינט זיך אין בריסעל.

כ'האָב זיך אַדורכגערעדט מיט דעם ציוניסט טומכמייער און מיט נאָך עטלעכע וועגן שאַפן אַזאַ קאָמיטעט, וואָס זאָל אויף אַלע פאַלן זיין גרייט. זיי האָבן מסכים געווען. מ'האָט בלויז געדאַרפט, אַז אויך די מיט־גלידער פון „סאָלידאַריטעט" זאָלן דערצו מסכים זיין. כ'האָב זיך באַמיט צו פאַרשטענדיקן מיט זייער פאַרשטייער, „מ א נ י ק" (זיין ריכטיקער נאָמען איז מיר אַרויס פון זכרון) און באַקומען פון אים אַן אויסמיידנדיקן ענטפער. פון זיין ענטפער האָב איך אַרויסגעדרונגען, אַז זיי, די יידישע קאָמוניסטן טראָגן זיך אַרום מיט עפּעס אַזאַ פּלאַן, וואָס זיי וועלן אַרויס מיט אים אין דער לעצטער מינוט. נאָר אַזוי ווי ס'האָט זיך געהאַנדלט

וועגן שטערן די פּלענער פון די נאַצי־באַנדיטן, ביי וועמען דאָס לעבן פון 500 לאַגער־יידן איז איצט געשטאַנען אין קאָן — האָב איך זיך נישט געקענט פאַרלאָזן אויף אַ פּלאַן, וואָס כ׳וויס נישט אפילו זיין תוכן.

כ׳האָב זיך דעריבער נאָכאַמאָל באַגעגנט מיט פריינד טוכמייער און אים איבערגעגעבן מיין איינדרוק פונעם ענטפער, וואָס איך האָב באַקומען פון דעם פאָרשטייער פון „סאָלידאַריטעט". טוכמייער האָט מיר דערויף געזאָגט, אַז איצט הייבט ער שוין אָן צו פאַרשטיין דעם קאָנטאַקט, וואָס די „סאָלידאַריטעט"־מיטגלידער האָבן לעצטנס מיט דעם באַנדיט מ אַ י ע ר און זיין געהילף. ער, טוכמייער, טרעפט זיי טיילמאָל רעדן סודותדיק צווישן זיך. פון דער ידיעה איז מיר אויך קלאָר געוואָרן, אַז דאָס האָט טאָקע עפּעס אַ שייכות צו זייער פּלאַן. אָבער וויאַזוי קאָן מען עס האָבן צוטרוי און גרייטן באַפרייאונגס־פּלענער מיט אַזוינע פאַרשוינען, וואָס זענען די רעכטע האַנט פון דער נאַצי־באַנדע און העלפן זיי פּייניקן יידן ?

מיר האָבן באַשטימט צו רופן אַ באַראַטונג פון נאָך עטלעכע ערנסטע מענטשן וועגן גרינדן אַזאַ קאָמיטעט, וואָס זאָל שטיין אויף דער וואַך: געוואָר ווערן צייטיק דעם שונא׳ס פּלענער און שטעלן אַ ווידער־שטאַנד אין פאַל פון טראַנספּאָרט.

מיין פרוי איז מיר נאָכגעגאַנגען אויף שריט און טריט. זי האָט זייער מורא געהאַט און מיך געוואָרנט: ביז וואָס־ווען, קאָנען די נאַצי־מערדער דערשנאַפּן, אַז איך וויל עפּעס טאָן און אין איין אויגנבליק מיך אָוועקפּטרן.

אַזוי זענען אין אומבאַשטימטקייט אַוועק נאָך טעג, אָבער די נעכט האָבן אויסגעקוקט גאָר אַנדערש, ווי שטענדיק: דער גאַנצער הויף איז געווען באַלויכטן און דאָס ליכט האָט דערגרייכט אויך צו אונדז אינעם זאַל. יעדע נאַכט, ווען מיר זענען געלעגן אויף די שעניקעס, האָבן מיר געהערט, ווי ס׳טומלט זיך אונטן, אין הויף. דער געגיי און דאָס קלאַפּן און אַריין־ און אַרויספאָרן פון וועגענער — דער גאַנצער גערודער האָט אונדז אַלעמען זייער באַאומרויקט. דערצו נאָך פלעגט איטלעך מאָל אַריין צו אונדז אַ דייטש — אַכטונג געבן, צי קוקן מיר נישט אַראָפּ דורכן פענצטער און זען, ווי זיי פּאַקן זיך.

ביז עס איז געקומען דער אומפאַרגעסלעכער שבת, דער 3־טער סעפּטעמבער פונעם יאָר 1944 : דאָס איז געווען זייער לעצטער טאָג אין מאלין.

דער פרימאָרגן האָט זיך געשטעלט, ווי יעדן טאָג. מ׳איז געלאָפן זיך וואַשן און צוריק, מאַכן אין אָרדענונג די שעניקעס. דערנאָך האָבן מיר נאָך מיטגעמאַכט אויך די „ספּאָרט״־מוטשעניע. אויפן הויף האָט זיך דייטלעך געמערקט די אומרויקייט פון דעם גאַנצן מערדער־געזינדל. עס זענען געשטאַנען פאַרשידענע טאַקסיס. אין איינער זענען איינגעשטיגן עטלעכע דייטשקעס מיט געפּעק און אַרויסגעפאָרן גיך פונעם טויער : דאָס זענען געווען די פרויען פון אויבער־פירער מיט דעם אָנגעראַבעוועטן יידישן גוטס.

צו דער זעלבער צייט זענען פונדעסטוועגן עטלעכע יידן נאָך גע־שטאַנען אין הויף מיט די פּנימער צו דער וואַנט, און מיר אַלע האָבן אויך „אָפּגעספּאָרטעוועט״, ווי ס׳געהער זיך.

ווען מיר זענען צוריק אַרויף אינעם זאַל צו די שעניקעס, איז אונדז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז אין הויף טאָרן מיר נישט אַראָפּגיין און אויך ביים פענצטער זאָל קיינער זיך נישט דערוועגן צו שטיין.

עס האָט זיך געטומלט אין זאַל. פאַרשידענע השערות זענען אַרויס־געזאָגט געוואָרן. אָבער איינס האָט יעדער געוווּסט אויף זיכער — אַז ענדלעך קומט זי, די שעה...

פון מאָל צו מאָל האָט אַן אַנדערער איינגעשטעלט אַרויסצוקוקן פון פענצטער : די פול־געפּאַקטע טאַקסיס האָבן געהאַלטן אין איין אַרויס־פאָרן פונעם הויף. די באַנדע האָט אונטערגעיאָגט איינס ס׳אַנדערע און נישט געהאַט קיין צייט זיך אומצוקוקן אויף אונדז. איינע פון די אָנגעלאָ־דענע טאַקסיס, וואָס די באַנדיטן האָבן איר אויך געוואָלט מיטנעמען — האָט אַ מעכאַניקער געהאַלטן אין פאַריכטן, אָבער איטלעך מאָל, ווען זי האָט שוין געזאָלט זיין אין אָרדענונג, איז זי ווידער קאַליע געוואָרן און נישט גערירט זיך פון אָרט.

ס׳האָט אָנגעיאָגט דער פאַרנאַכט און די פאַרשוינען האָבן אַזוי נישט דערוואַרט זיך אויף דער טאַקסי, וואָס איז נאָך אַלץ געווען אין

רעמאָנט. נישט וועלנדיק, ווייזט אויס, פאַרלירן קיין צייט, האָבן זיי זיך אַלע אַריינגעפּאַקט אין איין טאַקסי און זיך אָפּגעטראָגן.

און פּלוצלינג איז אויפן הויף געוואָרן טויט־שטיל.

כ׳בין צוגעגאַנגען צום פענצטער: וואָס? קיין זכר פון די טמאני־קעס?! דער הויף — פּוסט, אויסער דער טאַקסי, וואָס זיי האָבן נישט געקענט איר פאַריכטן.

און אַזוי ווי ס׳איז שטיל געוואָרן אין הויף — אַזוי האָט די קאַזאַר־מע אָנגעהויבן טומלען. באַלד זענען אַלע געווען אויף איין אָרט. איך האָב זיך גלייך באַראַטן מיט די, וואָס זענען איינשטימיק געווען מיט מיר, און זיי געזאָגט:

— מיר מוזן איצט שאַפן אַ קאָמיטעט פאַר אָרדענונג. פאַרנעמען אַלע ערטער, וווּ ס׳געפינט זיך נאָך יידיש פאַרמעגן, וואָס די באַנדיטן האָבן נישט באַוויזן אַרויסצופירן, באַטראַכטן עס, ווי אַ געזעלשאַפטלעך אייגנטום, און נישט צולאָזן קיינעם רירן עפּעס פון דאָרט אויף אייגענער האַנט. כ׳בין זיכער, אַז פאַרטאָג וועט שוין דאָ זיין דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט, אַדורכצופירן פאַרמעל די באַפרייונג פון די לעבן־געבליבענע יידן אין דער מאַלינער קאַזאַרמע. און בכדי די באַפרייונג זאָל נישט צוגיין כאַאָטיש, מוז ביי אונדז געשאַפן ווערן אַזאַ קאָמיטעט.

נאָר דאָ האָט אויף אַ טיש באַוויזן זיך אַן אינוואַליד, ווייזט אויס — אַ קאָמוניסט פונעם ברענדאגער שטראָף־לאַגער, (איך ווייס שוין נישט היינט זיין נאָמען און ער האָט אָנגעהויבן רעדן צום עולם בערך אין אַזאַ לשון:

— צו אונדז האָט זיך געוואָנדן דער פּאַדליעץ, מ אַ י ע ר — און איבערגעגעבן, אַז די נאַצי־לייט זענען אַוועק אויף אַ פּאָר טעג, און איבערגעלאָזט אויף אים די צייטווייליקע אָנפירונג. אויסנוצנדיק זייער אָפּוועזנהייט, וויל ער מאַרגן אין דער פרי יעדן איינעם געבן אַ באַפריי־אונגס־שיין מיטן סטעמפּל פון לאַגער און מ׳וועט קענען אַרויס אומגע־שטערט פון דאַנען. דערביי וואָרנט ער אָבער, אַז ביז אין דער פרי זאָל מען זיך פאַרהאַלטן רויק, ווייל אויב מען וועט נעמען טומלען, איז נאָך אין דער קאַזאַרמע קעגנאיבער געבליבן דייטשיש מיליטער, וואָס האַלטן

אַז אויג אויפן טויער... מיר, די מיטגלידער פון „סאָלידאַריטעט", ווייסן פונקט ווי אַלע, וואָס פאַראַ נפש דאָס איז, און די סיבה פון זיין איצטיקן אויספיינען זיך איז זייער גרינג צו פאַרשטיין. פילנדיק, אַז ס׳קומט שוין דער סוף, מיינט ער צו פאַרווישן דערמיט זיינע מערדערלעכע מעשים און איינצושאַפן זיך פריינד. און הגם דער אויסוואורף וועט באַלד באַקומען זיין שטראָף, פונדעסטוועגן ראַטן מיר דאָס מאָל אים פאָלגן.

ס׳איז געוואָרן אַ גרויסער טומל און געשרייען אין זאַל:

— נידער מיט דעם נאַצי־העלפער! נידער מיט דעם פייניקער!

ס׳האָט לאַנג געדויערט, ביז דער עולם האָט זיך באַרויקט. און אַז ס׳איז שטיל געוואָרן, האָב איך אויך געזאָגט אַ פּאָר ווערטער:

— מיר דאַרפן זיך פרייען, וואָס מ׳איז לעבן געבליבן און די באַנדיטן איז נישט געלונגען אויסצופירן זייער בעסטיאַלישן פּלאַן ביזן סוף. זיי האָבן איצט פּשוט געהאַט צו טאָן מיט זיך און נישט באַוויזן אָוועקצושיקן אונדז אין די טויט־לאַגערן. מיך וווּנדערט אָבער זייער אויף מענטשן מיט פאַרשטאַנד, זיי זאָלן האָבן צוטרוי צו אַזאַ טריפהנעם ביין, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען די רעכטע האַנט פון אונדזערע פייניקער און געהאָלפן זיי געטריי אין דער אַרבעט. נאָך מער קען איך נישט פאַרשטיין — מענטשן מיט אַ פּאַרטיי־שולע זאָלן לאָזן אַראָפּפירן זיך פון וועג דורך דראָונגען, אַז כלומרשט, „קעגנאיבער זענען נאָך דאָ דייטשן". אויב די דייטשן זענען אַנטלאָפן פון ד אַ נ ע ץ, זענען זיי פון א ו מ ע ט ו ם אַנטלאָפן...

דאָ האָב איך זיך געווענדט צו אַלעמען מיט מיין פאַרשלאַג.

ס׳האָט נאָך גערעדט ט ו כ מ י י ע ר און אויך אַ מזרחיסט מיטן נאָמען — ק א פ ע ל ו ש נ י ק. ביידע האָבן אונטערשטיצט מיין מיינונג.

פון זייער אַרויסזאָגן זיך איז קלאָר געוואָרן, אַז אויך זיי זענען זיכער אַז פאַרטאָג וועלן דעלעגאַציעס פון דעם יידישן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט און פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אָנקומען מיט הילף און וועלן אונדז ענדגילטיק באַפרייען. מיר פון אונדזער זייט דאַרפן זיי אויפנעמען, ווי אַ לייטישער ציבור, און נישט ווי אַ סטאַדע. בעיקר דאַרף מען גלייך פאַרנעמען די אַלע צימערן מיט יידיש פאַרמעגן און נישט לאָזן עס ראַבעווען.

אָבער די „סאָלידאַריטעט"־מיטגלידער האָבן זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז די סכנה איז נאָך אַלץ נישט אַריבער און בכן קען מען זיך נישט דערלויבן אָפּצוּוואַרפן דעם „הילף"־פאַרשלאָג פון דעם מאיער. זיי האָבן אויפגעהויבן אַ ליאַרעם און דערמיט געשטערט אונדז צו מאַכן אָרדענונג אינעם לאַגער, און, קודם כל פאַרנעמען דעם „צייטווייליקן לאַגער־פירער" אַליין. דער סוף איז געווען, אַז דאָס האָבן אויסגענוצט נישט־ערלעכע עלעמענטן, וואָס האָבן געוואָלט באַרייכערן זיך מיט דעם רויב. אַרומלויפנדיק איבער די מאַגאַזינען, האָבן זיי אין אַ פיבערדיקער איילעניש געמאַכט פּעק, אַריינגעשלעפּט אויף די שטרויזעק מיט דער טענה, אַז דאָס איז „זייערס"... אַזוי האָבן געטאָן צענדליקער, און מיר זענען נישט געווען אין שטאַנד זיי צו שטערן.

די „יידישע קאָמוניסטן" האָבן געוואָרט, אַז מאיער זאָל זיי געבן דעם „באַפרייאונג"־שיין מיטן סטעמפּל פון לאַגער"...

פאַר „יציאת מצרים"

מידע פון פרייד און געטומל, איז מען ביסלעכווייז זיך פונאַנדער־געגאַנגען און יעדער איינער האָט גענומען זיך „גרייטן" צו דער מאַרגנדי־קער באַפרייאונג: איטלעכער האָט פאַרפּאַקט זיין ביסל בעבעכעס און זיך צוגעשפּאַרט, ווי פאַר יציאת מצרים. אָבער דער „רכוש" פונעם גרעסטן טייל לאַגערניקעס איז געווען גאָרנישט וואָשנע.

ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָט נאָר וואָס גענומען טאָגן, און שוין איז מען מיר געקומען אָנזאָגן די „בשורה", אַז איך האָב אָפּגעשאַצט די לאַגע ריכטיקער פון די „סאָלידאַריטעט"־מיטגלידער. זיי זוכן אַרום מאיערן. אָבער מאיער איז אַנטלאָפן מיט דער זעלביקער טאַקסי, וואָס אָנגעשטאָפּט מיט יידיש פאַרמעגן, איז זי געבליבן שטיין אין הויף, כלומרשט אַ צעשעדיקטע.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער מעכאַניקער, וואָס האָט געדאַרפט פאַריכטן די טאַקסי, איז געווען מאיערס אַן אייגענער, און דאָס נישט „קענען" זי ברענגען אין גאַנג איז געווען אַ סאַבאָטאַזש־אַרבעט לטובת דעם „ספאָרט־לערער"... ווי נאָר דער עולם האָט געכאַפּט אַ דרימל, האָט דער אויסוואורף געכאַפּט די מאַשין מיט דעם נאָך נעכטן פאַרלאָדענעם געפּעק און זיך אָפּגעטראָגן.

אַזוי איז צוליב די „סאָלידאַריטעט"־מענטשן פאַרפּושט געוואָרן אַ וויכטיקער ענין: אַנשטאָט צו פאַרהאַלטן רעכטצייטיק דעם מערדער און איבערגעבן אים שפּעטער דער יידישער „9־טער בריגאַדע", האָט מען דעם מיטהעלפער פון דער געסטאַפּאָ־אָנפירונג אינעם לאַגער מאלין דער־מעגלעכט צו מאַכן ויברח און אויסצומיידן דעם פּסק.

ווי נאָר עס איז געוואָרן ליכטיק אין דרויסן, איז דער גאַנצער עולם מיט הכל בכל געווען אויפן הויף. ס'האָט נישט געדויערט לאַנג, און אָט האָט מען דערהערט אַ הימיש זבענקען אין טויער און פריילעכע געשרייען, מ'זאָל אויפמאַכן: ס'זענען דאָ חברים פון בריסעל.

דער טויער איז אין איין אויגנבליק געוואָרן אויפגעריסן און ס'האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף אונדז די אמתע באַפרייער: חברים, פריינד, און משפחה...

די גליקלעכע סומאטאָכע, דאָס לאַכן און וויינען, דאָס קושן זיך און טראָגן איינס ס'אַנדערע אויף די הענט... — — — ווו נעמט מען די ווער־טער אויף איבערצוגעבן דאָס „משוגענע" גליק פון מענטשן, וואָס זענען געווען פאַרמשפּעט צו אומקום, האָבן נאָך פאַר דעם געדאַרפט אויסשטיין אַזויפיל יסורים און אין די לעצטע שעהען פאַרט אויסגעמיטן דעם טויט!.

אָבער די אומגעהייערע שמחה איז, פאַרשטייט זיך, געווען געמישט מיט ביטערניש, ווייטיק און צער: 500 לעבן־געבליבענע און באַפרייטע יידן — אין אַ כמעט „יידן ריינעם" בעלגיע!.

און איך אַליין? ווי שיקט זיך עס פאַר אַ טאַטן איבערצולעבן זיינע אייגענע קינדער?.

און דאָ האָב איך ערשט רעכט צעקייט דעם טיפן טייטש פון
אַ פאָלקס־ווערטל, וואָס כ׳האָב געהערט אַ מאָל אין מיין קינדהייט:
„אָפּגעהיט זאָל מען ווערן פון אזא ג אָ ר ג ר ו י ס ן גליק!״...

סוף

דענקמאָל פאַר די אומגעקומענע שעדלעצער לאַנדסלייט אין בעלגיע.

די ערשטע פינף, פון דער משפחה טאַבאַקמאַן

קורצע ביאָגראַפישע שטריכן וועגן צוויי, וואָס האָבן געהערט צו די אַקטיוווסטע געשטאַלטן פון דער יידישער, אַנטי־נאַצישער אונטערגרונט אין בעלגיע.

דאדע טראצקי

אין 28־טן יאָר ענדיקט ד. טראַצקי זיין שטודיום, אַלס אינזשיניער־כעמיע און באַזעצט זיך אין בריסעל. ווי אַן אָנפירנדיקער חבר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „פועלי־ציון" אין בעלגיע. מען טרעפט אים ביי די וויכטיקסטע אַרבעטן אין ישוב, ווו ער גרינדעט און פירט גלייכצייטיק אָן מיט דער ייווא־סעקציע.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה שאַפט ער און פירט אָן מיט דער קולטור־קאָמיסיע ביים ראַט פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירט אַ זייער פאַרצווייגטע טעטיקייט. אויף זיין איניציאַטיוו גרינדעט די קאָמי־סיע אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, ווו ס'ווערן געגעבן לעקציעס אויף פאַרשי־דענע געביטן. דאָדע טראַצקי ווערט פרעלעגענט פון יידישער געשיכטע.

אין מאַי 1940, בעת דעם היטלעריסטישן איבערפאַל אויף בעלגיע, אַנטלויפט כמעט דער גאַנצער יידישער ישוב פון בעלגיע קיין פראַנקרייך. אויך דאָדע טראַצקי גייט מיטן שטראָם.

ער ווערט פאַרוואָרפן, צוזאַמען מיט טויזנטער יידן פון בריסעל קיין דרום פראַנקרייך, אין דעם שטעטעלע רעוועל, וואָס געפינט זיך ביי טולוז. אויך דאָרט רוט ער נישט. ער ווערט באַלד מיטגליד פון דער פאַרזאָרגונגס־קאָמיסיע פאַר די פליטים. ער באַמיט זיך, אַז יעדער פון זיי זאָל האָבן אַ שטיקל דירה, אַ מיטאָג א. א. און איז שטענדיק גרייט צו העלפן מיט אַן עצה און צו אינטערווענירן ביי דער אָרטיקער מאַכט פאַר יעדן איינעם.

אין אָקטאָבער 1940 קומט דאָדע צוריק קיין בריסעל. צו יענער צייט האָט דער דייטשער אָקופּאַנט טאָלערירט די עקזיסטענץ פון אַ יידי־שער געמיינדע, ווי אַ רעליגיעזע קערפּערשאַפט פאַר יידן. אָבער אונטערן דעק־מאַנטל פון דער, אַזוי צו זאָגן, לעגאַלער אינסטיטוציע, ווערט געפירט אַן אינטענסיווע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פאַרן ישוב. דאָדע ווערט באַלד געשטעלט אין שפּיץ פון דער קולטור־אַרבעט: יידישע צוגאָב־שולן, ביבליאָטעק, עונג־שבת פאַר יוגנט א. א. וו.

סוף 1942, בעת עס הייבן זיך אָן רדיפות אויף יידן און די יידיש־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט ווערט צעשטערט דורך די נאַצי פאַרפאָלגונגען, ווערט ד. טראָצקי רעדאַקטאָר פון אונטערערדישן „פלאמבא", אַ פּראָנ־צוויזיש־חודשלעכע אויסגאַבע, אונטער דער אַפּוטרופּסות פון דער ס. ד. זש. (קאָמיטעט פאַר יידישער פאַרטיידיקונג). ער אַליין באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער דאָזיקער צייטונג דורך אַ ריי זייער געלונגענע און אינטערעסאַנטע אַרטיקלען. ער שטעלט אויך צו דער דיספּאָזיציע זיין דירה פאַר דער אומלעגאַלער אַרבעט. ביי אים קומען פאַר זיצונגען פון דער ס. ד. זש„ פון פּאַרטיי־קאָמיטעט, (זינט 1928 איז דאָדע מיטגליד פון דעם פּועלי־ציון צענטראַל־קאָמיטעט), פון „קעגנזייטיקער הילף". גלייכצייטיק דינט זיין דירה פאַר אַ דעפּא פון אומלעגאַלער ליטעראַטור און פאַלשע פּאַפּירן. ביי אים ווערט געשריבן און געצויגן אויפן „ראנעא" די צייטונגען „אונדזער וואָרט" און „פלאמבא".

ביזן אָנהייב 1944 איז זיין דירה געווען די צענטראַלע פון אונ־טערערדישער ווידערשטאַנדס־אַרבעט.

אין דער נאַכט פון 3־טן פעברואַר, האָבן די געסטאַפּאָ־לייט זיך אַריינגעריסן צו אים אין הויז, געמאַכט אַ שטרענגע רעוויזיע און געפינענ־דיק פאַרשידענע אומלעגאַלע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, אים מערדערלעך געשלאָגן און אָפּגעפירט אין טרויעריק־באַרימטן געסטאַפּאָ־קעלער אויף אווענו לואיז. דאָרט ווערט ער שטאַרק געפייניקט, געדראָט מיט פאַרשיקן אין דעם טרויעריקן קאָנצענטראַציע־לאַגער ברענדאָנק, און דאָך פאַראַט ער מיט קיין איין וואָרט נישט זיינע חברים און מיטאַרבעטער.

נאָך דער אויספאָרשונג ווערט ער אָפּגעשיקט אין לאַגער פון מאלין; ער ווערט פאַרמאַכט אין אַן איינצל־קאַמער, אונטער אַ ספּעציעלער אויפ־

זיכט, און ווען נאָך לאַנגע פאַרשונגען, באַגלייט פון קלעפּ און דראָ־אונגען, קריגן די געסטאַפּאָ־לייט גאָרנישט פון אים אַרויס, ווערט ער איבערגעפירט פון איינצל־קאַמער אין אַלגעמיינעם לאַגער, וואָס איז שוין אייגנטלעך אַ דערלייזונג פאַר אים.

אין מאַלין איז ער זייער לעבעדיק און פריילעך; זינגט און רעצי־טירט יידישע לידער און הייבט אַזוי אַרום די מאָראַל און מוט פון אַנדערע אינטערנירטע יידן.

דורך אַ פּאַלעסטינער אויסטויש־סערטיפיקאַט געלינגט דער אָרגאַניזאַציע אָפּצושטופּן זיין דעפּאָרטאַציע און ענדלעך דעם 9־טן יוני ווערט ער באַפרייט.

ווי נאָר ער קומט צוריק קיין בריסעל, וואַרפט ער זיך מיט ברען אין דער אומלעגאַלער אַרבעט און ווערט דעם 21־טן יולי (הגם שוין אַ „געדעקטער" דורך די „פּאַלעסטינער פּאַפּירן"), ווידער אַרעסטירט צוליב זיינע פּאָליטישע „חטאים".

דעם 3־טן אויגוסט 1944 ווערט ער דעפּאָרטירט. אין זיין קאַרטל, וואָס ער וואַרפט אַרויס פון דעפּאָרטאַציע־צוג, שרייבט ער:

„איך פאַר מוטיק מיט אַ הויך־געהויבענעם קאָפּ".

און דאָ הייבט זיך ערשט אָן דער מאַרטירער־וועג פון דאָדע טראַצקי. צוגלייך מיט צענדליקער טויזנטער יידישע דעפּאָרטירטע פון בעלגיע און מיט מיליאָנען אַנדערע יידישע קרבנות מאַכט ער אַדורך די גיהנומס פון אוישוויץ, מאַוטהאַוזען און עבענזע.

דאָרט ווערט ער געמאַטערט פון הונגער, קלעפּ און שווערער אַרבעט.

אין דער נאַכט פון 20־טן אויפן 21־טן מערץ 1945 איז ער אין לאַגער פון עבענזע, ווייט פון זיין משפחה, פון זיינע פריינד און חברים, אַן עלנטער, אַ דערשעפּטער אויסגעגאַנגען אויף תמיד.

כבוד זיין אנדענק!

מאיר טאבאקמאן

געבוירן אין שעדלעץ (פוילן) אין יאָר 1912. בעת ער ווערט אַלט 15 יאָר, פאַרלאָזן זיינע עלטערן פוילן און נאָכן פאַרבלייבן אַ קורצע צייט אין פראַנקרייך, קומען זיי קיין בעלגיע. האָבנדיק אַ פועלי־ציוניסטישע דערציונג, ווערט מ א י ר איינער פון די אַקטיווסטע חברים אין דער באָראָכאָוו־יוגנט פון בריסעל. עס דויערט נישט לאַנג און מאיר שטייט שוין אין דער שפּיץ פון דער יוגנט־אָנפירונג. ביי 21 יאָר ווערט ער אויפגענומען אין דער פּאַרטיי. זייענדיק אַ ליבהאָבער פון ספּאָרט, ווערט ער איינער פון די גרינדער פון יידישן ספּאָרט־קלוב „שטערן" און דערפירט די אָרגאַניזאַציע צו דער מדרגה פון שטאַרקסטן יידישן ספּאָרט־קלוב אין בריסעל.

1935 ווערט מאיר געווילט אין פּאַרטיי־קאָמיטעט ווו ער נעמט איבער פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטייאישע אַרבעטן און פירט זיי אויס מיט דער פולער א ח ר י ו ת.

עס ברעכט אויס די מלחמה און אין 1940 ווערט מאיר איינער פון די גרינדער פון דער אַזוי באַליבטער אָרגאַניזאַציע פון אונדזער ישוב, די „קעגנזייטיקע־הילף", ווו ער וואַרפט זיך מיט דער גאַנצער ענערגיע צו העלפן צוריקגעקומענע יידן פון פראַנקרייך. אין 1942, ווען די היטלער־בעסטיע הויבט אָן צו בושעווען אויף דער יידישער גאַס, ווערט מאיר איינער פון די אַקטיווסטע יידישע רעזיסטאַנטן. אין קאָנטאַקט מיט אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון דער בעלגישער רעזיסטאַנס־באַוועגונג ווערט ער באַשטימט דורכן פּאַרטיי־קאָמיטעט צו פירן אונטערהאַנדלונגען, בכדי אָנצושליסן אַ גרופּע חברים אין דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג.

סוף 1942, זייענדיק אין גאַס אין אַ פּאַרטיי־שליחות, טרעפט ער אָן אַ גרויסע אַבלאַווע, נישט וועלנדיק אַריינפאַלן אין די נאַצי־הענט

באַמיט ער זיך אַרויסצודרייען, אָבער איינער פון די ס״ס־לייט האָט אים באַמערקט.

מאיר באַקומט דאָן שווערע קלעפּ און ווערט געשיקט אין מאַלינער לאַגער. דאָרט פּלאַנט ער און אָרגאַניזירט דאָס שפּרינגען פון דעפּאָרטאַציע־צוג. ער באַזאָרגט זיך מיט פאַרשידענע כלים, בכדי צו מאַכן לעכער אין דיל פון וואַגאָן. דער פּלאַן איז גלענצנד געלונגען. ביי אַ צוויי הונדערט יידן באַפרייען זיך אַדאַנק דעם חבר מאירס ענערגיע און שפּרינגען פון צוג. מחמת די ווונדן פון שלעכט פאַלן ביים שפּרונגען מוז ער בלייבן עטלעכע טעג אין שטוב. קוים זיך אַביסל פאַרהיילט, שטייט ער שוין ווידער ביי אַקטיווער רעזיסטאַנץ־אַרבעט. זייענדיק דער פאַראַנטוואָרטלע־כער פאַר דער אומלעגאַלער פּרעסע ביי דער פּאַרטיי, — ליגן ביי איבּ אין שטוב זייער אָפט הונדערטער עקזעמפּלאַרן פון „ליבּער־בעלזשיק״ „פלאַמבּא״, „פראָן״, „אונדזער וואָרט״, „פרייע געדאַנקען״ (אומלעגאַלע אויסגאַבּע פון לינקע פּועלי־ציון אין דער פלעמישער שפּראַך).

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער ווערט מאיר טאַבּאַקמאַן ווידער אַמאָל געכאַפּט. נאָכאַמאָל פּרוּווט ער אַנטלויפן, אָבער עס געלונגט אים נישט, דאָס מאָל קומט ער קיין מאַלין אויף אַ פאַלשן נאָמען.

מיטן 20־טן טראַנספּאָרט ווערט מאיר ווידער דעפּאָרטירט. און נאָכאַמאָל שפּרינגט ער פון באַן!

צוריקקומענדיק קיין בּריסעל ראַטן אים חברים צו בלייבן אין שטוב. אָבער, מאיר קאָן זיך נישט דערלויבן אויף אַזאַ לוקסוס. מען מוז ראַטעווען יידישע קינדער, יידישע טאַטע־מאַמעס. און אָט איז ער ווידער אין פּאַרטיי־שליחות, דאָס מאָל ביי קלעפּן לאָזונגען קעגן אָקופּאַנט און מיט אויפרופן צו דער בעלגישער באַפעלקערונג צו העלפן יידן, וואָס שטייען מיט זיי אין קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא. ווי צופרידן איז ער געווען ווען ער האָט אויף צומאָרגנס געזען באַקלעפּט די ווענט מיט קליינע בלעטלעך און בעלגישע מענטשן לייענען זיי.

ערשטער דעצעמבער 1943. מאיר איז פאַרנומען ביים פּאַקן פּעקלעך נאַשוואַרג פאַר די יידישע אויסבאַהאַלטענע קינדערלעך. זיי זענען דאָך צוזאַמען מיט די בעלגישע קינדער, זאָלן זיי זיך אויך פרייען מיט אַ גע־שאַנק. אָבער די געסטאַפּאָ האָט איבערגעריסן זיין וווּנדערבאַרע אַרבעט,

ער ווערט ווידער אַרעסטירט, דאָס מאָל האָבן די מאַלינער געסטאַפּאָ־לייט אים דערקענט, ער געהערט צו די געשפּרונגענע. מיט אַ רויטן באַנד אויפן אָרעם ווערט אונדזער אומפאַרגעסלעכער ח׳ מאיר טאַבאַקמאַן דעפּאָרטירט צום אומקום.

כבוד זיין אנדענק!

אינהאלט פארצייכעניש

אַריינפיר — י. זרבבל	זייט	VII — VIII
פאָרװאָרט — ד״ר נ. בלומענטאַל . .	„	IX — XVI
מיינע איבערלעבונגען — י. טאַבאַקמאַן	„	1 — 212
ד. טראַצקי — ביאָגראַפישע שטריכן .	„	215 — 217
מ. טאַבאַקמאַן — ביאָגראַפישע שטריכן	„	219 — 221

פאטאגראפיעס

ראַשעל טאַבאַקמאַן	זייט	104
חיים טאַבאַקמאַן	„	110
יצחק טאַבאַקמאַן	„	111
אַבוש װערבער	„	114
שפרה װערבער	„	118
גאַבי און מנחם טאַבאַקמאַן	„	121
גאַבי און מנחם טאַבאַקמאַן	„	122
פעליאַ טאַבאַקמאַן	„	125
ז׳אָדע טראַצקי	„	170
רייזל טאַבאַקמאַן	„	178
מאיר טאַבאַקמאַן	„	179
דענקמאָל פאַר די שעדלעצער	„	213